STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02124

# YIDISHE LANDVIRTSHAFT IN STANISLOVER VOYEVODSHAFT

Yaakov Babitski

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Dr. J. Lee Shneidman*
*in memory of*
*Fannia & Bernard Shneidman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע
אַספּיראַנטור אויפֿן נאָמען פֿון ד״ר צ. שאַבאַד

אינזש׳ יעקב באַביצקי

# ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ווילנע / 1938

*Jidišer Visnšaftlexer Institut*
*Aspirantur afn nomen fun d"r C. Šabad*
*Bibliotek fun Jivo*
*Ekonomiš-statistiše sektsje*
*J. BABITSKI*
*Jidiše landvirtšaft in stanislover voje-vodšaft*

Żydowski Instytut Naukowy
Aspirantura im. dra C. Szabada
Biblioteka Jiwo
Sekcja Gospodarczo - Statystyczna
J. BABICKI
Rolnictwo żydowskie w województwie stanisławowskim

Yiddish Scientific Institute (Yivo)
Dr. C. Szabad Training Division of the Yiddish Scientific Institute
Department of Economics and Statistics
J. BABICKI
Jewish Agriculture in the Stanisławów Voivodship

PRINTED IN POLAND
DRUK. D. KREJNESA, WILNO

ווען ד״ר ב. ליבערמאַן אין סטאַניסלאַוו, מיטגליד אין ראַט פון ייִוואָ, האָט אונדז פאָרגעלייגט אַרײַנצונעמען אינזש׳ י. באַביצקיס אַרבעט אין דער אַספּיראַנטור א״נ פון ד״ר צמח שאַבאַד, האָבן מיר דאָס אָנגענומען מיט גרויס פאַרגעניגן. ס׳איז אונדז געווען זייער צום האַרצן, וואָס אַ מענטש מיט פאַכ-בילדונג גייט באַאַרבעטן אַ טעמע וואָס איז אַרויסגעוואַקסן גלײַך פון לעבן. מער ווי אַלץ פעלט דאָך אונדז אין דער הײַנטיקער ייִדישער געזעלשאַפטלעכ-קייט דער פאַרשטאַנד, אַז באַאַרבעטן אַ טעמע פון לעבן מיינט נאָך ניט שרײַבן פובליציסטיק און אַז דווקא צו פּראָבלעמען פונעם טאָג דאַרף מען זיך אויסלערנען צוגיין מיט אַ וויסנשאַפטלעכער מאָס.

איצטער זײַנען מיר נאָך מער צופרידן, וואָס מיר קענען שוין דערלאַנגען דעם לייענער די פאַרטיקע אַרבעט, בפרט אַז זי איז דורכגעגאַנגען דורך די געניטע רעדאַקטאָרשע הענט פון יעקב לעשטשינסקין.

דאָס איז די ערשטע פובליקאַציע פון דער ד״ר צמח שאַבאַד-אַספּיראַנטור בײַם ייִוואָ, אויב מען זאָל ניט רעכענען די צוויי באַריכטביכער [1]. ווי באַלד אַזוי, איז אפשר כּדאַי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מעטאָד פון אונדזער אַרבעט.

אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט קען פּרוּוון זאָגן אָדער איינס וועגן אַ סך זאַכן, אָדער אַ סך זאַכן וועגן איינס. דאָס ערשטע רופט מען גיין אין דער ברייט, דאָס צווייטע: גיין אין דער טיף. ביידע וועגן זײַנען געוויס באַרעכטיקט; קיינער וועט דאָך ניט לייקענען, אַז מען דאַרף באַאַרבעטן אַ שטייגער די ידיעות פון די פאַלקסצייילונגען, הגם דער באַאַרבעטער האָט ניט קיין שום פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די אָביעקטן פון זײַן אויספאָרשונג. אָבער אין דער אַספּיראַנטור גייען מיר, ווי ווײַט עס לאָזט זיך, אין דער טיף. מיר האַלטן, אַז דאָס איז געזינטער פאַר אָנהייבנדיקע פאָרשער, וואָס אויף אויסצובילדן זיי איז דאָך די אַספּיראַנטור געשאַפן געוואָרן, און מיר האַלטן, אַז דאָס איז פּעדאַגאָגיש וויכטיקער אויך פאַר דער ייִדישער געזעלשאַפט. זי מוז זיך צוגעוווינען צו זען דעם כּלל אין דעם פּרט, זי מוז קומען צו דערקענען, אַז איידער מען קען דעם פּרט, איז דאָס כּוללדיקע בילד אַ קאָנסטרוקציע אין דער לופטן, גאַנץ אָפט — אַ קאָנסטרוקציע אָן שום אָנשפּאַר אויף דער פעסטער ערד פון די פאַקטן.

---

[1] סעריע „אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער וויסנשאַפט" נומ׳ 18 פון 19.

אַזוי געמאָסטן שטייט י. באַביצקיס אַרבעט אויפֿן מיטן וועג. ס׳איז ניט קיין סומירונג מיט אַ בלײַער בײַם שרײַבטיש. דער מחבר דערציילט אונדז, אין וויפֿל פונקטן ער איז אַליין געווען און וויפֿל ס׳איז אים אויסגעקומען צו שמועסן מיט מענטשן. די אַלגעמיינע סכעמע האָט ער אונדז געגעבן. איצטער דאַרפֿן קומען ווײַטערדיקע טריט. ווער עס וועט לייענען מיט קאָפּ די איצטיקע אַרבעט, פֿאַר דעם וועלן אויפֿשטיין פֿראַגעס אויף איטלעכן טריט. אָט די פֿראַגעס זײַנען טעמעס פֿאַר ווײַטערדיקער פֿאָרשונג.

לאָמיר האָפֿן, אַז די ייִדישע וויסנשאַפֿט וועט אַרויסברענגען גענוג כּוחות וואָס זאָלן זיך דורך פּרעציזער פּרט-אַרבעט קענען דערגרונטעווען צו די יסודות פֿון אונדזער לעבן.

מ. ווײַנרײַך

# אינהאלט:


הקדמה פון מחבר ........ 9

ביבליאגראפיע ........ 10

ארײַנפיר ........ 11

I: אלגעמיינע ידיעות וועגן סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט ........ 26

II: צו דער געשיכטע פון דער יידישער לאנדווירטשאפט אין גאליציע בכלל און אין דער סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט בפרט ........ 45

III: דער אנטייל פון יידן אין דער ערד־פארצעלאציע אויפן שטח פון דער סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט ........ 56

IV: צאל יישובים מיט א יידישער לאנדווירטשאפטלעכער באפעלקערונג ........ 65

V: די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג ........ 71

VI: די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע בעלי־בתישקייטן ........ 80

VII: לאנדווירטשאפטלעכע בילדונג ........ 105

VIII: קולטורעלער מצב ........ 110

IX: יידישער גרויסער ערד־אייגנטום ........ 115

X: יידישע לאנדווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס ........ 118

XI: סך־הכלען ........ 129

* * *

אין מאַי 1935 האָט ד״ר בענעדיקט ליבערמאַן פֿון סטאַניסלאָוו, דער דעמאָלטיקער פֿאָרזיצער פֿון דער דאָרטיקער ייִלאָ״ג-דעלעגאַטור, מיר פֿאָרגעלייגט דורכצופֿירן אַן אויספֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט; לויט אַ הסכּם מיטן ייִוואָ איז די דאָזיקע אַרבעט אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער אַספּיראַנטור אויפֿן נאָמען פֿון ד״ר צ. שאַבאַד. די רעזולטאַטן פֿון דער אויספֿאָרשונג ווערן געגעבן אין דעם בוך.

במשך די 15 חדשים, וואָס עס האָט געדויערט מאַכן די אַרבעט, האָט ד״ר ב. ליבערמאַן נישט בלויז געשטיצט זי מאַטעריעל, נאָר ער האָט מיר כּסדר געדינט מיט זײַנע וויכטיקע אָנווײַזונגען און באַמערקונגען. פֿאַר דאָס אַלץ דריק איך אים אויס מײַן האַרציקן דאַנק.

איך דאַנק אויך די פּ״פּ י. לעשטשינסקי און ד׳ר מ. ווײַנרײַך פֿאַרן אָנפֿירן די אַרבעט און פֿאַר זייערע וויכטיקע אָנווײַזונגען, ווי אויך דעם ה׳ רעקטאָר פּראָפּ׳ וו. סטאַניעוויטש פֿון ווילנע, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן באַקומען וויכטיקע מאַטעריאַלן צו דער אַרבעט.

חוץ דעם דריק איך אויס מײַן בעסטן דאַנק דעם וואָיעוואָדישן אַמט אין סטאַניסלאָוו, די געזעלשאַפֿטן ייִקאַ און ייִלאָג אין לעמבערג, און אויך די פֿרײַנד די אינזשינירן י. זילבערשטיין, ב. צוקערמאַן און א. שאַפּיראָ, וועלכע האָבן מיר באַזונדערס פֿיל געהאָלפֿן אין דער אַרבעט מיט מאַטעריאַל און אינפֿאָרמאַציע.

עס האָבן מיר אויך געהאָלפֿן אין מײַן אַרבעט נאָך אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס, מלוכישע, מוניציפּאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע, אַ סך פּערזאָנען, געזעלשאַפֿטלעכע טוער, מלוכישע באַאַמטע, ייִדישע לאַנדווירטן און אַנדערע. זיי אַלעמען זאָג איך אַ האַרציקן יישר-כּוח.

י. באַביצקי

# ליטעראַטור און מקורים

## ליטעראַטור:


י. באָרנשטיין: דער מצב פֿון דער יידישער לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח־גאַליציע (סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט). סעפּאַראַט פֿון „ווירטשאַפֿטלעכן לעבן", וואַרשע.

באַריכטן פֿון דער הויפּט־דירעקציע צו דעם פֿאַרוואַלטונגס־ראַט פֿון יק״א פֿאַר די יאָרן, 1919, 1920, 1921 און 1929.

ב. רובשטיין: גאַליציע און איר באַפֿעלקערונג. וואַרשע 1923.

L. Babicki: Monografja kolonji żydowskiej Leipuny—powiatu wileńsko-trockiego, gminy olkienickiej (כתב־יד) 1931.

E. Baird, W. Chmielecki, B. Składziński: Organizowanie drobnych gospodarstw wiejskich. Warszawa 1934.

Fr. Bujak: Galicja. Lwów-Warszawa 1908.

J. Fierich: Broniszów – wieś powiatu ropczyckiego. Warszawa 1933.

J. Gotlieb: Rolnictwo żydowskie w Polsce ze szczególnem uwzględnieniem ruchu spółdzielczego (כתב־יד).

S. Gruiński: Materjały do kwestji żydowskiej w Galicji. Lwów 1910.

Z. Markowski, Br. Janowski, W. Swederski, J. Pawlikowski: Uwagi w sprawie zagospodarowania połonin wschodnio-karpackich w Stanisławowskiem 1928 (כתב־יד).

Pierwszy powszechny spis Rzeczypospolitej Polskiej z dnia 30. IX. 1921. Mieszkania, ludność i stosunki zawodowe. Statystyka Polski. t. XXVIII. Województwo stanisławowskie.

T. Piłat: Własność tabularna w Galicji („Wiadomości statystyczne o stosunkach krajowych", t. XII. Lwów 1891).

W. Przybysławski: Uniż. — Wieś powiatu horodeńskiego W-wa 1933.

S. Salit: Kolonja Izaaka — wieś powiatu sokólskiego. W-wa 1934.

I. Schipper: Żydzi w rolnictwie na terenie Małopolski (Żydzi w Polsce odrodzonej).

Sprawozdanie z działalności urzędów ziemskich na terenie województwa stanisławowskiego za czas ich istnienia po dzień dzisiejszy 1. IV. 1930 (כתב־יד).

J. Tenenbaum: Die Juden in der galizischen Landwirtschaft („Der Jude" 1917—1918, Berlin-Wien).

Wielka własność rolna. Statystyka Polski T. V. Warszawa 1925.

E. Храпливий: Сільске господарство галицько-волинских земель. Львів 1936.


## מקורים:


סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן פֿון דעם סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אמט.

מאַטעריאַלן פֿון דער ציילונג פֿון יאָר 1928.

יערלעכע באַריכטן, פּראָטאָקאָלן־ביכער, סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן, מעמאָריאַלן, ראַפּאָרטן פֿון די אָרגאַנאָמען, קאָרעספּאָנדענץ, אויפֿרופֿן אד״גל פֿון די געזעלשאַפֿטן „יק״א", „ייִלאַג", „חמאה", עקספּאָזיטור פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן, אין קליינפּוילן, קליינפּוילישער פֿאַרבאַנד פֿון לאַנדווירטן און בית־יתומים־פֿאַרם פֿאַר יידישע מיידלעך אין סטאַניסלאַוו.

# אַרײַנפֿיר

## ציִלן פֿון דער אַרבעט

דער ענין ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין פוילן איז בכלל אַ פּראָבלעמאַטישער. פֿאַראַן אַ מיינונג,—מען קען זי הערן אַפֿילו פֿון אַחריותדיקע ייִדישע כּלל-טוער, — אַז צום באַדויערן האָבן מיר נאָך ביז איצט ניט אין פוילן קיין ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט. אין בעסטן פֿאַל, האַלטן די דאָזיקע סקעפּטיקער, זײַנען די אַ״ג ייִדישע לאַנדווירטן ערד-אייגנטימער, וועלכע גיבן אָפּ זייער ערד צו באַאַרבעטן ניט-ייִדן אויף שותּפֿות און אַליין פֿאַרנעמען זיי זיך מיט האַנדל און אַנדערע שטאָטישע פּרנסות. אויפֿקלערן אָט די פֿראַגע, צי עס עקסיסטירט אַ ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין פוילן, און אויב יאָ, ווי אַזוי זעט זי אויס און וואָס איז איר באַטײַט אין אונדזער פֿאָלקסלעבן, דאָס איז דער הויפּטציל פֿון אונדזער אַרבעט. בכדי צו באַקומען אַן אויסשעפּיקן ענטפֿער, וואָלט מען באַדאַרפֿט מאַכן אַן אויספֿאָרשונג אויפֿן גאַנצן שטח פֿון דער פּוילישער רעפּובליק. אונדזער אַרבעט דאַרף זײַן אַן אָנהייב אויף דעם געביט. מיר האָבן אויסגעקליבן די סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט, ווײַל דאָ איז, ווי באַוווּסט, דער צענטער פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין פוילן. בײַ הײַנטיקע צײַטן דאַרף אַ וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג אויך האָבן אין זינען די פּראַקטישע אויספֿירן, וואָס מען קאָן פֿון איר אָרויסדרינגען, און אין דעם זינען האָבן מיר אויך געפּרוּווט אָוועקשטעלן די פּראָבלעם.

די פּראָבלעם פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אידענטיפֿיצירט זיך אויפֿן שטח פֿון מזרח-גאַליציע מיט דער פּראָבלעם פֿון די דאָרפֿסייִדן, וואָס באַטרעפֿן מער ווי אַ פֿערטל פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג. איבער סיבות, וואָס אונדז וועט נאָך אויסקומען צו שרײַבן וועגן זיי, קומט פֿאָר אין מזרח-גאַליצ־שן דאָרף אַ צווייִקער פּראָצעס: אַ ג ר אַ ר י ז י ר ו נ ג פֿון די י ִ ד ן און ק אָ מ ע ר צ י אַ ל י ז י ר ו נ ג פֿון די פּ ו י ע ר י ם. פֿון געשיכטלעכער פּערספּעקטיווע באַטראַכט איז די אַגראַריזירונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אפֿשר אַ פּאָזיטיווע ערשײַנונג, הגם זי איז ניט אָרויסגעוואַקסן פֿון אינעווייניק. בעת ווען דער קאָמערציאַליזירונג-פּראָצעס פֿון די פּויערים ווערט שטאַרק געשטיצט דורך דער מלוכה און דער געזעלשאַפֿט, האָט די ייִדישע געזעלשאַפֿט ביז ניט לאַנג אין גאַנצן איגנאָרירט דעם דאָרפֿסייִד און געלאָזן אים אַליין זיך ראַנגלען מיט זײַן שווערן גורל. ערשט אין די לעצטע צײַטן האָט מען זיך אָרומגעזען, אַז אַ גרויסער פֿעלער ווערט דערמיט באַגאַנגען. עס זײַנען

אין מזרח-גאַליציע אויפֿגעקומען געזעלשאַפֿטן, וועלכע האָבן אַ ציל צו פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די דאָרפֿישע ייִדן, גענויער נאָר פֿון די לאַנדווירטן. יעדער דאָרפֿישער ייִד איז אָבער בײַ דער הײַנטיקער לאַגע פּאָטענציעל אַ לאַנדווירט.

## מעטאָדן פֿון דער אַרבעט און באַנוצטע מאַטעריאַלן

עס איז שוין בײַ הײַנטיקן טאָג פֿאַראַן אַ היפּשע וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור וועגן דער לאַנדווירטשאַפֿט אין פּוילן. ס׳רובֿ זײַנען דאָס מאָנאָגראַפֿיעס פֿון דערפֿער, פּאָוויאַטן אָדער גאַנצע וואָיעוואָדשאַפֿטן. אין שײַכות מיט דעם האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט אַ געוויסע מעטאָדיק, און די נײַע אַרבעטן ברענגען שוין ניט אַרײַן אין דעם פּרט קיין נײַעס. די צוויי מאָנאָגראַפֿיעס וועגן ייִדישע דערפֿער, וועלכע זײַנען אַרויס ביז איצט אין דער פּוילישער שפּראַך,[1] זײַנען אויך געמאַכט געוואָרן לויטן אָנגענומענעם שאַבלאָן.

צו אונדזער אַרבעט אָבער האָבן מיר ניט געהאַט קיין פֿאַרטיקע מוסטערן מחמת דער אייגנאַרטיקייט פֿון דעם געפֿאָרשטן אָביעקט. ניטאָ אויפֿן שטח פֿון מזרח-גאַליציע קיין הונדערט-פּראָצענטיקע ייִדישע דערפֿער, אַפֿילו ניט קיין דערפֿער מיט אַ ייִדישער מערהייט. די דערפֿער זײַנען ס׳רובֿ באַוווינט דורך אוקראַינישע פּויערים, און צווישן זיי וווינען אַ קליינע צאָל ייִדישע משפּחות, אין זייער אַ סך פֿאַלן—איינע אָדער צוויי. האָט זיך הייסט עס געשטעלט די פֿראַגע, ווי אַזוי זאָל מען אויספֿאָרשן אָט דעם טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער געגנט.

איין זאַך איז געווען קלאָר גלײַך פֿון אָנהייב: אויב מען וויל דערקענען אַדעקוואַט אַ געוויסע סבֿיבֿה, מוז מען קומען אין אַ דירעקטער באַרירונג מיט איר. און מיר האָבן טאַקע דעם דאָזיקן כּלל אָפּגעהיט אין אונדזער אַרבעט. צוליב באַקענען זיך מיט דער סבֿיבֿה וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצופֿאָרשן האָבן מיר אָנגעווענדט דעם מעטאָד פֿון אַ נ ק עט ע און אי נ ט ע ר וו י ו.

די אַנקעטע האָט געהאַט אַ ציל ניט בלויז אויפֿצוזאַמלען דעם ציפֿערדיקן מאַטעריאַל, נאָר אויך צו באַקומען גענויע ידיעות וועגן די קאָנקרעטע לעבנס-תּנאָים פֿון דעם ייִדישן לאַנדווירט דורך ווײַלן אין זײַן סבֿיבֿה במשך אַ געוויסער צײַט.

לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 געפֿינען זיך אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט 671 ייִשובֿים, מיט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג. ווען מען וואָלט געקאָנט באַזוכן אַלע פּונקטן און אויספֿאָרשן זיי דורך אונדזער אַנקעטע, וואָלט זיך באַקומען אַ פֿולקומען און אויסשעפּיק בילד פֿון דעם מצבֿ. אָבער בײַ די פֿינאַנציעלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן די ייִדישע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, איז דאָס אַן

---

1 a) L. Babicki, Monografja kolonji żydowskiej Lejpuny, powiatu Wileńsko-trockiego. Warszawa 1931 (מאַנוסקריפּט).

b) S. Salit, Kolonja Izaaka — wieś powiatu Sokolskiego.

אומדערגרייכלעכער אידעאַל. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט באַשליסן צו גיין מיטן דוגמאות-מעטאָד: די אַנקעטע האָבן מיר אויסגעפֿילט נאָר אין 20 פּונקטן.

די 20 פּונקטן האָבן מיר אויסגעקליבן לויט אַ הסכּם מיט דעם לעמבערגער ביוראָ פֿון יִיקאָ, וואָס האָט זינט 1931 געפֿירט אַן אויספֿאָרשערישע אַרבעט אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, און מיט די ייִדישע כּלל-טוער פֿון סטאַניסלאַוו.

בײַם אויסקלײַבן האָבן מיר געהאַט אַזוינע קריטעריומס:

1) נעמענדיק אין אַכט, אַז די סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז אין פֿיזיאָגראַפֿישן און ממילא אויך אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכן זינען זייער פֿאַרשיידנאַרטיק, האָבן מיר אויסגעקליבן פּונקטן, וואָס ליגן אין פֿאַרשיידענע ראַיאָנען פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט.

2) אין שײַכות מיט דער ניט רעגלמעסיקער קאָנצענטרירונג פֿון ייִדישע לאַנדווירטן אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט האָבן מיר אויסגעקליבן פּונקטן מיט אַ גרעסערער און קלענערער צאָל ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משפּחות.

3) מיר האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דעם, צי דער אָפּגעקליבענער פּונקט איז אַן אַדמיניסטראַטיווער איינס, ווײַל די אַרבעט באַהאַנדלען מיר פֿון קוקפּונקט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער פּאָליטיק; פּראַקטיש קען דאָך קומען אין באַטראַכט נאָר אַן אמתע קאָנצענטרירונג, נישט קיין אַדמיניסטראַטיווע.

ווי אַ באַשטעטיקונג פֿאַר דער ריכטיקייט פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט קען דינען דער דורך אונדז אויסגעקליבענער פּונקט גוואָזדזיעץ, וועלכער ליגט בײַ דעם דאָרף קאָמענע אין נאַדווערנער פּאָוויאַט. דער דאָזיקער פּונקט איז אַ כּמו ייִדישע קאָלאָניע (אַזוי רופֿט מען עס אין דער געגנט): אַ קליין געסל, וואָס פֿון ביידע זײַטן געפֿינען זיך 5 ייִדישע הײַזער, איינס האַרט בײַם צווייטן. די 5 ייִדישע משפּחות וועלכע געפֿינען זיך דאָ לעבן זיך אויס צוזאַמען; אַדמיניסטראַטיוו געהערן זיי אָבער צו 2 „גראָמאַדעס" און אַפֿילו צו 2 פּאָוויאַטן.

4) אַ גרעסערע צאָל פּונקטן האָבן מיר אָפּגעקליבן אין די געגנטן ווו עס וווינען ייִדן-לאַנדווירטן, וועלכע באַאַרבעטן ס׳רובֿ אַליין זייערע פֿעלדער. דאָס לעבן פֿון אָט די ייִדן האָט אונדז אינטערעסירט צום מערסטן.

בײַ עטלעכע פּונקטן האָבן מיר זיך גערעכנט מיט געוויסע ספּעציפֿישע דערשײַנונגען. למשל דאָס דאָרף וויעזשבאָוויעץ (קאָסעווער פּאָוויאַט) האָבן מיר אויסגעקליבן ווי אַ סעדערײַ-פּונקט; די דערפֿער סלאָבידקע-לעסנע און ראַקאָווטשיק (קאָלאָמייער פּאָוויאַט), וועלכע מיר באַהאַנדלען ווי איין פּונקט, האָבן מיר אויסגעקליבן מחמת דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז דאָרטן דורכגעפֿירט געוואָרן דורך יִיקאָ, אד"גל.

די רשימה פֿון די אויסגעקליבענע פּונקטן, זייער אַלגעמיינע צאָל אײַנוווינער (לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931), אַלגעמיינע (דערין אויסגעפֿאָרשטע) צאָל ייִדישע משפּחות (לויט דער פּערזענלעך דורכגעפֿירטער ציילונג אין 1935) שטעלט פֿאָר די טאַבעלע I.

## טאַבעלע I

### רשימה פון די אויסגעקליבענע פונקטן

| נאָמען פון פונקט | פאָוויאַט | אַלגעמיינע צאָל איינוווינער | ייִדישע משפחות | |
|---|---|---|---|---|
| | | | אַלגעמיינע צאָל | אויסגעפאָרשטע |
| 1. צערקאָוונע . . . . | דאָלינע | 1.034 | 7 | 7 |
| 2. טשאָרטאָוויעץ . . . | האָראָדענקע | 5.463 | 67 | 59 |
| 3. פּטשאַן . . . . | זשידאַטשיוו | 827 | 4 | 4 |
| 4. רידע . . . . | „ | 1.143 | 11 | 11 |
| 5. יאַצקיווקע און סלאָבידקע . | טאָלמעטש | 2.141 | 10 | 9 |
| 6. אָסאָוויעץ . . . | נאַדווערנע | [1] | 5 | 5 |
| 7. גוואָזדיעץ . . . | „ | [1] | 5 | 5 |
| 8. סטאַרינע . . . | „ | 2.915 | 29 | 27 |
| 9. טשערניעוו . . . | סטאַניסלאָוו | 2.791 | 74 | 67 |
| 10. כאָמיאַקוּוו (דאָרף) . . | „ | 1.015 | 9 | 8 |
| 11. כאָמיאַקוּוו (קאָלאָניע) . . | „ | [2] 32 | 9 | 9 |
| 12. ליסיעטיטש . . . | סטרי | 2.318 | 19 | 19 |
| 13. סטעצאָווע . . . | סניאַטין | 3.935 | 30 | 27 |
| 14. פּידוויסאָקע . . . | „ | 2.116 | 12 | 9 |
| 15. ראַקאָוטשיק און סלאָבידקע-לעסנע | קאָלאָמיי | 3.540 | 26 | 26 |
| 16. קליין-קאַמענקע . . | „ | 1.120 | 14 | 14 |
| 17. פּעטראָנקע . . . | קאַלוש | 2.691 | 14 | 14 |
| 18. וויעזשבאָוויעץ . . | קאָסעוו | 2.454 | 26 | 23 |
| 19. אייבערשטער סערניק . . | ראָהאַטין | 1.836 | 16 | 14 |
| 20. קאָנירשאָק . . . | „ | 1.976 | 9 | 7 |

אונדזער „אַנקעטע וועגן דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעל-קערונג" איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויטן מוסטער פון דער „אַנקעטע וועגן די באַשעפטיקונגען אין די קליינע דאָרפישע ווירטשאַפטן", וועלכע איז דורכגע-

[1] פאַר דעם פונקט, וועלכער שטעלט ניט פאָר קיין אַדמיניסטראַטיווע איינס, איז די צאָל איינוווינער ניט פאַרעפנטלעכט. דאָס איז אַ קליין בײַדערפל, וווּ אויסער די ייִדישע וווינען אויך עטלעכע ניט-ייִדישע משפחות.

[2] בלויז ייִדן.

פֿירט געוואָרן מיט אַ געוויסער צײַט צוריק דורך דעם „אינסטיטוט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער ווירטשאַפֿט” אין וואַרשע. מיר האָבן זי צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פֿון קליינע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעל־הבתּישקייטן. די אַנקעטע באַשטייט פֿון אַזוינע פֿיר טיילן: א. פֿרעגבויגן I — באַהאַנדלט אַלגעמיינע פֿראַגעס פֿון דעם געפֿאָרשטן פּונקט (באַן־סטאַציע, פּאָסט, ווײַטקייט פֿון מאַרק אד״גל); ב. פֿרעגבויגן II — באַהאַנדלט די פֿאַמיליע־פֿראַגעס (נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען, עלטער, בילדונג, באַשעפֿטיקונג אד״גל); ג. פֿרעגבויגן IIא—באַהאַנדלט די ווירטשאַפֿטלעכע פֿראַגעס פֿון די בעל־הבתּישקייטן (גרייס פֿון דער ווירטשאַפֿט, בנינים, לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר, פֿאַרזייטער שטח, שאָכבערעט אד״גל). אויסגעפֿילט אים האָבן מיר פֿאַר ווירטשאַפֿטן, וועלכע האָבן מינימום 0,5 האַ (קלענערע אַ״ג „קאַרליקעס־ווירטשאַפֿטן” קענען ניט באַטראַכט ווערן ווי לאַנדווירטשאַפֿטן), מאַקסימום 50 האַ ערד[1]; ד. פֿרעגבויגן IIב — צוגעפּאַסט צו די פֿאַרהעלטענישן פֿון ייִדישע דאָרפֿישע משפּחות, וועלכע האָבן נישט דעם דורך אונדז אָנגענומענעם מינימום ערד 0,5 האַ. דורך דעם פֿרעגבויגן האָבן מיר געוואָלט דער עיקר דערגיין די פּרנסות פֿון דאָרפֿישע ייִדן וואָס האָבן ניט קיין ערד.

ווײַטער וועט דער לייענער געפֿינען דעם טעקסט פֿון די פֿרעגבויגנס, וואָס לויט זיי איז אונדזער אַנקעטע אויסגעפֿירט געוואָרן. אין דעם אָריגינאַל זײַנען די פֿראַגעס געווען געשטעלט אויך אויף פּויליש.

## פֿרעגבויגן I

(פֿאַר דעם געפֿאָרשטן ייִשובֿ)

1. נאָמען פֿון ייִשובֿ (קאָלאָניע, דאָרף, „זאַשטשיאַנעק”, פֿאָלוואַרק), 2. גמינע, 3. פּאָוויאַט, 4. וואָיעוואָדשאַפֿט, 5. ייִדישע קהילה, 6. די נאָענטסטע באַן־סטאַציע, 7. מהלך פֿון דער נאָענטסטער שטאָט (שטעטל), ווו עס קומען פֿאָר מערק, 8. צי גייט אַדורך דורכן ייִשובֿ אַ וויכטיקערער וועג, 9. אויב ניט, אָנווײַזן ווי ווײַט איז פֿון ייִשובֿ ביזן נאָענטסטן וויכטיקערן וועג, 10. די אַלגעמיינע צאָל אײַנוווינער: א) ייִדן, ב) פּאָליאַקן, ג) אוקראַינער, 11. די אַלגעמיינע צאָל לאַנדווירטן: בתוכם א) ייִדן, ב) פּאָליאַקן, ג) אוקראַינער, 12. צי איז פֿאַראַן אין דעם ייִשובֿ אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָאָפּעראַטיוו: א) אַ ייִדישער, ב) אַ פּוילישער, ג) אַן אוקראַינישער, 13. אויב יאָ, וועלכער? א) קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו, ב) מילך־קאָאָפּעראַטיוו, 14. צי קומט אין ייִשובֿ אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אינסטרוקטאָר? א) אַ ייִדישער, ב) אַ פּוילישער, ג) אַן אוקראַינישער, 15. צי העלפֿט דער ניט־ייִדישער אינסטרוקטאָר די ייִדישע לאַנדווירטן און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן? 16. צי העלפֿט דער ייִדישער אינסטרוקטאָר די ניט־ייִדישע לאַנדווירטן און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן? 17. קולטיווירונג פֿון באַזונדערע געוויקסן: א) ווינטער־תּבֿואה, ב) זומער־תּבֿואה, ג) קאַרטאָפֿל, ד) בוריקעס, ה) שויטנדיקע, 18. שפּראַך: 1) אויף וואָסער שפּראַך רײדן ייִדן? א) דער־

---

[1] 50 האַ איז בײַם סטאַטיסטישן הויפּטאַמט אָנגענומען פֿאַר אַ גרענעץ צווישן קליינע און גרויסע ווירטשאַפֿטן.

וואַקסענע צווישן זיך, ב) דערוואַקסענע מיט קינדער, ג) קינדער צווישן זיך, 2) צי רעדט אָדער פֿאַרשטייט די ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג ייִדיש? 19. צי זײַנען פֿאַראַן שולן אין דעם ייִשובֿ, אויב יאָ, איז וואָסערע, 20. אין וואָסערע שולן גייען די ייִדישע קינדער? 21. צי זײַנען פֿאַראַן אין דעם ייִשובֿ ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אויב יאָ, איז וואָסערע? 22. צי איז פֿאַראַן אין ייִשובֿ אַ ביבליאָטעק (כאַראַקטעריזירן זי), 23. באַציִונגען צווישן ייִדן און ניט־ייִדן בכלל, און צווישן די לאַנדווירטן בפֿרט, באַמערקונגען.

## פֿ ר ע ג ב ו י ג ן II

נאָמען פֿון ייִשובֿ, גמינע, פּאָוויאַט, וואָיעוואָדשאַפֿט, נאָמען און פֿאַמיליע פֿון לאַנדווירט, צי באַשטייט די ווירטשאַפֿט נאָר פֿון אַ קיכשטוב אַליין (יאָ, ניין). אויב די ווירטשאַפֿט באַשטייט נישט פֿון אַ קיכשטוב אַליין, איז וויפֿל צימערן זײַנען פֿאַראַן?

1. לויפֿנומער, 2. נאָמען און פֿאַמיליע, 3. שײַכות צום ראָש פֿון דער בעל־הבתישקייט, 4. געשלעכט: מ. מענלעך, וו. ווײַבלעך, 5. ווען געבוירן, 6. אָרט פֿון געבוירן (ייִשובֿ, גמינע, פּאָוויאַט, וואָיעוואָדשאַפֿט), 7. ציווילער שטאַנד, 8. דער הויפּטפֿאַך, אָדער די אַרבעט, וואָס איז דער הויפּט־מקור פֿון חיונה, 9. בײַפֿאַך, זײַטיקע פֿאַרדינסט־אַרבעט, אָדער זײַטיקער מקור פֿון חיונה, 10. פֿריִערדיקער הויפּטפֿאַך און די סיבות פֿון בײַטן דעם פֿאַך, 11. הויפּטפֿאַך פֿונעם פֿאָטער פֿון ראָש פֿון דער בעל־הבתישקייט, 12. הויפּטפֿאַך פֿונעם פֿאָטער פֿון דעם ראָשס ווײַב, 13. ווי לאַנג וווינט ער אין דעם ייִשובֿ, 14. פֿון וואַנען געקומען, 15. אַלגעמיינע בילדונג, 16. פֿאַכבילדונג, פּערזאָנען וואָס זײַנען ניטאָ אויפֿן אָרט אין מאָמענט ווען די אַנקעטע ווערט דורכגעפֿירט 17. פֿאַר וואָס איז ניטאָ דער מיטגליד אין דער בעל־הבתישקייט (דינט אין מיליטער, אַוועק אַרבעטן בײַ יענעם, איז אין שול, אַוועק אין שטאָט אאַז״וו)? 18. אויב די פּערזאָן לעבט זעלבשטענדיק מחוץ דער בעל־הבתישקייט, אָנווײַזן: ווו, ווען אַוועק, מחמת וואָס, מיט וואָס ער (זי) באַשעפֿטיקט זיך און צי ער (זי) האַלט אויף די פֿאַרבינדונג מיט דער משפּחה?

## פֿ ר ע ג ב ו י ג ן IIא

ייִשובֿ, גמינע, פּאָוויאַט, וואָיעוואָדשאַפֿט, נאָמען און פֿאַמיליע פֿון לאַנדווירט

### I. איצטיקער מצבֿ פֿון באַזיץ

### 1. ע ר ד

דער שטח אַרום און אַרום (בײַ דער צאָל אָנווײַזן דעם מעסטאַיִנס), לאַנדווירטשאַפֿטלעך אויסגענוצטע ערד (אַקערערד, לאָנקעס, פּאַשעערד), ווײַנפּלאַץ, וואַלד, ערד ניט צום ניצן, אַנדערע ערד, סך־הכּל. אין דעם: אייגענע ערד, אַרענדירטע ערד, אַנדערע ערד (אָנווײַזן וואָסערע), וויפֿל ערד האָט דער לאַנדווירט אָפּגעגעבן אין אַרענדע אַנדערע פּערזאָנען, ניט רעכענענדיק דאָס אויבן דערמאָנטע.

### 2. בנינים

געמויערטע, הילצערנע, ליימענע, פֿון אַנדערע מאַטעריאַלן, געדעקט מיט פֿײַערזיכערן מאַטע־ריאַל, האָלץ, שטרוי, אַנדערע, באַמערקונגען. אין דעם: א. וווין־בנינים, ב. קרשטאַל, ג. שטאַל, ד. שײַער, ה. אַנדערע. צי איז פֿאַראַן אין שטוב אַ פּאָדלאָגע, אויב יאָ, וועלכע?

### 3. לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשירים און מאַשינען

נאָמען, צאָל, באַמערקונגען. אין דעם: אַקער־אײַזנס (אײַנשנײַדיקע, צווייַשנײַדיקע), בראָנעס (געווײנטלעכע, ספּרוזשיניקע), קולטיוואַטאָרס, וואַלן, אַרומשיטערס, זייערס, דרעשמאַשינען, ווייעלקעס און מילכלעך, טריערן, מאַניעזשן, סעטשקאַרניעס, כורן, צענטריפֿוגעס, לאָנקע־מאַשינען, בינשטאָקן (ראַמענדיקע, קלעצערנע, שטרויענע), בינערשע געצײַג, צענטריפֿוגע.

### 4. לעבעדיקער אינווענטאַר

נאָמען, וויפֿל שטיק, באַמערקונגען. אין דעם: פֿערד (אַרבעטפֿערד, לאָשיקעס), הערנערפֿיך (קי, בײַקן, אָקסן, יאַלעווקעס, קעלבער), שעפּסן, ציגן, עופֿות (הינער, גענדז, קאַטשקעס), בינען־ראָיען.

## II. געוויקסן־פּראָדוקציע

פֿאַרזייטער און פֿאַרזעצטער שטח, שטח פֿון די שמיטה־פֿעלדער.

1. ספּעציפֿיקאַציע פֿון די קולטורן: נאָמען פֿון געוויקס, פֿאַרזייטער שטח, גערעטעניש, סכום פֿון אַלגעמיינעם פֿאַרזיי לשם קאָנטראָל, באַמערקונגען. אין דעם: תּבֿואות (קאָרן, גערשטן, האָבער, גריקע, הירזש, קוקורוזע), געפֿיטערדיקע און שויטנדיקע קולטורן, (אַרבעס, וויקע, קאָנישינע לוצערנע), טעכנישע קולטורן, דורכאַקער־קולטורן (קאַרטאָפֿל, פֿוטער־בוריקעס, אַנדערע), 2. וויפֿל און וואָסערע פּרוכטביימער פֿאַרמאָגט די בעל־הבתּישקייט? 3. צי באַנוצט מען קינסטלעכע ראַמיסטונג? 4. אויב ניט, צי באַנוצט פֿריִער, ווען? 5. אויב יאָ, וואָסערע, וואָסער סכום? 6. צו וואָסערע געוויקסן און ווען? 7. וויפֿל באַמיסטיקונג האָט די בעל־הבתּישקייט פֿאַרניצט אין דער צײַט פֿון דער בעסטער קאָניונקטור? 8. דער אופֿן זייען, 9. אָפּשטאַם פֿון דער זריעה און פֿון די זעצלינגען, 10. צי איז אין דער בעל־הבתּישקייט פֿאַראַן אַן אײַנגעשטעלטער פּרוכטבײַט, 11. אויב יאָ, וואָסערער, 12. ראָטאַציע, 13. אויף וועלכע געוויקסן נעמט מען שטאַלמיסט.

## III. בעלי־חיים־פּראָדוקציע

א. געקויפֿט, ב. אַליין אויסגעהאָדעוועט. אין דעם: 1. אָפּשטאַם פֿון דעם פֿיך, 2. צי האָדע־וועט די בעל־הבתּישקייט פֿיך אויף אָפּפֿאַשען, 3. צי ווערט די קו באַנוצט צו דער אַרבעט, 4. זומער־געפֿיטער, 5. ווינטער־געפֿיטער, 6. וואָסער גרונטיקן געפֿיטער ניצט די בעל־הבתּישקייט, וואָסער סכום, 7. מיט וואָסער בײַק דעקט מען די קי, 8. אין וועלכן עלטער לאָזט מען צו די יאַלעווקע צום בײַק, 9. ווי אַזוי האָדעוועט מען די קעלבער, 10. ווי אַזוי ווינטערן די בינען, 11. ווי אַזוי האַלט מען דאָס מיסט.

## IV. עקאָנאָמישע באַדינגונגען

### 1. דער אופן פון אײַנשאַפן זיך אייגענע ערד

פון ווענען, ווען, באַמערקונגען. אין דעם: געקויפט, געירשנט, אײַנגעשאַפט זיך אויף אַן אַנדער וועג (אָנווײַזן ווי אַזוי).

### 2. אַרענדע

א. אויב מען האָט הײַנטיקס יאָר אָפּגעגעבן ערד אין אַרענדע צו אַנדערע פּערזאָנען, רעכנט אויס, אויף וואָסערע תּנאים, ב. אויב די ערד וואָס געהערט צו דער בעל-הבתישקייט איז אין גאַנצן אָדער טיילווײַז ניט קיין אייגענע, ווײַזט אָן בפּרטיותדיק, פון ווען אָן און אויף וואָסערע תּנאים די בעל-הבתישקייט געניסט פון דער ערד.

### 3. שינויים וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער בעל-הבתישקייט פאַר די יאָרן 1914 — 1935

א. קאָמאַסירט געוואָרן, ב. אַרײַן אין שאָכבערעט מחמת, ג. פאַרגרעסערט געוואָרן פון פּאַרצעלאַציע אויף, פאַרגרעסערט געוואָרן דורך צוקויפן אויף, פאַרגרעסערט געוואָרן אויף אַן אַנדער וועג אויף, ד. פאַרקלענערט געוואָרן איבער חלוקה אין דער משפּחה אויף, פאַרקלענערט געוואָרן מחמת פאַרקויפן אויף, פאַרקלענערט געוואָרן איבער אַנדערע סיבות, ה. נײַ אויפגעקומען פון פּאַרצעלאַציע, נײַ אויפגעקומען פון מישפּחה-חלקים, נײַ אויפגעקומען אויף אַן אַנדער וועג, ו. געבליבן אָן שינויים.

### 4. קאָמאַסאַציע

א. צי איז די ערד וואָס געהער צו דער בעל-הבתישקייט אין איין שטיק אָדער אין אַ שאָכברעט? אויב אין אַ שאָכברעט, איז פון וויפל שטיקער באַשטייט די ערד? ב. אויף וועלכן מהלך פון שטוב (פון דיווירטשאַפטלעכע בנינים) געפינט זיך דער ווײַטסטער ערד-חלק?

### 5. סערוויטוטן

א. צי געניסט די ווירטשאַפט פון סערוויטוטן? ב. אויב יאָ, פון וואָסערע? ג. אויף וועמען ליגט די לאַסט פון דעם סערוויטוט?

### 6. ערד-שותפותן

א. צי געניסט די בעל-הבתישקייט פון ערד-שותפותן? ב. אויב יאָ, אָנווײַזן דעם שטח (אַקערערד, היילאָנקעס און פּאַשעערד) וואָס געפינט זיך אין שותפישן באַזיץ, ג. אופן פון געניסן פון ערד-שותפותן: אין נאַטור, אָפּטרעטן די אַנדערע ניצער דעם חלק פאַר געלט, פאַר אַנדערע צודינונגען אדג"ל.

### 7. באַשעפטיקונג

א. ווי גרויס וואָלט לויט דער מיינונג פון לאַנדווירט געדאַרפט זײַן זײַן בעל-הבתישקייט, כּדי אויסצוהאַלטן זײַן משפּחה, ב. וואָס טוען, אָדער וואָס האָבן בדעה צו טון, די טיילווײַז באַשעפטיקטע מיטגלידער פון דער בעל-הבתישקייט? ג. וויפל געדונגענע אַרבעטקראַפט ניצט די בעל-הבתישקייט? ד. וואָסערע אויסאַרבעטונגען פון פאָלקס-אינדוסטריע ווערן פּראָדוצירט אין דער בעל-הבתישקייט און אין וואָסער סכום?

## 8. אפזאץ פון פראדוקטן

א. צי געניסט די בעל־הבתישקייט ביים פארקויפן אדער ביים קויפן פון דער הילף פון א קאאפעראטיוו? ב. אויב יא, איז מיט וואס? ג. פראדוקטן וואס ווערן פארקויפט, ד. פראדוקטן וואס ווערן געקויפט.

## 9. פארברויך

א. צי קלעקט די פראדוקציע פון די וויטערדיקע געוויקסן אויף צו באפרידיקן די באדערפענישן פון דער שטוביגער בעל־הבתישקייט? אויב ניט, וויפל ווערט דערקויפט? קלעקט, ווערט דערקויפט (קארן, קארטאפל), ב. וויפל צוקער גייט אוועק אין דער בעל־הבתישקייט אין א וואך צייט? וויפל זאלץ גייט אוועק אין דער בעל־הבתישקייט אין א וואך צייט? וויפל פלייש גייט אוועק אין דער בעל־הבתישקייט אין א וואך צייט? ג. וויפל גייט אוועק אין דער בעל־הבתישקייט אין א וואך צייט אויף טאבאק? וויפל גייט אוועק אין דער בעל־הבתישקייט אין א וואך צייט אויף אלקאהאל?

## 10. פינאנציעלער מצב

א. צי האט דער לאנדווירט פארפליכטונגען? אויב יא, ספעציפיצירן: ב. צי קומט די בעל־הבתישקייט געלט־חובות? ג. אויב יא, איז ווו, ווען, און אויף וועלכע תנאים זיינען זיי געמאכט געווארן? ד. אויף וואס איז אוועק דאס געליענע געלט? ה. צי האט די בעל־הבתישקייט חובות אין נאטור? ו. אויב יא, אויף וועלכע תנאים זיינען זיי געמאכט געווארן? ז. וויפל שטייערן צאלט די ווירטשאפט יערלעך? (מלוכישע, קאמונאלע, קהילה־עטאט), ח. צי איז די בעל־הבתישקייט הינטערשטעליק אין שטייערן? אויב יא, אויף וואסער סומע? ט. צי באקומט די ווירטשאפט געלט פון דער זייט? י. אויב יא, איז פון וואנען, פון וועמען, שטענדיק אדער צופעליק, וויפל?

## פרעגבויגן IIב

### פאר פערזאנען וואס פארמאגן ניט קיין מינימום ערד

### יישוב, גמינע, פאוויאט, וואיעוואדשאפט, נאמען און פאמיליע פון ראש פון דער משפחה

1. הויפטפאך, אדער וויכטיקסטער מקור פון חיונה, 2. צי האט ער (זי) פארמאגט ווען עס איז אן אייגענע לאנדווירטשאפטלעכע בעל־הבתישקייט? אויב יא: ווו, ווי גרויס און פאר וואס פארלוירן די בעל־הבתישקייט? 3. צי האט ער (זי) ווען עס איז געהאלטן אין ארענדע א לאנדווירטשאפטלעכע בעל־הבתישקייט? אויב יא: ווו, ווי גרויס, פאר וואס אויפגעהערט צו ארענדירן? 4. צי שטאמט ער (זי) פון א משפחה לאנדווירטן? אויב יא, פאר וואס האט ער אויסגעקליבן דעם איצטיקן פאך? 5. צי פארמאגט ער (זי) אן אייגן הויז? 6. צי פארמאגט ער (זי) א לעבעדיקן אינווענטאר? (אויב יא, ספעציפיצירן), 7. צי גיט דער הויפטפאך אן עקסיסטענץ־מינימום? 8. צי איז ער (זי) שולדיק געלט? 9. צי באקומט ער (זי) געלט פון דער זייט? 10. צי האט ער (זי) בדעה זיך צו פארנעמען מיט לאנדווירטשאפט?

די אויבן געבראַכטע אַנקעטע פלעג איך אויספילן אייגנהענטיק, גייענדיק פון הויז צו הויז, ס׳רובֿ אין באַגלייטונג פון אַן אָרטיקן מענטשן. איך פלעג אויך אַרומזען דיווירטשאַפטלעכע בנינים, דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, און ווי ווייט ס׳האָט זיך געלאָזט, אויך די פעלדער. אין גאַנג פון דער אַרבעט האָב איך זיך נאָך פאַרפעסטיקט אין דער איבערציַיגונג, אַז נאָר אייגנהענטיק אויסגעפילטע אַנקעטעס קענען ברענגען די געהעריקע רעזולטאַטן; אויפן אָרט זיַינען פשוט ניטאָ גענוג אינטעליגענטע מענטשן וואָס זאָלן דאָס קענען דורכפירן. פון די מניעות אויף וועלכע איך האָב זיך אָנגעטראָפן וויל איך דערמאָנען:

1) די יידישע לאַנדווירטן (אַגבֿ די ניט־יידישע אויך) קענען ניט, ווי פאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, זייער אייגענע בעל־הבתישקייט: געוויי ווייפל פעלד זיי פאַרמאָגן, וואָס פאַר אַ שטחים זיי האָבן פאַרזייט מיט די באַזונדערע מינים, וויפל און וועלכע קינסטלעכע מיסטן זיי ניצן, אד״גל.

2) די יידישע דאָרפסלייַט שטייען נאָך לײַדער אויף אַ זייער נידעריקער קולטורעלער מדרגה. וואָס עס איז אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, פאַרשטייען זיי ניט, וועגן ייווא האָבן זיי אַפילו ניט געהערט. יעדערער האָט דעריבער לויט זיַין שכל פאַרשטאַנען דאָס „פאַרשרייַבן" אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אים אויס צו לעבן. אַזוי למשל האָבן אַ סך אָנגענומען, אַז עס ווערט געפירט אַ נייַע ווערביר־אַקציע פון קאַנדידאַטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע מיינונג איז אויפגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די ווערביר־אַקציעס פון ה׳ צידקאָוו פון הסתדרות־האכּרים און ה׳ ליבערמאַן פון דער יידישער אַגענץ, וועלכע זיַינען דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ געוויסער צייַט פריִער אויפן שטח פון מזרח־גאַליציע. די לעדערנע קורטקע און דער ליטווישער דיאַלעקט פון מחבר האָבן געשטאַרקט דעם דאָזיקן אייַנדרוק. אין אַנדערע פונקטן האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג, אַז עס איז געקומען אינקאָגניטאָ אַ קאָנטראָלער פון דער יקא. אין זעלטענע פאַלן איז אויך געבוירן געוואָרן דער חשד, אַז דאָס „פאַרשרייַבן" איז פאַר דעם שטייַעראַמט. פאַרשטייט זיך, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט די מיינונגען פלעגן אָפט מאָל קומען טענדענציעזע ענטפערס.

אין אַלגעמיין האָב איך אויסגעפילט 283 פרעגבויגנס IIאַ און 81 IIב, סך־הכּל, הייסט עס, בין איך געווען אין 364 יידישע דאָרפסהייַזער.

צו די ענטפערס אויף די באַזונדערע פראַגעס פון דער אַנקעטע וויל איך נאָך צוגעבן עטלעכע באַמערקונגען:

1. צום פרעגבויגן II—פאַמיליע־פרעגבויגן. די ענטפערס אויף די פראַגעס 1 — 7 אייַנשליסלעך, ד״ה: נאָמען און פאַמיליע, שייַכות צום ראָש פון דער בעל־הבתישקייט, געשלעכט, ווען געבוירן, אָרט פון געבוירן, ציווילער שטאַנד — שטימען אויף הונדערט פראָצענט מיטן אמת. קלײנע טעותן קענען נאָר זיַין בייַ די ענטפערס אויף דער פראַגע 5: ווען געבוירן, אויב דער

ענטפֿער-געבער ווייס אַליין ניט גענוי די דאַטע. עס האָבן אויך געטראָפֿן פֿאַלן, אַז מען פֿלעגט ניט אָנגעבן אין גאַנצן געוויסע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע, למשל גײַסטיק קראַנקע.

דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע 8: „הויפּטפֿאַך אָדער די אַרבעט וואָס איז דער הויפּט-מקור פֿון חיונה" פֿלעגט אָנטרעפֿן אויף שוועריקייטן. יעדער דאָרפֿישער ייִד, אויב ער פֿאַרמאָגט נאָר אַ שטיקל פֿעלד, ענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, אַז ער איז אַ לאַנדווירט, ניט געקוקט אויף דעם פֿון וואָס ער ציט זײַן הויפּט-חיונה. דאָס איז געדרונגען פֿון דעם, וואָס דער דאָרפֿישער ייִד פֿאַרשטייט, אַז לאַנדווירט איז בײַ הײַנטיקע צײַטן עפּעס מער פּריווילעגירט בײַ דער מלוכה און איז אויך אַ יחסן בײַ דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. די אָפֿיציעלע מלוכישע סטאַטיסטיק נאָטירט אויך ווי אַ לאַנדווירט יעדן וואָס האָט אַ פֿעלד. דערפֿון נעמט זיך למשל דער לפֿי-ערך גרויסער פּראָצענט ייִדישע לאַנדווירטן (15,2 פּראָצ' פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג) אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, אָנגעגעבן דורך דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1921. ווי עס זעט אויס די זאַך פֿאַקטיש, וועט אונדז אויסקומען צו ריידן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

בײַ געבן אַן ענטפֿער אויף די פֿראַגעס 11 און 12: „הויפּטפֿאַך פֿון פֿאָטער פֿון ראָש פֿון דער בעל-הבתּישקייט" און „הויפּטפֿאַך פֿון פֿאָטער פֿון דעם ראָשס ווײַב" פֿלעגט דינען בײַ די ענטפֿער-געבערס דער זעלבער קריטעריום ווי בײַ דער פֿראַגע 8: אויב די עלטערן האָבן געהאַט פֿעלד, פֿלעגט פֿאַלן דער ענטפֿער — לאַנדווירט. עס איז קלאָר, אַז אויב בנוגע די וואָס לעבן הײַנט איז שווער פֿעסטצושטעלן זייער הויפּטפֿאַך, איז נאָך שווערער דאָס צו טון פֿאַר די שוין על-פּי רובֿ געשטאָרבענע.

2. צום פֿרעגבויגן IIאַ. בײַ דער פֿראַגע II: „ערד" פֿלעג איך נאָטירן דעם שטח אין דער אַלגעמיין אָנגענומענער ערדמאָס אין גאַליציע: יאָך (ייִדישער נאָמען פֿון עסטרײַכישן מאָרג=5755 מ²). אונטער „אַרענדירטע ערד" פֿאַרשטייען מיר די אַרענדירטע אין יאָר 1935, ווען מיר האָבן דורכגעפֿירט די אַנקעטע. די ענטפֿערס אויף די פֿראַגעס I: 2, 3, 4, ד"ה „בנינים", „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מכשירים און מאַשינען", „לעבעדיקער אינווענטאַר" — שטימען הונדערט פּראָצענט מיטן אמת, ווײַל די אָנגעגעבענע ידיעות פֿלעג איך קאָנטראָלירן. גרויסע שוועריקייטן זײַנען געווען בײַם אויספֿילן די רובריק II 1: „ספּעציפֿיקאַציע פֿון די קולטורן", און אָט איבער וואָסערע טעמים: א) די בעלי-בתּים ווייסן אַליין ניט גענוי, וועלכע שטחים זיי האָבן פֿאַרזייט מיט די באַזונדערע געוויקסן. טיילווײַז קען מען עס דערקלערן דערמיט, וואָס אין קלײנע דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן זייט מען אַלץ צו ביסלעך און ניט אויף שטרענג אָפּגעגרענעצטע שטחים. איבערהויפּט די שטיקלעך פֿעלד לעבן שטוב, די אַ"ג „גערטנער" זײַנען אַ מאָזאַיִק פֿון פֿאַרשיידענע געוויקסן. ב) די נסיעות איבער די דערפֿער האָב איך אָנגעהויבן אין יולי 1935 — האַרט פֿאַרן שניט. זיי האָבן זיך פֿאַרצויגן ביזן האַרבסט פֿון זעלבן יאָר. וועלנדיק באַקומען אַן

איינהייטלעך בילד, פֿלעג איך שטעלן די פֿראַגע, וועלכע שטחים זײַנען געוועזן פֿאַרזייט מיט די באַזונדערע געוויקסן אין ווירטשאַפֿטסיאָר 1935/1934. עס פֿלעגן אָבער אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אַרויסקומען טעותים, ווײַל אין דער צײַט וואָס אין פֿעלד זײַנען געווען באַהאַק-געוויקסן פֿון 1935/1934, זײַנען שוין געווען פֿאַרזייט די ווינטער-תּבֿואות פֿון יאָר 1936/1935. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נאָר נוגע די פּונקטן, אין וועלכע איך בין געווען שוין האַרבסטצײַט.

אויף דער פֿראַגע 10IV: „פֿינאַנציעלער מצבֿ" האָב איך ניט געקענט באַקומען קיין גלויבווערטיקע אינפֿאָרמאַציעס. איך האָב זיך איבערגעצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון דער מיינונג, אַז פֿינאַנציעלע פֿראַגעס דאַרפֿן קיין מאָל ניט אַרײַנגעשטעלט ווערן אין אַנקעטעס, ווײַל מען קען קיין פֿאַרלאָזלעכע ענטפֿערס במילא ניט באַקומען און זיי שוואַכן נאָר אָפּ דעם צוטרוי צום אויספֿילער פֿון דער אַנקעטע.

3. צום פֿראַגעבויגן IIב. איך האָב זיך דער עיקר באַמיט צו קריגן גענויערע ענטפֿערס וועגן דער באַשעפֿטיקונג פֿון די ערדלאָזע דאָרפֿסייִדן און זייער באַציִונג צו לאַנדווירטשאַפֿט.

דער הויפּטפֿעלער פֿון אונדזער אַנקעטע איז געווען די צו גרויסע צאָל פֿראַגעס. לכתּחילה האָבן מיר ניט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז בעסער זיך צו האַלטן בײַם כּלל „ווייניקער פֿראַגעס, גרונטיקערע ענטפֿערס". טיילווײַז האָב איך דעם פֿעלער באַזײַטיקט דורך דעם, וואָס איך פֿלעג אויסמײַדן די פֿראַגעס, וועגן וועלכע איך בין שוין געווען דערגאַנגען, אַז זיי זײַנען ניט אויפֿן אָרט. אונדזערע ענטפֿער-געבערס זײַנען אינעם רובֿ פֿאַלן געווען מענטשן פֿאַרנומענע, און מען האָט זיך געמוזט היטן, כּדי ניט אָפּצושלאָגן בײַ זיי דעם חשק צו ענטפֿערן.

די גרויסע צאָל פֿראַגעס האָט אָבער אויך געהאַט איר גוטע זײַט. זי האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט לענגער צו פֿאַרברענגען מיט די באַזונדערע בעלי-בתּים און מיט זיי זיך צו באַקענען.

אין אַלגעמיין גענומען מעג איך זאָגן, אַז די דורכפֿירונג פֿון דער אַנקעטע איז מיר געראָטן. זי האָט מיר געגעבן אַן אינטערעסאַנטן ציפֿערדיקן מאַטעריאַל, און אַ דאַנק איר האָב איך זיך באַקענט דירעקט מיט דער סבֿיבֿה, אין די פֿאַרשיידנסטע צײַטן און סיטואַציעס. אין איין דאָרף בין איך געווען אין שניטצײַט, אין אַ צווייטן אין האַרבסט; אין איינעם פֿאַרבראַכט דעם שבת אין מנין, אויסהערנדיק אַ דרשה פֿון אַ דאָרפֿישן מגיד, אין אַנדערן אין אַ געוויינטלעכן אַרבעטסטאָג, ווען אַלץ איז אין פֿעלד, אין אַ דריטן אין אַ מאַרקטאָג, ווען אַלץ פֿאָרט אין שטאָט פֿאַרקויפֿן די אייגענע פּראָדוקטן אָדער זוכן אַ זײַטיקן פֿאַרדינסט. אין פֿאַרשיידענע סיטואַציעס איז מיר אויסגעקומען צו זײַן: באַקוועמע און ניטבאַקוועמע, זאַט און הונגעריק, אויף אַ בעסערן און אַן ערגערן געלעגער, דורך דעם אָבער האָב איך גרונטיקער דערקענט די געפֿאָרשטע סבֿיבֿה.

אויפֿן אינטערוויו האָבן מיר געקוקט ווי אויף אַ דערגאַנצונג צו דער אַנקעטע. ביים דורכפֿירן אים האָבן מיר דערעיקרשט גענומען אין באַטראַכט אַזוינע פֿראַגעס: 1) צי עקסיסטירט אַ יִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח-גאַליציע בכלל און אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט בפרט? 2) אויב יאָ, וואָס שטעלט זי מיט זיך פֿאָר? (דאָ האָבן מיר גענומען אין באַטראַכט: גרויסע גרונטבאַזיצער, פּאַכטערס אָדער קליינע לאַנדווירטן, די פֿראַגע פֿון אייגענער אַרבעט, ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן פֿון דער יִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אד״גל); 3) וועלכע שריט דאַרפֿן אָנגענומען ווערן, כּדי די יִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אויסצושטעלן אויף דער געהעריקער הייך? און אַ גאַנצע ריי אַנדערע פֿראַגעס.

דעם אינטערוויו האָב איך דורכגעפֿירט מיט די דאָרפֿישע יִדן, אַלזאָ— מיט די בעלי-דבֿרים אַליין, מיט קריסטלעכע פּויערים, יִדישע גרויסע גרונט-באַזיצער, כּלל-טוער, מלוכישע באַאַמטע אד״גל, צופּאַסנדיק פֿאַרשטייט זיך די פֿראַגעס צום אינטערוויוירטן. געלעגנהייטן זיך פֿונאַנדערצופֿרעגן זיינען געווען פֿאַרשיידענע: ביי מיינע באַזוכן אין די דערפֿער און אין די פּאָוויאַטאָווע שטעט, ביי צופֿעליקע באַקאַנטשאַפֿטן; מיט ספּעציעל קאָמפּעטענטע פּערזענ-לעכקייטן פֿלעג איך אָפּמאַכן אַ באַשטימטע צייט פֿאַר אַ שמועס.

פֿאַרשטייענדיק אין דער פֿולער מאָס די וויכטיקייט פֿון דירעקט דערקענען די געפֿאָרשטע סבֿיבֿה, האָב איך זיך אָבער אויך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, אַז מען טאָר ניט גרינגשאַצן די פֿאַרשיידענע אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע קענען אויפֿקלערן און באַלייכטן די געפֿאָרשטע פּראָבלעם.

אין מיין אַרבעט האָב איך באַנוצט אַזוינע צוגאָב-מאַטעריאַלן:

1) אָפֿיציעלע סטאַטיסטיק: א) פֿון סטאַטיסטישן הויפּטאַמט (רעזולטאַטן פֿון די פֿאָלקסציילונגען פֿון 1921 און 1931 און אַנדערע סטאַטיסטישע דאַטעס).
ב) פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדישן אַמט (דאַטעס וועגן דעם אָנטייל פֿון יִדן אין דער אַגראַר-רעפֿאָרם און אַלגעמיינע ידיעות וועגן דער וואָיעוואָדשאַפֿט).

די דאַטעס פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 וועגן דער יִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט ווערן געבראַכט לויט דער באַאַרבעטונג פֿון י. באָרנשטיינען.[1] די אָפֿיציעלע באַאַרבעטונג און פֿאַר-עפֿנטלעכונג פֿון די דאַטעס פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 איז פֿונאַנדערגעלייגט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן. דעריבער האָט י. באָרנשטיין געטאָן אַ גרויסע זאַך באַאַרבעטנדיק די דערמאָנטע דאַטעס. ליידער אָבער אַנטהאַלט די באַאַרבעטונג אַ ריי אומפּינקטלעכקייטן. אויף אייניקע פֿון זיי ווייזן מיר אָן אין די שייכותדיקע קאַפּיטלען פֿון אונדזער אַרבעט.

---

1 י. באָרנשטיין, דער מצבֿ פֿון דער יִדי׳ לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח-גאַליציע (סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט). סעפּעראַט-אָפּדרוק פֿון „ווירטשאַפֿטלעכן לעבן“, אַרויסגעגעבן פֿון עקאָנ׳-סטאַט׳ ביוראָ ביים „צעקאַבע“ אין פּוילן.

2) אַ האַלב אָפֿיציעלער מאַטעריאַל זײַנען די דאַטעס פֿון דער סטאַטיסטיק פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך אַ גרופּע ייִדישע כּלל-טוער, דאָס רובֿ אין 1928, צום טייל אין די 2 שפּעטערדיקע יאָרן. דער ציל פֿון דער אַקציע איז געווען אויפֿצוקלײַבן אַ געהעריקן מאַטעריאַל, כּדי אָנצוהייבן אַן אָרגאַניזיר- און אונטערשטיצונגס-אַרבעט צווישן די ייִדישע לאַנדווירטן אין דער געגנט. צו די וואָיטן פֿון אַלע גמינעס, וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן שטח פֿון די 4 וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון גאַליציע, האָט מען אין נאָמען פֿון (ייִדישן) „קליינפּוילישן פֿאַרבאַנד פֿון לאַנדווירטן — דעלעגאַטור אין סטאַניסלאַוו" צעשיקט ספּעציעל אָפּגעדרוקטע פֿרעגבויגנס צום אויספֿילן. דער גרעסטער טייל וואָיטן האָבן געענטפֿערט. אַ דאַנק דעם איז צונויפֿגעקליבן געוואָרן אַ געוויסער מאַטעריאַל, אמת ניט קיין פֿולער, וועלכער האָט אָבער שפּעטער געדינט אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ וועגווײַזער פֿאַר די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן (ייִקאָ און ייִלאַג), ווען זיי האָבן, די ערשטע אין 1931, די צווייטע אין 1932, אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין גאַליציע.

דער צונויפֿגעקליבענער מאַטעריאַל געפֿינט זיך אין רויען צושטאַנד, און אויך אין אַ גרויסער מאָס נאָר אין פֿאָרם פֿון קאָפּיעס, אין אַרכיוו פֿון דער ייִלאַג-צענטראַלע אין לעמבערג. די לעצטע האָט געמאַכט אַפֿילו אַ פּרוּוו צו באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן, אָבער די באַאַרבעטונג קען דינען נאָר צו פּראַקטישע, אָבער ניט צו וויסנשאַפֿטלעכע צוועקן. פֿאַר אונדזער באַאַרבעטונג האָבן מיר גענומען די דאַטעס דירעקט פֿון די „סטאַטיסטישע אויסווײַזן פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן".

ווען ענדיק דערקענענען די אַנטוויקלונגס-וועגן פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, האָב איך געהאַט בדעה צו נעמען פֿאַר אַן אויסגאַנגספּונקט דאָס יאָר 1910, ווען עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן די לעצטע עסטרײַכישע פֿאָלקסציילונג אין גאַליציע. ליידער אָבער זײַנען די דאַטעס פֿון דער פֿאָלקסציילונג בנוגע דער פּראָפֿעסיאָנעלער סטרוקטור פֿון דער באַפֿעלקערונג אין פּרט פֿון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן נאָר פֿאַר גאַנץ גאַליציע, ניט פֿאַר די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפֿטן און פּאָוויאַטן.

3) די מאַטעריאַלן פֿון ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און קרובֿישע געזעלשאַפֿטן (ייִקאָ, ייִלאַג, חמאה, קליינפּוילישער פֿאַרבאַנד פֿון לאַנדווירטן, עקספּאָזיטור פֿאַר קליינפּוילן פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן אד"גל). אַ דאַנק דער פֿרײַנדלעכקייט פֿון די געזעלשאַפֿטן האָב איך געהאַט אין מײַן רשות זייערע יאָריקע באַריכטן, סטאַטיסטישע דאַטעס, מעמאָריאַלן, ראַפּאָרטן פֿון אַגראָנאָמען, קאָרעספּאָנדענץ אד"גל.

פֿון די סטאַטיסטישע דאַטעס, וועלכע איך האָב געקראָגן אין די דערמאָנטע געזעלשאַפֿטן, האָב איך דער עיקר אויסגענוצט די וואָס עס האָט צונויפֿגעזאַמלט דאָס ביוראָ פֿון ייִקאָ אין לעמבערג. דאָס דאָזיקע ביוראָ פֿירט אין איר

# מאַפּע פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט.

1:750 000 מאַסשטאַב




לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפֿט
טשעכאָסלאָוואַקײַ
סטרי
סקאָלע
דאָלינע
קאַלוש
פּאָוויאַטאָווע שטאָט.
פּונקטן אין וועלכע ס'איז דורכגעפֿירט געוואָרן די „אַנקעטע
וועגן דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג.
„לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרבאַנד".
מילך־קאָאָפּעראַטיוו.
צוכט־און מילכיקערײַ־פֿאַרבאַנד.
קראָם פֿון „חמאה".
קרײַז־געזעלשאַפֿט פֿון „ייִלאַג".
דעלעגאַטור פֿון „ייִלאַג".
ווירטשאַפֿטלעכער קרײַזל פֿון „ייִלאַג"
לויטן צושטאַנד פֿון 31 · XII · 1935
לויטן צושטאַנד פֿון 1 · III · 1936
קאָנקורס־גרופּע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג.
לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרם.
גרענעץ פֿון וואָיעוואָדשאַפֿט
גרענעץ פֿון פּאָוויאַט
מלוכה־גרענעץ
באַן־ליניע
טײַך

טעטיקייט-געביט אַ סטאַטיסטיש אויספֿאָרשערישע אַרבעט דורך אירע אַגראָנאָמען, וועלכע באַזוכן פערזענלעך די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן און פֿילן אויס פֿאַר זיי ספעציעלע פֿרעגבויגנס. די רעזולטאַטן פֿון דער אויספֿאָרשערישער אַרבעט, וועלכע איז אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט דורכגעפֿירט געוואָרן דאָס רובֿ אין 1931 און 1932, האָב איך צונויפֿגעשטעלט אין געהעריקע טאַבעלעס. די צונויפֿשטעלונגען האָב איך געמאַכט אויפֿן סמך פֿון די סטאַטיסטישע אויסווייַזן, וועלכע געפֿינען זיך אין דער ביוראָ פֿאַר יעדן פונקט באַזונדער.

4) פֿון ליטעראַטור האָב איך גענומען אין באַטראַכט נאָר אַזאַ, וואָס באַהאַנדלט: א) די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין פוילן, ב) די ייִדישע עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטענישן אין פוילן בכלל און גאַליציע בפֿרט, ג) מעטאָדישע פֿראַגעס.

# I

# אַלגעמיינע ידיעות וועגן סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט

כדי דאָס בילד פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט זאָל אַרויסטרעטן בולטער און קלאָרער, איז נייטיק צו געבן אין קורצע שטריכן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט בכלל, און בפרט וועגן דעם מצב פון דער לאַנדווירטשאַפט דאָרט.

## I. געאָגראַפישע לאַגע, אייבערפלאַך, גרענעצן און אַדמיניסטראַטיווע איינטיילונג

סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט, איינע פון די 4 דרומדיקע וואָיעוואָדשאַפטן פון פוילן, פאַרנעמט דעם דרום-מזרחדיקן טייל פון לאַנד. לויט דעם צענזוס פון יאָר 1936 פאַרנעמט זי אין די ראַמען פון דער אַדמיניסטראַטיווער איינ-טיילונג פון 1935.I.1 — אַ שטח פון 16.894 קמ$^2$, וואָס דאָס באַטרעפט 4,3$^0/_0$ פון אַלגעמיינעם שטח פון לאַנד. לויט איר שטח שטייט די סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט אויפן 11טן אָרט אין פוילן.

די געשטאַלט פון איר אייבערפלאַך איז זייער פאַרשיידן: דעם דרומדיקן טייל אירן פאַרנעמען די וואַלדרייכע מזרח-קאַרפאַטן, וואָס די פשעלענטש טאַטאַרסקאַ טיילט פונאַנדער אין צוויי טיילן: די מזרחדיקע (טשאַרנאָהאָרע) און מערבֿדיקע (בעסטשאַדן און גאָרגאַנען). די דאָזיקע בערג דערגרייכן ביז צו אַ היפשער הייך: זייער העכסטער באַרגשפּיץ — האָווערלאַ — דערהייבט זיך ביז 2058 מעטער איבערן ים-פלאַך. צופוסנס פון די קאַרפאַטן ציט זיך דער פאַס פון דער אונטערבאַרג-געגנט, די אַ״ג אונטער-קאַרפאַטן, וועלכע דערגרייכן שוין נאָר ביז דער הייך פון 300 — 500 מעטער איבערן ים-פלאַך. אין מערבֿדיקן טייל פון דער וואָיעוואָדשאַפט לאָזט זיך די אונטערקאַרפאַטן-געגנט אַראָפּ צו דעם דנעסטער-טאָל, אין מזרחדיקן ווידער צום פאָדאָליער פלאַטאָ. אין דעם דאָזיקן פלאַטאָ לאָזן זיך באַמערקן פאַרטיפונגען, היינו: 1) דער אַ״ג סטאַניסלאָווער קעסל, וועלכער איז איינגעשלאָסן פון זיין דרומדיקער זייט דורך די טשאַרנאָהאָרע-בערג און פון זיין צפונדיקער—דורך דעם באַסיין פון טייך דנעסטער, און 2) דער אַ״ג קאָלאָמייער קעסל, וועלכער ליגט אין טאָל פון דעם טייך פרוט.

דער מלוכה-גרענעץ מיט טשעכאָסלאָוואַקײַ און רומעניע איז צוגלײַך דער אַדמיניסטראַטיווער גרענעץ פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿון איר דרום-מערבֿדיקער, דרומדיקער און דרום-מזרחדיקער זײַט. פֿון צפֿון-מזרח-זײַט גרענעצט זי מיט דער טאַרנאָפּאָלער וואָיעוואָדשאַפֿט, פֿון צפֿון-מערבֿ מיט דער לעמבערגער.

אַדמיניסטראַטיוו איז די וואָיעוואָדשאַפֿט אײַנגעטיילט אין 12 פּאָוויאַטן, וועלכע האָבן בסך-הכּל 147 גמינעס: 28 שטאָטישע און 119 דאָרפֿישע. אין הסכּם מיטן געזעץ פֿון 1933.III.23 וועגן דער טיילווײַזער ענדערונג פֿון דער טעריטאָריאַלער אַלײנפֿאַרוואַלטונג, זײַנען די דערמאָנטע גמינעס אַ״ג פֿאַראייניקטע (zbiorowe), אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, און ניט ווי ביז דעמאָלט איז געווען אין גאַליציע — איינצלנע (jednostkowe).

## II. נאַטור-באַדינגונגען

1. קלימאַט. -אין פּרט פֿון קלימאַט קענען מיר אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט אונטערשיידן צוויי טיילן: 1) די מזרח-קאַרפּאַטן, וועלכע פֿאַרמאָגן אַ באַרגיקן קלימאַט; 2) דער איבעריקער טייל פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט, וואָס זײַן קלימאַט איז נאָענט צום קאָנטינענטאַלן. אין דעם באַרגיקן טייל זײַנען די טעמפּעראַטור-דיפֿערענצן אין משך פֿון יאָר קלענער ווי אין דעם נידעריקן טייל. עס ווירקט דאָ די אַ״ג אינווערסיע פֿון טעמפּעראַטורן. זי באַשטייט דערין, וואָס בעת די טאָלן און באַרגקעסלען זײַנען ווינטערצײַט אָנגעפֿילט מיט קאַלטער לופֿט, ווײַזן אַרויס די באַרגשפּיצן און די בערג-שיפּועים, אָנגעוואַרעמט פֿון דער זון, אַ העכערע טעמפּעראַטור. די באַרגגעגנט צייכנט זיך אויס מיט אַ גרויסן סכום אַטמאָספֿערישע אָפּזאַצן: דער יאָריקער דורכשניט דערגייט ביז 1000 ממ און מער. אַ דאַנק דעם איז דאָ די געוויקסן-וועלט רײַך אַנטוויקלט: די וועלדער פֿון די קאַרפּאַטן זײַנען אַן אוצר פֿאַר דער וואָיעוואָדשאַפֿט.

אין דעם צווייטן טייל זײַנען די דיפֿערענצן אין דער טעמפּעראַטור גרעסער: הייסע זומערן און קאַלטע ווינטערן. דער סכום אַטמאָספֿערישע אָפּזאַצן איז דאָ אַ סך קלענער: דער יאָריקער דורכשניט שטײַגט ניט אַריבער 600 ממ. די פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון דער געשטאַלט פֿון דעם אייבערפֿלאַך האָט אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט בכלל גורם געווען צו גרויסע פֿאַרשיידנקייטן אין די קלימאַטישע פֿאַרהעלטעניש. באַזונדערס שיידט זיך אויס די געגנט פּאָקוציע (סניאַטינער און האָראָדענקער פּאָוויאַט) מיט איר טרוקענעם און הייסן קלימאַט.

2. באָדן.—אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט דאָמינירן צוויי טיפּן באָדן: 1) די קאַרפּאַטער זאַמד-אָפּלעגערונגען און 2) די לעסן. די באָדנס פֿון ערשטן טיפּ פֿאַרנעמען דעם דרומדיקן טייל פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט, די קאַרפּאַטן, און זײַנען דורכגעשניטן מיט שמאָלע פּאַסן פֿון דעם קרײַטשיכט, וועלכע ציען זיך פּאַראַלעל צום הויפּטלעכן באַרגפּאַס פֿון די מזרח-בעסקידן און

גאָרגאַנעץ. די קאַרפּאַטער זאַמד-אָפּלעגערונגעץ זײַנען לײַכטע, לופטיקע און דורכלאָזלעכע באָדנס. און מחמת זיי זײַנען געלעגן הויך, זײַנען זיי קאַלט, פלאַך און אָפטמאָל שטיינערדיק. דאָס פאַרקלענערט ממילא זייער לאַנדווירטשאַפטלעכן ווערט.

אויף דער ליניע: באָלעכאָוו, דאָלינע, נאַדווערנע, פּיסטין זײַנען די קאַרפּאַטער זאַמד-אָפּלעגערונגען אָפּגעטיילט פון די לעסן דורך אַ שמאָלן דורכגעריסענעם פּאַס פון אַ גיפּסשיכט, וועלכער פאַרמאָגט אויך אַ קליינעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ווערט. אויף צפון פון דער אָנגעצייכנטער ליניע געפינען זיך שוין די לעסן, וועלכע פאַרנעמען דעם איבעריקן טייל פון דער וואָיעוואָדשאַפט. זיי זײַנען באַקאַנט ווי גוטע באָדנס פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. אין די טאָלן פון די צופלוסן פון דנעסטער געפינען זיך די אַ״ג מאַדן, וועלכע ווערן פאַרמירט און באַווירקט דורך די פאַרפלייצונגען און אָפּזאַצן פון די טײַכן. דער צפון-טייל פון ראָהאַטינער פּאָוויאַט פאַרמאָגט שוואַרצערד.

3. הידראָגראַפיע. — די טײַכן פון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט ציען זיך צום באַסיין פון שוואַרצן ים. די וויכטיקסטע פון זיי זײַנען דער דנעסטער מיט זײַנע רעכט-ברעגיקע בײַטײַכן און דער פּרוט. די לינקברעגיקע בײַטײַכן פון דנעסטער אַקעגן האָבן אַ קלענערע באַדײַטונג.

דער דנעסטער פליסט אַרויס פון די בעסקשאַדן אין דער לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפט אויף דער הייך פון 760 מעטער איבערן ים-פלאַך, גייט אַריבער דערנאָך אויפן שטח פון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט, בילדנדיק אויף אַ געוויסער לענג דעם גרענעץ צווישן דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט מיט דער טאַרנאָפּאָלער. די בעסקשאַדן גיבן אויך דעם אָנהייב אַ גאַנצע ריי רעכטברעגיקע בײַטײַכן פון דנעסטער, ווי דער סטרי, סוויצע א״אַ. אַ וויכטיקן וואַסערשייד שטעלן פאָר אויך די גאָרגאַנעץ, הײַנו: צווישן די בײַטײַכן פון ציסע פון דרום-זײַט און די ווײַטערדיקע בײַטײַכן פון דנעסטער, ווי לאָמניצע, ביסטריצע א״אַ פון צפון.

פון די צפון-שיפּועים פון די טשאַרנאָהאָרע-בערג פליסט אַראָפּ דער פּרוט מיט זײַן בײַטײַך טשערעמאָש און דער סערעט, וועלכער געפינט זיך שוין הינטער די גרענעצן פון פּוילן. דער פּרוט פליסט אַרויס אויף דער הייך פון 1650 מעטער איבערן ים-פלאַך אין דער ריכטונג פון באַרג-שפּיץ האָווערלאַ אויף צפון. בײַ יאַרעמטשע בײַט ער זײַן ריכטונג אויף דרום-מזרח, אויסבייגנדיק זיך ווי אַ בויגן.

די גרויסע וואַלד-רײַכטימער פון די קאַרפּאַטן האָבן מיטגעווירקט, אַז נאָך פאַרן קריג איז מען צוגעטראָטן צו דער רעגולאַציע פון די טײַכן אויפן שטח פון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט. די רעגולאַציע-אַרבעטן האָט מען אָנגעהויבן אויפן דנעסטער, אויף כמעט אַלע זײַנע רעכטברעגיקע בײַטײַכן און אויך אויפן פּרוט מיט זײַנע בײַטײַכן. די מלחמה האָט אָבער די אַלע אַרבעטן, וועלכע זײַנען פּראָיעקטירט געוואָרן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, איבערגעריסן צום גרויסן שאָדן פון דער וואָיעוואָדשאַפט: פון צײַט צו צײַט קומען פאָר פאַרפלייצונגען, וועלכע ברענגען גרויסע היזקות איבערהויפּט דער לאַנדווירטשאַפט.

## III. באַפעלקערונג

לויט דער לעצטער פאָלקסציילונג פון 1931 ציילט די באַפעלקערונג אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט—אין די אַדמיניסטראַטיווע ראַמען פון 1934.VIII.1— 1.480.285 נפשות (ניט גערעכנט דאָס מיליטער), וואָס דאָס באַטרעפט 4,6% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פוילן. 1.185.135 נפשות, 80,1%, וווינען אין די דערפער.

לויט דער זעלבער פאָלקסציילונג באַטרעפט די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפט 87 נפשות אויף 1 קמ², ד"ה מיט 4 גרעסער פון דער שייכותדיקער צאָל פאַר גאַנץ פוילן (83 נפשות אויף איין קמ²). עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די באַרגפּאָוויאַטן און טאָל-פּאָוויאַטן. אין די באַרגפּאָוויאַטן איז די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג אַ סך אַ קלענערע פון דורכשניט: למשל אין דאָליִנער פּאָוויאַט באַטרעפט זי גאָר 49 נפשות אויף 1 קמ², אין קאָסעווער — 51, אאַז"וו.

לויט דער רעליגיע טיילן זיך די איינוווינער פון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט אין: 1.079.019 (72,9%), פון גריכיש-קאַטוילישן 245.944—רוימיש-קאַטוילישן (16,6 פּראָצ'), 139.746—משה'ס גלויבן (9,4 פּראָצ'), 8.230—עוואַנגעלישן (0,6 פּראָצ') און 6.046 (0,4 פּראָצ') פון אַנדערע גלויבנס. פאַר 1300 פּערזאָן (0,1 פּראָצ') איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, צו וואָסער גלויבן זיי געהערן.

פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט האָבן געלעבט פון: לאַנדווירטשאַפט (ניט אַריינגערעכנט גערטנערײַ, וואַלד-ווירטשאַפט און פישערײַ) 1.105.434 (74,7 פּראָצ'), באַרגערײַ און אינדוסטריע 163.791 (11,1 פּראָצ'), האַנדל און פאַרזיכערונג — 65.660 (4,4 פּראָצ'), קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט—37,475 (2,5 פּראָצ'), אַנדערע מקורים 107.925 (7,3 פּראָצ').

לויט דעם סאָציאַלן מצב טיילט זיך די באַפעלקערונג אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט אויף אַזאַ אופן:

### טאַב' II. סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

| | באַפעלקערונג אינגאַנצן | זעלבשטענדיקע | | | לוינמענטשן | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | באַאַמטע און אָנגעשטעלטע | | | אַרבעטער | | |
| | | צוזאַמען | פון דעם | | צוזאַמען | פון דעם | | צוזאַמען | פון דעם | |
| | | | אַקטיווע | פּאַסיווע | | אַקט' | פּאַס' | | אַקטיווע | פּאַסיווע |
| אַל | 1.480.285 | 1.113.005 | 564.469 | 548.536 | 39.912 | 18.167 | 21.745 | 287.430 | 147.800 | 139.630 |
| % | 100,0 | 75,2 | 38,1 | 37,1 | 2,7 | 1,2 | 1,5 | 19,4 | 10,0 | 9,4 |

חוץ דעם זיינען געציילט געווארן מענטשן אן א באשטימטער פראפעסיע, ס"ה 39.938, צווישן זיי 15.319 עקאנאמיש אקטיווע און 24.619 פאסיווע. סך הכל טיילט זיך בכן די גאנצע באפעלקערונג פון דער וואיעוואדשאפט אויף 745.755 (40,4 פראצ') אקטיווע און 734.530 פאסיווע (49,6 פראצ').

## IV. קאמוניקאציע

בדרך כלל פארמאגט סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט א גאנץ שיטערע איינזנבאן-נעץ. די הויפט-סיבה דערפון איז איר טיילווייז בארגיקער כאראקטער. די וויכטיקסטע באן-ליניעס וואס גייען דורכן שטח פון דער וואיעוואדשאפט זיינען: 1) ווארשע — לעמבערג — סטאניסלאוו — סניטין — בוקארעשט, וועלכע האט אן אינטערנאציאנאלן באטייט; 2) סטאניסלאוו — ווארָאניענקע, אויף וועלכער עס ליגן די באקאנטע קורערטער: יארעמטשע, ווארָאכטע א"א; פון ווארָאניענקע פירט א גרענעץ-טונעל קיין טשעכאסלאוואקיי; 3) לעמבערג—סטרי—לאוואטשנע, וועלכע האט אויך א טוריסטישע באדייטונג איבער די קורערטער: סקאלע, הרעבענוו א"א; 5) דעלאטין — קאלאמיי — זאלעשטשיק, מיט א טראנזיט דורך רומעניע. די איבעריקע באן-ליניעס אין דער וואיעוואדשאפט האבן א לאקאלן ווערט.

אין דער וואיעוואדשאפט געפינען זיך א היפשע צאל קליינבאן-ליניעס, וועלכע באדינען די וואלד-פירמעס, צו וועלכע זיי געהערן על פי רוב. זיי פירן פון די סטאציעס פון די געוויינטלעכע באן-ליניעס אין די בארגוועלדער. אין א געוויסער מאס דינען זיי אויך צוליב טוריסטישע צוועקן.

משלים צו זיין די באן-קאמוניקאציע דינען די אויטאבוסן-ליניעס, וועלכע פאראייניקן די וויכטיקסטע פונקטן פון דער וואיעוואדשאפט. חוץ פריוואטע אויטאבוסן קורסירן לעצטנס אויף דער ליניע קאלאמיי—קאסעוו אויך רעגירונגס-אויטאבוסן. וועגן[1] פארמאגט די סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט 8010 קמ, וואס פון זיי זיינען 625 קמ מלוכישע, 631 קמ — וואיעוואדישע, 1787 קמ פאוויאטאווע אין 4967 גמינע-וועגן.

מען דארף דא אנווייזן, אז דער ענין קאמוניקאציע איז אין סטאניסלאווער וואיעוואדשאפט באזונדערס וויכטיק. א דאנק איר שיינער בארגעגנט, באקאנטע קורערטער אאז"וו שטעלט זי פאר א וויכטיקן טוריסטישן צענטער אין פוילן. א גוטע באקוועמע קאמוניקאציע ציט צו טוריסטן, און דאס האט גאר א גרויסע באדייטונג פארן ווירטשאפטלעכן לעבן פון דער געגנט.

## V. בילדונגס-וועזן

וועגן צושטאנד פון דער בילדונג אין דער וואיעוואדשאפט גיבן אונדז א בילד די ווייטערדיקע דאטעס: פון 199.708 קינדער, וואס האבן באזוכט בכלל א שול, האבן זיך געלערנט:

---

1 לויט אינפארמאציעס פון סטאניסלאווער וואיעוואדישן אמט.

| | | |
|---|---|---|
| אין קינדער-גערטנער | 1.342 — | 0,7% |
| „ פֿאָלקשולן | 187.095 — | 93,6 „ |
| „ מיטלשולן | 6.384 — | 3,2 „ |
| „ לערער-סעמינאַרן | 423 — | 0,2 „ |
| „ פֿאַך-דערגאַנצונג-שולן | 3.080 — | 1,6 „ |
| „ שולן און קורסן פֿאַר פֿאַכבילדונג | 1.236 — | 0,6 „ |
| „ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולן | 148 — | 0,1 „ |
| סך-הכּל | 199.708 — | 100,0% |

בערך אַן אַכטל קינדער פֿון שולעלטער באַזוכן גאָר ניט קיין שול.

## VI. דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן

1. לאַנדווירטשאַפֿט. — ווי מיר ווייסן שוין, לעבן 74,7 פּראָצ' פֿון דער באַפֿעלקערונג אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט. דאָס אַליין ווייַזט, וואָס פֿאַר אַ באַדייַטונג דער דאָזיקער צווייַג האָט פֿאַרן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט.

א. די צאָל לאַנדווירטשאַפֿטן אין וואָיעוואָדשאַפֿט און זייער סטרוקטור שטעלט פֿאָר, לויט די צייַטווייַליקע רעזולטאַטן פֿון דער לעצטער פֿאָלקסציילונג, טאַבעלע III.

### טאַבעלע III

| גרייס פֿון די ווירטשאַפֿטן לויט דעם שטח ערד צום לאַנדווירטשאַפֿטלעכן באַנוץ | צאָל לאַנדווירטשאַפֿטן[1] | % |
|---|---|---|
| ווייניקער ווי 2 האַ | 121.956 | 58,0 |
| 2—5 האַ | 52.557 | 25,0 |
| 5—10 האַ | 11.314 | 5,4 |
| 10—15 האַ | 1.670 | 0,8 |
| 15—50 האַ | 820 | 0,4 |
| 50 און מער האַ | 318 | 0,1 |
| ניט באַוווּסט | 21.608 | 10,3 |
| צוזאַמען | 210.243 | 100,0 |

1 דער סט' הויפּטאַמט גיט אָן „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משפּחות" (rolnicze zespoły rodzinne) אונטערשטרייַכנדיק, אַז זייער צאָל דעקט זיך כּמעט מיט דער צאָל ווירטשאַפֿטן.

דעם שטח, וואָס די דאָזיקעווירטשאַפֿטן פֿאַרנעמען, גיבן לײדער די צײַטווײַליקע רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 ניט אָן.

די רעזולטאַטן פֿון דער ציילונג פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטן אין 1921 זײַנען ווײַט פֿון דעם אמת, באַזונדערס פֿאַר די דרום-וואָיעוואָדשאַפֿטן, און דערצו פֿאַרעלטערט. היות אָבער ווי מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין פּינקטלעכע ידיעות וועגן דעם, דעריבער גיבן מיר זיי דאָ לשם אָריענטאַציע [1].

## טאַבעלע IV

### די לאַנדווירטשאַפֿטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ אין יאָר 1921

| גרייס פֿון די ווירטשאַפֿטן לויט זייער אַלגעמיינעם שטח | צאָל ווירטשאַפֿטן | % | באָדן-שטח פֿון די ווירטשאַפֿטן אין הא | % |
|---|---|---|---|---|
| 0,0—0,5 הא . . . . | 46.870 | 20,8 | 13.895 | 1,2 |
| 0,5—2,0 הא . . . . | 109.184 | 48,6 | 132.159 | 11,8 |
| 2,0—5,0 הא . . . . | 52.047 | 23,1 | 161.852 | 14,4 |
| 5,0—20,0 הא . . . . | 14.811 | 6,6 | 119.996 | 10,7 |
| 20,0—50.0 הא . . . | 1.042 | 0,5 | 30.961 | 2,8 |
| מער ווי 50,0 הא . . | 881 | 0,4 | 663.765 | 59,1 |
| צוזאַמען . . | 224.835 | 100,0 | 1.122.628 | 100,0 |

ב. די ערד לויט איר באַנוצונג. — לויט דער לעצטער רעגיסטראַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע אין 1931 איז דער אַלגעמיינער שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט אײַנגעטיילט לויט זײַן באַנוץ אויף אַזאַ אופֿן.

## טאַבעלע V

### די ערד לויט איר באַנוץ אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳, פֿאַרגליכן מיטן גאַנצן לאַנד

| | | סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ | | אין גאַנץ פּוילן | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | אַבס׳ צאָל אין הא | % | אַבס׳ צאָל אין הא | % |
| אַלגעמיינער שטח . . . . . . | | 1.686.992 | 100,0 | 37.897.241 | 100,0 |
| ערד לאַנדווירטשאַפֿטלעך באַנוצטע | צוזאַמען . . . . . . . | 1.006.081 | 59,0 | 25.589.243 | 67,5 |
| | אַקער-פֿעלד . . . . . | 574.881 | 34,1 | 18.557.130 | 49,0 |
| | סעדער און גערטנער . . | 28.024 | 1,6 | 552.028 | 1,5 |
| | לאָנקעס . . . . . . . | 201.202 | 11,9 | 3.803.722 | 10,0 |
| | פּאַשעס . . . . . . . | 201.974 | 12,0 | 2.676.363 | 7,0 |
| וועלדער . . . . . . . . . . | | 587.378 | 34,8 | 8.322.433 | 22,0 |
| ערד ניט צום נוצן און אַנדערע . | | 93.533 | 5,6 | 3.985.565 | 10,5 |

1 די דאַטעס נעמען ניט אַרײַן דעם טאַרקער פּאָוויאַט, וועלכער איז אין יאָר 1931 אָפּגעטײלט געוואָרן פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט.

פֿון די אויבן געבראַכטע ציפֿערן זעען מיר, אַז עס זײַנען פֿאַראַן היפּשע אונטערשיידן צווישן דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט און גאַנץ פּוילן בנוגע דער אײַנטיילונג פֿון דער ערד לויט איר באַנוץ. הײַנו: די וואָיעוואָדשאַפֿט האָט אַ גרעסערן פּראָצענט לאָנקעס, פּאַשעס און וועלדער, און אַ קלענערן — פֿון אַקערפֿעלד.

כּדי צו האָבן אַ פֿולקום ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם ענין, האַלטן מיר פֿאַר וויכטיק צו ברענגען די אײַנטיילונג פֿון דער ערד לויט איר באַנוץ אין די באַזונדערע פּאָוויאַטן, וועלכע ווײַזן אַרויס אין דעם פּרט גרויסע דיפֿע־רענצן. די אײַנטיילונג ברענגען מיר אין רעלאַטיווע ציפֿערן.

## טאַבעלע VI

### אײַנטיילונג פֿון דער ערד לויט איר באַנוץ אין די באַזונדערע פּאָוויאַטן פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳

| פּאָוויאַט | אַלגעמיינער שטח | ערד לאַנדווירטשאַפֿטלעך באַנוצטע: צוזאַמען | אַקער־פֿעלד | סעדער און גערטנער | לאָנקעס | פּאַשעס | וועלדער | ערד ניט צום נוצן און אַנדערע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| דאָלינע . . . . | 100.0 | 35,1 | 12,2 | 0,8 | 11,2 | 10,9 | 61,0 | 3,9 |
| האָראָדענקע . . | 100.0 | 86,8 | 77,5 | 3,2 | 2,2 | 3,9 | 6,8 | 6,4 |
| קאַלוש . . . . | 100.0 | 59.2 | 37,0 | 2,3 | 12,2 | 7,7 | 35,5 | 5,3 |
| קאָלאָמיר . . . | 100.0 | 71,5 | 47,5 | 1,8 | 13,4 | 8,8 | 22,4 | 6,1 |
| קאָסעוו . . . . | 100.0 | 60,2 | 6,9 | 0,7 | 17,6 | 35,0 | 35,0 | 4,8 |
| נאַדווערנע . . | 100.0 | 40,4 | 14,8 | 0,9 | 12,1 | 12,6 | 55,2 | 4,4 |
| ראָהאַטין . . . | 100.0 | 76,9 | 59,4 | 2,2 | 9,8 | 5,5 | 17,2 | 5,9 |
| סטאַניסלאָוו . . | 100.0 | 69,7 | 57,0 | 3,3 | 8,5 | 6,9 | 21,3 | 9,0 |
| סטריי . . . . . | 100.0 | 51,6 | 25,9 | 1,0 | 18,7 | 12,0 | 37,0 | 5,4 |
| סניאַטין . . . . | 100.0 | 86,9 | 75,1 | 1,6 | 4,3 | 5,9 | 6,2 | 6,9 |
| טאָלמעטש . . | 100.0 | 74,9 | 62,4 | 3,3 | 5,1 | 4,1 | 17,0 | 8,1 |
| זשידאַטשעוו . | 100.0 | 71,4 | 43,9 | 2,5 | 13,4 | 11,6 | 23,9 | 4,7 |

די געבראַכטע טאַבעלע כאַראַקטעריזירט צום בעסטן די פֿאַרשיידנאַרטי־קייט פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט: טיפּיש לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּאָוויאַטן, מיט גאָר אַ הויכן פּראָצענט אַקערפֿעלד, ווי: האָראָדענקע, סניאַטין און טאָלמעטש; באַרגפּאָוויאַטן מיט אַ נישטיקן פּראָצענט אַקערפֿעלד, נאָר

אַ גרויסן פּראָצענט וואַלד, לאָנקעס און פּאַשעס, ווי קאָסעוו, דאָלינע און נאַדווערנע, און פּאָוויאַטן, וועלכע שטעלן פאַר אַ מיטל צווישןביידע טיפּן.

ג. געוויקסן-פּראָדוקציע. — לויט דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק" פון סטאַטיסטישן הויפּטאַמט, האָט מען פאַר די לעצטע פינף יאָר 1931—1935 פאַרזייט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט דורכשניטלעך אין אַ יאָר 545.953 העקטאַר ערד, און פון דעם מיט די ווײַטער אויסגערעכנטע וויכטיקסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע געוויקסן. מיר פאַרגלײַכן אין דעם פּרט די וואָיעוואָדשאַפט מיט גאַנץ פּוילן.

## טאַבעלע VII

פאַרזייטער שטח אין סטאַניסלאַוו' וואָיעוואָד' לויט די מינים (דורכשניט פאַר די יאָרן 1931—1935)

| געוויקס | סטאַניסלאַווער וואָיעוואָד' פאַרזייטער באָדן-שטח אין הא | סטאַניסלאַווער וואָיעוואָד' % | גאַנץ פּוילן % |
|---|---|---|---|
| ווייץ . . . . . | 88.187 | 16,2 | 10,3 |
| קאָרן . . . . | 101.462 | 18,6 | 33,7 |
| גערשטן . . . | 32.111 | 5,9 | 7,1 |
| האָבער . . . . | 81.326 | 14,9 | 13,0 |
| קוקורוזע . . . | 47.440 | 8,7 | 0,6 |
| קאַרטאָפל . . . | 104.882 | 19,2 | 16,2 |
| צוקער-בוריקעס | 2.807 | 0,5 | 0,7 |

פון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט שיידט זיך אונטער לויט דער פונאַנדערטיילונג פון די פאַרזייטע מינים פון דעם גאַנצן לאַנד. הײַנו: זי פאַרמאָגט אַ גרעסערן פּראָצענט פאַרזייטן שטח פון ווייץ (מיט 5,9 פּראָצ'), האָבער (מיט 1,9 פּראָצ'), קוקורוזע (מיט 8,1 פּראָצ') און קאַרטאָפל (מיט 3 פּראָצ'), נאָר אַ קלענערן פּראָצענט פון קאָרן (מיט 15,1 פּראָצ'), גערשטן (מיט 1,2 פּראָצ') און צוקער-בוריקעס (מיט 0,2 פּראָצ'). די דאָזיקע אונטערשיידן נעמען זיך דער עיקר פון די קלימאַטישע און באָדן-באַדינגונגען אין דער וואָיעוואָדשאַפט.

די דורכשניטלעכע גערעטענישן פון די אויסגערעכנטע געוויקסן (אין קווינטאַל אויף אַ העקטאַר אין משך פון דעם זעלבן צײַטאָפּשניט 1931—1935)

ווייזט אונדז די טאַב׳ VIII (לויט דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק״ פון סטאַטיסטישן הויפּטאַמט).

## טאַבעלע VIII

די דורכשניטלעכע גערעטענישן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ פאַר די יאָרן 1935—1931

| געוויקס | סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט קוו׳ אויף א הא | פוילן קוו׳ אויף א הא |
|---|---|---|
| ווייץ . . . . . . | 9,5 | 11,3 |
| קאָרן . . . . . . | 9,7 | 11,2 |
| גערשטן . . . | 9,6 | 12,0 |
| האָבער . . . . | 10,3 | 11,4 |
| קוקורודזע . . . | 9,9 | 9,9 |
| קאַרטאָפל . . . | 106,6 | 112,6 |
| צוקער-בוריקעס | 171,2 | 203,6 |

מיר זעען, אַז בנוגע די גערעטענישן אויף אַלע אויסגערעכנטע געוויקסן איז די סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט הינטערשטעליק לגבי גאַנץ פוילן. זי גלייכט זיך אויס בלויז אין די גערעטענישן פון קוקורוזע.

ד. בעלי-חיים-פּראָדוקציע. — די צאָל ווירטשאַפטלעכע בעלי-חיים אויפן שטח פון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט לויט די רעזולטאַטן פון זייער לעצטער ציילונג פון 30. VI. 1935 ווייזט די ווייטערדיקע טאַבעלע:

| פערד | האָרנפיך | חזירים | שעפסן | ציגן |
|---|---|---|---|---|
| 140.128 | 410.622 | 146.573 | 161.309 | 23.364 |

אויף 100 האַ ערד לאַנדווירטשאַפטלעך אויסגענוצט פאַלט אויס:

| | פערד | האָרנפיך | חזירים | שעפסן | ציגן |
|---|---|---|---|---|---|
| סטאַניסלאַווער וואָיעוואָד׳ . | 13,9 | 40,8 | 14,6 | 16,0 | 2,3 |
| פוילן . . . . . . . . . | 14,7 | 38,1 | 26,3 | 11,0 | 1,4 |

אין דעם פּרט שטייגט די וואָיעוואָדשאַפט אַריבער גאַנץ פוילן בנוגע האָרנפיך, שעפסן און ציגן.

דאָס זעלביקע אײַנגעטיילט אויף 100 דאָרפֿישע אײַנוווינער האָבן מיר:

| | פֿערד | האָרנפֿיך | חזירים | שעפֿסן | ציגן |
|---|---|---|---|---|---|
| אין סטאַניסל׳ וואָיעוו׳ . | 11,8 | 34,6 | 12,3 | 13,6 | 2,0 |
| פּוילן . . . . . . . . | 16,3 | 42,2 | 29,1 | 12,1 | 1,5 |

אין דעם פּרט שטײַגט די וואָיעוואָדשאַפֿט אַריבער גאַנץ פּוילן נאָר בנוגע שעפּסן און ציגן.

אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען פֿאַרשפּרייט די קי פֿון דער סימענטאַלער ראַסע.

ה. וואַלדווירטשאַפֿט.—די סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט שטייט אין פּרט פֿון באַוועלדערונג אויפֿן ערשטן אָרט אין פּוילן. לויט די שוין געבראַכטע דאַטעס פֿון דער לעצטער רעגיסטראַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע פֿון יאָר 1931 פֿאַרמאָגט די וואָיעוואָדשאַפֿט 587.378 הא וואַלד, דאָס באַטרעפֿט 34,8 פּראָצ׳ פֿון איר גאַנצן שטח.

די וועלדער, וועלכע געהערן צום גרעסטן טייל צו גרויסע אייגנטימער, קאָנצענטרירן זיך אין די באַרגפּאָוויאַטן, אין אייניקע פֿון זיי פֿאַרנעמען זיי אַפֿילו מער ווי אַ העלפֿט פֿון זייער שטח, למשל אין דאָלינער (61,0 פּראָצ׳) אין נאַדווערנער (55,2 פּראָצ׳).

דער הויפּטבוים אין די וועלדער פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז דער סוועריק, וועלכער טרעט אַרויס אין ריינע קאָמפּלעקטן אָדער געמישט מיט אַנדערעביימער, ווי: יאָדלע, בוק, גראַב, דעמב א״אַ. אין די נידעריקערע טיילן פֿון די בערג טרעפֿן מיר אויך ריינע קאָמפּלעקטן פֿון בוקביימער וועלדער אין קאָמפּאַקטע מאַסן דערגרייכן ביז 1300 מעטער איבערן ים-פֿלאַך.

אַ דאַנק די גינציקע באַדינגונגען פֿאַר דער וואַלדווירטשאַפֿט שפּילט זי אַ וויכטיקע ראָלע אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט; האָלץ-אינדוסטריע איז דאָ שטאַרק אַנטוויקלט: טאַרטאַקעס (אין בראָשנעוו געפֿינט זיך איינער פֿון די גרעסטע אין פּוילן) — פֿאַבריקן פֿון דיכט, קעסטלעך, האָלץ-וואָל, מעבל, סמאָלע אאַז״וו.

ו. פֿישערײַ.—קיין אָזערעס צוגעפּאַסט צו פֿישערײַ-ווירטשאַפֿט זײַנען אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט ניטאָ. פֿיש-סאַזשלקעס געפֿינען זיך דער עיקר אין די פּאָוויאַטן, וועלכע גרענעצן מיט דער טאַרנאָפּאָלער וואָיעוואָדשאַפֿט. זיי געהערן צו דער גרופּע סאַזשלקעס, וואָס ציען זיך דורך דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפֿט ביז צום דרום-טייל פֿון לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפֿט. אַ גרויסן פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל בילדן די אַ״ג „ווילדע“ סאַזשלקעס. זיי ווערן על פּי רוב געשאַפֿן דורך די דנעסטער-צופֿלוסן, ווען זיי טרעפֿן אָן אויף נאַטירלעכע שטערונגען און צעגיסן זיך אין דער ברייט. די דאָזיקע סאַזשלקעס געהערן על פּי רוב צו קליינע לאַנדווירטן, וועלכע פֿירן אויף זיי זייער אַ פּרימיטיווע פֿישערײַ-ווירטשאַפֿט.

ז. לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען.—די לאַנדווירטשאַפט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט טראָגט ניט קיין איינהייטלעכן כאַראַקטער, דאָס איז געווענדט אָן דער פאַרשיידנקייט פון די נאַטירלעכע תּנאָים. כּדי ניט צו קאָמפּליצירן די שילדערונג, קענען מיר איינטיילן די וואָיעוואָדשאַפט אין אַזעלכע פיר לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען: 1) פּאָקוציע, וועלכע נעמט אַרום די פּאָוויאַטן: האָראָדענקע און סניאַטין, 2) אונטער-קאַרפּאַטישער ראַיאָן מיט די פּאָוויאַטן: קאָלאָמיי, טאָלמעטש, סטאַניסלאַוו און טייל ווייַז קאָלוש, 3) דנעסטער-נידערונג, מיט די פּאָוויאַטן: זשידאַטשויוו און ראָהאַטין, 4) קאַרפּאַטישער — מיט די פּאָוויאַטן: קאָסעוו, נאַדווערנע, טיילווייַז קאָלוש, דאָלינע און סטרי. די דאָזיקע איינטיילונג קען ניט פּרעטענדירן אויף שטרענגער גענויקייט: אַ טייל פּאָוויאַטן טראָגן אין דעם פּרט אַ צווישן-כאַראַקטער.

דער ערשטער ראַיאָן, פּאָקוציע, איז איינער פון די וואַרעמסטע און טרוקנסטע געגנטן פון פּוילן. ער צייכנט זיך אויס מיט גוטע קלימאַטישע און באָדן-באַדינגונגען. ער טראָגט דעריבער אַ טיפּיש לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער: גאָר אַ גרויסער פּראָצענט אַקערפעלד, אַ קליינער פּראָצענט לאָנקעס און וואַלד, אַ נישטיקער פּראָצענט פּאַשעלאַנד, ערד ניט צום נוצן פאַרמאָגט ער אין גאַנצן ניט. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן ראַיאָן איז אויך דער גרויסער פּראָצענט פון פאַרזייטן שטח מיט גאָרטן-געוויקסן. אין די קליינע ווירטשאַפטן פאַרנעמט דער דאָזיקער שטח מער ווי אַ דריטל פון אַלגעמיינעם. מחמת דעם גינציקן קלימאַט איז דאָ מיגלעך צו זייען און פלאַנצן אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב אַזעלכע געוויקסן, וואָס אין אַנדערע טיילן געראָטן זיי נאָר אין אויסנאַמפאַלן. די אַ״ג פעלדער-גערטנער זייַנען פאַרזייט מיט אוגערקעס, פּאָמידאָרן, קאַווענעס, קוקורוזע, טאַבאַק אדג״ל.

אין דעם אונטער-קאַרפּאַטישן-ראַיאָן ווייַזן שוין די בעלי-בתּישקייטן אַרויס אַ מער פאַרשיידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל פון באָדן: אַ פאַרגרעסערטער פּראָצענט פון וואַלד, לאָנקעס און פּאַשעלאַנד אויפן חשבון פון אַקערפעלד. עס ווערט דאָ געזייט מער ווי אין ערשטן ראַיאָן תּבֿואות און קאַרטאָפל, אַקעגן אַ סך ווייניקער גאָרטן-געוויקסן. בדרך כּלל איז דאָ די צאָל געזייטע מינים אַ סך קלענער.

אין דעם באַרגיקן קאַרפּאַטן-ראַיאָן פאַרגרעסערט זיך נאָך מער דער פּראָצענט פון וואַלד, לאָנקעס און פּאַשעלאַנד. מיר טרעפן דאָ אויך ערד ניט צום נוצן. דער פּראָצענט פון אַקערפעלד פאַרקלענערט זיך דאָ שטאַרק. די צאָל געזייטע מינים איז אין דעם ראַיאָן אַ באַגרענעצטע. העכער אין די בערג ווערן נאָר קליינע שטחים לעבן שטוב פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, קוקורוזע, זעלטן מיט תּבֿואה. דעם איבעריקן טייל פון דער ווירטשאַפט פאַרנעמען פּאַשעלאַנד און לאָנקעס. אויפן שטח פון דעם ראַיאָן געפינען זיך אויך די באַרגפּאַשעס, די אַ״ג פּאָלאָנינעס. מחמת דעם גרויסן באַדייַט, וואָס זיי האָבן פאַרן ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דעם ראַיאָן, האַלטן מיר פאַר נייטיק צו זאָגן וועגן זיי עטלעכע ווערטער.

דער באַגריף „פּאָלאַנינע“ איז ניט קיין באַשטימטער אין גאַנצן. ער קען האָבן אי אַ באָטאַנישן אי אַ ווירטשאַפֿטלעכן טײַטש. אין ווירטשאַפֿטלעכן זינען ווערט בדרך כּלל אָנגענומען, אַז „פּאָלאַנינעס“ זײַנען לאָנקעס און פּאַשעס, וועלכע ליגן אין די בערג ווײַט פֿון מענטשלעכע וווינערטער (די וואָס ליגן נאָענט רופֿט די באַפֿעלקערונג פֿון די מזרח-קאַרפּאַטן „צירינקעס“, „טאָלאָקעס“ אדג״ל) אין די גרענעצן און העכער פֿון דעם אייבערשטן גרענעץ פֿון די וועלדער, ווו די ווירטשאַפֿט ווערט געפֿירט נאָר זומערצײַט. צו זיי ווערן אויך צוגערעכנט די אַ״ג „זימאַרקעס“, ד״ה פּאָלאַנעס, וועלכע ליגן נענטער צו מענטשלעכע וווינערטער, און מען האַלט אויף זיי די בהמות אויך אין שפּעטן האַרבסט און ווינטער, פּיטערנדיק זיי מיט היי. דער גרעסטער טייל פֿון די פּאָלאַנינעס אין פּוילן געפֿינען זיך אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט. לויט די ביזאיצטיקע אויספֿאָרשונגען ווערט זייער שטח אין די ראַמען פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט געשאַצט אויף איבער 50.000 העקטאַר.

די פּאָלאַנינעס האָבן ערגערע נאַטירלעכע און ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, ווי די שווייצער באַרגפּאַשעס און אַפֿילו ווי די אַ״ג „האַלן“ אין די טאַטרע-בערג, ווײַל דער באָדן איז אויף זיי בדרך כּלל שלעכט און דער קלימאַט ניט קיין גינציקער. פֿון פֿרי האַרבסט ביז דער העלפֿט מאַי זײַנען די פּאָלאַנינעס באַדעקט מיט שניי. עס טרעפֿן אויך אָפֿט אין די זומער-חדשים שנייפֿאַלן. דער צוטריט צו די פּאָלאַנינעס איז באַשווערט, ווײַל עס פֿעלן געהעריקע וועגן און בריקן. דאָס אַלץ אין איינעם געצוימען פֿאַרקלענערט זייער ווערט.

אַלע מינים פֿון די שטוביקע בעלי-חיים ווערן געפּיטערט אויף די פּאָלאַנינעס: רינדער, פֿערד, שעפּסן, ציגן און חזירים. מער ווייניקער אין דער צווייטער העלפֿט פֿון חודש מאַי ווערן די בעלי-חיים געבראַכט אויף די פּאָלאַנינעס, ווו זיי געפֿינען זיך אונטערן פֿרײַען הימל ביז האַרבסט. עס ווערט אויסגעבויט אַ הילצערנער שאַלאַש, אַ״ג „סטאַיע“, ווו מען האַלט די מילך-מכשירים, צוגאָב-פּאַשע אדג״ל. דאָרט ווערט אויך אָפֿט מאָל געמאַכט די ברינדזע. בײַנאַכט דינט די „סטאַיע“ ווי נאַכטלעגער פֿאַר די פּאַסטעכער, וועלכע מען רופֿט דאָ „וואַטאַהעס“. בײַ דער סטאַיע ווערט אָפּגעצאַמט אַ געוויסער פּלאַץ, ווו מען טרײַבט צונויף צוויי מאָל אַ טאָג די בהמות צום מעלקן.

די פּאָלאַנינעס נוצן אויס זייערע בעלי-בתּים גופֿא, אָדער זייער אָפֿט גיבן זיי זיי איבער אין אַרענדע. דער בעל-הבית אָדער אַרענדאַטאָר פֿון אַ פּאָלאַנינע נעמט אָן פֿון לאַנדווירטן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע פּאַשעערד, בהמות, צאָלנדיק זיי אַ באַשטימטע סומע פֿאַר די מילך. אין האַרבסט קערן זיך די בהמות אום צוריק צו זייערע בעלי-בתּים. פֿאַר פֿערד, יאַלעווקעס אדג״ל צאָלט מען פֿאַרקערט דעם בעל-הבית פֿון דער פּאָלאַנינע.

דער פֿערטער ראַיאָן, דער אַ״ג דנעסטער-ראַיאָן, טראָגט אויך אַ בולט לאַנדווירטשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. ער צייכנט זיך אויס דורך זײַנע אַ״ג „דנעסטער-פּאַשעס“, וועלכע האָבן אַ שם. דאָס זײַנען רײַכע נאַטוראַלע פּאַשעס, וועלכע

ציען זיך אויף גרויסע שטחים ביים דנעסטער און זיינע ביטייכן. איבער די אָפטע פאַרפלייצונגען פון די טייכן קענען די דאָזיקע שטחים ערד ניט באַנוצט ווערן ניט אונטער אַקער-אייזן און ניט אונטער דער קאָסע. נאָר אַ דאַנק די אָפזאַצן פון די טייכן, וועלכע באַפרוכפּערן זיי, ברענגען זיי גרויסע נוצן ווי פאַשעפּלעצער. דאָס זיינען די „טאָל-פּאָלאַניִנעס" פון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט. די דנעסטער-פּאַשעס געהערן על פּי רוב צו די פּריוואַטע הויפן, טיילווייז צו די גמינעס. אין מערץ — אַפּריל קויפן די הויפן אויף די ירידים אָקסן און אין פּאַרטיעס פון 40 — 60 שטיק לאָזט מען זיי אַרום ערשטן מאַי אויף די פּאַשעס. די געקויפטע אָקסן ווערן נאָך פאַר דעם פּאַשען אַ געוויסע צייט, אין אַפּריל, באַנוצט צו לייכטער אַרבעט אין פעלד. אויף די פּאַשעס פאַרברענגען די אָקסן אונטערן פרייען הימל ביי אַן אויפזיכט פון צוויי פּאַס-טעכער פון די ערשטע טעג מאַי ביז די ערשטע טעג אָקטאָבער, עס טרעפט אויך ביז העלפט פון דעם חודש. די רענטאַבּיליטעט פון די פּאַשעס ווערט אָבער אָפט פאַרקלענערט דורך מגפות פון די בהמות אָדער דורך אַ זומער-פאַרפלייצונג פון די טייכן. די פּאַשעס, וועלכע געהערן צו די גמינעס, שיידן זיך אונטער פון אַנדערע געוויינטלעכע גמינע-פּאַשעס נאָר מיט זייער נאַטיר-לעכער פרוכפּערקייט. זיי ווערן איבעריקנס אויסגענוצט אויף אַ פּרימיטיוון און ניט-ראַציאָנעלן אופן.

מיר זעען, בכן, אַז די קאַרפּאַטן- און דנעסטער-ראַיאָנען האָבן אַ דאַנק זייערע „פּאָלאָניִנעס" און „פּאַשעס" גינציקע באַדינגונגען פאַר דער בעלי-חיים-פּראָדוקציע.

ח. באָדן-רעפאָרם.[1] — דער ברייטער עולם, און אַפילו מענטשן, וואָס אַגראַרע פראַגן זיינען פאַר זיי ניט פרעמד, פאַרשטייען אונטער באָדן-רעפאָרם נאָר די צעטיילונג פון די גרויסע מאַיאָנטקעס אויף קליינע לאַנדווירטשאַפטן, ד"ה די אַ"ג פּאַרצעלאַציע. פּאַקטיש אָבער איז דער באַגריף אַ סך ברייטער. לויט דער פּוילישער געזעצגעבונג נעמט זי אַרום, אויסער דער פּאַרצע-לאַציע אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען (מלוכישע און פּריוואַטע, געצוווּנגענע און פריייוויליקע), אויך די קאָמאַסאַציעס (ד"ה די פאַרוואַנדלונג פון ווירט-שאַפטן, וועלכע באַשטייען פון צעוואָרפענע שטיקלעך פעלד, אין ווירטשאַפטן פון איין שטיק), ליקווידאַציע פון די סערוויטוטן (ד"ה ליקווידאַציע פון די רעכט פון די קליינע לאַנדווירטשאַפטן צו באַנוצן זיך מיט געוויסע אייגנטי-טומען, וועלכע זיינען דאָס אייגנס פון די גרויסע מאַיאָנטקעס; זעלטן פאַרקערט), ליקווידאַציע פון דער שותפישער ערד, עווענטועל די רעגולאַציע פון איר באַנוץ אד"ג.

ביי היינטיקן טאָג שטייען אַלע פראַגעס בנוגע באָדן-רעפאָרם אונטער דער קאָמפּעטענץ פון מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט און אַגראַר-רעפאָרמען

[1] די ציטירטע ציפערן אין דעם קאַפּיטל זיינען גענומען, אָדער צונויפגעשטעלט, לויט דער סטאַטיסטיק פון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אמט.

און די געהעריקע אָפּטיילונגען ביי די וואָיעוואָדשאַפֿטן און סטאַראָסטוועס. די אָפּטיילונג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַר-רעפֿאָרמען ביי דעם סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אַמט פֿירט מיט דער הילף פֿון די געהעריקע רעפֿעראַטן ביי די 3 סטאַראָסטוועס אין סטאַניסלאַוו, קאָלאָמיי און סטרי אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אויספֿירונג פֿון דער באָדן-רעפֿאָרם אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט. די באַזונדערע פּאָוויאַטן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט זיינען צוגעטיילט בנוגע דער פֿראַגע צו די דערמאָנטע 3 סטאַראָסטוועס.

אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז נאָר די פּאַרצע-לאַציע דורכגעפֿירט געוואָרן אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב. די איבעריקע אַקציעס, וועלכע גייען אַריין אין באַשטאַנד פֿון דער באָדן-רעפֿאָרם, געפֿינען זיך נאָך עד-היום איבער פֿאַרשיידענע סיבות אין אָנהייב-סטאַדיע.

אין דעם צייטאָפּשניט פֿון 1920 (ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט די טעטיקייט פֿון די באָדנאַמטן) ביז דעם 1. I. 1936 זיינען פּאַרצעלירט געוואָרן אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָד-שאַפֿט 51.167,8 האַ, וועלכע עס האָבן אָפּגעקויפֿט 31.699 פּערזאָנען, דערפֿון— 50.678,8 האַ פֿון פּריוואַטע מאַיאָנטקעס (אָפּגעקויפֿט 31.509 פּערזאָן; 99,0 פּראָצ') און 489,0 האַ פֿון די מלוכישע (1,0 פּראָצ')—אָפּגעקויפֿט 190 פּערזאָן. פֿון די 50.678,8 האַ פּאַרצעלירטע פֿון פּריוואַטע מאַיאָנטקעס[1] האָט מען געשאַפֿן 3.832 נייע ווירטשאַפֿטן, אַ"ג „זעלבשטענדיקע קאָלאָניעס" אויף אַ שטח פֿון 14.650,5 האַ (ד"ה 28,9 פּראָצ' פֿון דעם בכלל פּאַרצעלירטן שטח פֿון די מאַיאָנטקעס); אויף איין „זעלבשטענדיקער קאָלאָניע" איז אַזוי אַרום אויסגעפֿאַלן 3,8 האַ.

אַקעגן אויף צו פֿאַרגרעסערן די שוין עקסיסטירנדיקע ווירטשאַפֿטן זיינען אַוועק 31.219,3 האַ (61,6 פּראָצ'); פֿאַרגרעסערט האָט מען 25.445 ווירטשאַפֿטן. בכן אויף איין פֿאַרגרעסערטער ווירטשאַפֿט (אַ"ג צוגאָב-קאָלאָניע) איז אַוועק 1,2 האַ.

די איבעריקע 4.809,0 האַ זיינען אַוועק: 1.227,4 האַ (2,4 פּראָצ') אויף געזעלשאַפֿטלעכע צוועקן: וועגן, פּלעצער אויף גמינע-געביידעס וכדומה, און 3.581,6 האַ—אויף ספּעציעלע פּאַרצעלעס פֿאַר אַרבעטער און באַאַמטע (7,1 פּראָצ' פֿון דעם בכלל פּאַרצעלירטן באָדן פֿון די מאַיאָנטקעס).

פֿון די 31.509 קויפֿערס פֿון פּאַרצעלירטן באָדן פֿון די פּריוואַטע מאַיאָנטקעס זיינען געוועזן ניט-לאַנדווירטן 1.600 (5,1 פּראָצ') און לאַנדווירטן — 29.909 (94,9 פּראָצ'). פֿון די 29.909 לאַנדווירטן זיינען געוועזן אָן ערד 1.389 (10,7 פּראָצ'), „ניט-פֿולע לאַנדווירטן" 24.614 (82,3 פּראָצ) און „פֿולע לאַנדווירטן" 2.106 (7,0 פּראָצ').

---

[1] ווי אַזוי עס זיינען צעטיילט געוואָרן די 489,0 האַ פֿון די 3 מלוכה-מאַיאָנטקעס — האָבן מיר ניט קיין גענויע אינפֿאָרמאַציעס.

פֿון דער אַלגעמיינער צאָל 31.509 קויפֿערס זײַנען געווען 28.839 אָרטיקע (91,5 פּראָצ׳) און 2.670 – ניט־אָרטיקע (8,5 פּראָצ׳). די ניט־אָרטיקע זײַנען צום גרעסטן טייל פּוילישע קאָלאָניסטן, וועלכע מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער פֿון אַנדערע טיילן פֿון פּוילן. צום שטאַרקסטן איז די פּוילישע קאָלאָניזאַציע געפֿירט געוואָרן אין די יאָרן 1922 און 1923. בדרך כּלל האָט זי געבראַכט קליינע רעזולטאַטן.

דער באָדן־רעזערוו, ד״ה דער מקור וואָס פֿון אים ווערט גענומען ערד צו דער פּאַרצעלאַציע, האָט באַטראָפֿן אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט צום סוף פֿון יאָר 1935 לויט די „ביכער פֿאַרן באָדן־רעזערוו“ פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדישן אַמט 31.190,4 הא. דער דאָזיקער שטח געפֿינט זיך אין 261 מאַיאָנטקעס. דער באָדן־רעזערוו ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון 1) די ערד־מותרות אין די מאַיאָנטקעס פֿון איבער 180 הא, נאָך אַראָפּרעכענען געוויסע שטחים אין הסכּם מיט די אַרטיקלען 4 און 5 פֿון דעם געזעץ וועגן דער דורכפֿירונג פֿון דער אַגראַר־רעפֿאָרם פֿון 28. XII. 1925; 2) ערד פֿון די מאַיאָנטקעס פֿון דער אַ״ג „טויטער האַנט“, ד״ה פֿון דעם קלער, לויטן קאָנקאָרדאַט מיט דער פּויפּסלעכער מאַכט; 3) ערד פֿון די מלוכה־מאַיאָנטקעס, וואָס אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט האָט זי ניט קיין באַדײַטונג, אאַז״וו.

די קאָמאַסאַציע אַנטוויקלט זיך אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט זייער לאַנגזאַם. די סיבות דערפֿאַר זײַנען פֿאַרשיידענע: די אָרטיקע באַפֿעלקערונג האָט אַ קנאַפּע פֿאַרשטענדעניש דערפֿאַר; עס פֿעלט אַ באָדן־רעזערוו צו פֿאַרגרעסערן ביז דער געהעריקער מאָס די קליינע ווירטשאַפֿטן; עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע פֿאָרמעלע שוועריקייטן אין שײַכות מיטן ערד־קאַטאַסטער, אאַז״וו. ביזן סוף 1935 האָט מען אויפֿן גאַנצן שטח פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט דורכגעפֿירט די קאָמאַסאַציע נאָר אין 5 דערפֿער בײַ 1.579 ווירטשאַפֿטן, מיטן אַלגעמיינעם שטח פֿון 4.562,8 העקטאַר.

אין אַ טייל ערטער, ווו עס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן אַרבעטן אין שײַכות מיט דער באָדן־רעפֿאָרם (קאָמאַסאַציע), איז אויך דורכגעפֿירט געוואָרן אַ פּרימיטיווע מעליאָראַציע פֿון די באָדנס.

סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאָדערט אָבער גרויסע מעליאָראַציע־אַרבעטן פֿון די דנעסטער־פּאַשעס, טאָרפֿבאָדנס, וועלכע מען טרעפֿט אומעטום, טײַכן, וועלכע פֿאַרפֿלייצן פֿון צײַט צו צײַט און מאַכן אָן גרויסע שאָדנס. אַזאַ אַרבעט איז, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט, אָנגעהויבן געוואָרן פֿאַר דער מלחמה, די מלחמה האָט זיי אָבער איבערגעריסן. בײַ הײַנטיקן טאָג זעט זיך ניט, מען זאָל די אַרבעט, וועלכע פֿאָדערט גרויסע געלטסומעס, קענען באַנײַען.

ט. לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס.—אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט עקסיסטירן, אויסער דער דעלעגאַטור פֿון דער לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער, וועלכע איז אַן אינסטיטוציע

פֿוןווירטשאַפֿטלעכער אַליין-פֿאַרוואַלטונג, לאַנד-ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַלע פֿעלקער, וואָס באַוווינען די וואָיעוואָדשאַפֿט: אוקראַיִנישע, פּוילישע און ייִדישע.

די לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער איז אויפֿגעקומען ערשט אין יאָר 1933. איר טעטיקייט-קרײַז נעמט אַרום דעם שטח פֿון די דרײַ דרום-מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון פּוילן: לעמבערגער, סטאַניסלאַווער און טאַרנאָפּאָלער. איר אַרבעט שטייט אין אַ גרויסער מאָס אונטערן צייכן פֿון די נאַציאָנאַליטעטן-פֿאַרהעלטענישן אין דעם טייל פֿון פּוילן. עס קומט איר אויס מיטצואַרבעטן מיט 4 אַלגעמיין-לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס:[1] 1) „מאַלאָפּאָלסקיע טאָוואַזשיסטוואָ ראָלניטשע“ (מ. ט. ר.), וועלכע רעפּרעזענטירט די פּוילישע לאַנדווירטן, 2) „סילסקי האָספּאָדאַר“ און 3) „רילניטשי סאָיוז“, וועלכע קאָנצענטרירן אַרום זיך די אוקראַיִנישע פּויערים, און 4) די „ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט“ (ייִלאַ"ג) — די לעגאַל אָנערקענטע פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן.

די מ. ט. ר., אין דער פֿאָרם ווי זי עקסיסטירט בײַ הײַנטיקן טאָג, איז געשאַפֿן געוואָרן ערשט אין יאָר 1928. אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען פֿאַראַן אירע 12 קרײַז-אָפּטיילונגען און 209 לאַנד-ווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך; די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך פֿון מ. ט. ר. טראָגן אויך אַ האַנדלס-כאַראַקטער. בײַ די קרײַזלעך זײַנען פֿאַראַן קרעמלעך, וועלכע שטרעבן גאַנץ אָפֿן צו באַזײַטיקן דעם ייִדישן האַנדל פֿון דאָרף. אויסער מ. ט. ר., וועלכע איז דער עיקר אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע, פֿאַרמאָגן די פּאָליאַקן אויך אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע האַנדלס-אינסטיטוציע: „מאַלאָפּאָלסקי זוויאָנזעק מלעטשאַרסקי“ (קליינפּוילישער פֿאַרבאַנד פֿון מילכיקערס), וועלכע איז די צענטראַלע פֿון די פּוילישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון אין גאַליציע. זײַנע אָפּטיילונגען געפֿינען זיך אומעטום אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט. דער פּרעסע-אָרגאַן פֿון די פּוילישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס איז די וואָכנצײַטשריפֿט: „ראָלניק“, וועלכע דערשײַנט אין לעמבערג.

די אײַנפֿלוסרײַכע אוקראַיִנישע אַלגעמיין-לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע „סילסקי האָספּאָדאַר“ איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1898, אָבער ביז 1909 יאָר האָט זי געטראָגן נאָר אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. זי גיט אַרויס אַ צווייוואָכנדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿט אונטערן זעלביקן נאָמען, אַ חודש-צײַטשריפֿט פֿאַר בינען-האָדעוואַניע „אוקראַיִנסקי פּאַסיעטשניק“, אַ חודש-צײַטשריפֿט פֿאַר יוגנט „כליבאָראָבסקאַ מאָלאָדז“ און אַ פּאָפּולערע

---

1 די ציטירטע ציפֿערן וועגן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס זײַנען גענומען געוואָרן פֿון דעם געדרוקטן „באַריכט פֿון דער טעטיקייט פֿון לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער פֿאַרן בודזשעט-יאָר 1934/35“. לעמבערג 1935.

לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ביבליאָטעק (118 טיטלען). אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען פֿאַראַן 20 קרײַז-אָפּטיילונגען און 430 לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך פֿון „סילסקי האָספּאָדאַר“.

אַ גרויסע ראָלע אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער געגנט שפּילן די אוקראַיִנישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. דער „מאַסלאָסאָיוז“, די צענטראַלע פֿון די אוקראַיִנישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון, איז איינע פֿון די שטאַרקסטע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. אומעטום אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאַרמאָגט זי אירע אָפּטיילונגען און אַ שול פֿאַר מילכיקערײַ אין סטרי.

מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז ניט בלויז די ספּעציעל לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אוקראַיִנישע אָרגאַניזאַציעס פֿירן אַן אַרבעט אין גאַליציש[e]ן דאָרף. די אוקראַיִנישע געזעלשאַפֿט, פֿאַרשטייענדיק, אַז איר כּוח ליגט אין אוקראַיִנישן לאַנדווירט, וועלכער איז דער רובֿ מנין ורובֿ בנין פֿון דער אוקראַיִנישער נאַציע, פֿאַרנעמט זיך שטאַרק מיטן דאָרף. אַ קולטורעלע אַרבעט אין דאָרף פֿירן אויך: די „פּראָסוויטאַ“ — די צענטראַלע אוקראַיִנישע בילדונגס-געזעלשאַפֿט, וואָס גרינדעט און האַלט אויס ביבליאָטעקן, לייענזאַלן וכדומה; די „רידנאַ שקאָלאַ“ — די אוקראַיִנישע פּעדאַגאָגישע געזעלשאַפֿט, וואָס גרינדעט און פֿירט שולן אין די דערפֿער, א״אַ.

חוץ די דערמאָנטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿטן, גיבן די אוקראַיִנער נאָך אַרויס די דרײַ-חדשימדיקע צײַטשריפֿט „אוקראַיִנסקי אַגראָנאָמיטשני וויסטניק“ און עטלעכע קאָאָפּעראַטיווע זשורנאַלן.

**י. די רענטאַביליטעט פֿון די קליינע לאַנדווירטשאַפֿטן.**— זינט 1926 פֿירט די אָפּטיילונג פֿאַר עקאָנאָמיק פֿון די קליינע לאַנדווירטשאַפֿטן בײַם מלוכישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿאַר דער דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט אין פּילעוו די רעכענונגען בײַ עטלעכע הונדערט פּויערישע ווירטשאַפֿטן, פֿון 2 ביז 50 העקטאַר די גרייס, וועלכע זײַנען צעשפּרייט אין גאַנץ פּוילן. די אָפּשליסונגען פֿון די דאָזיקע רעכענונגען דינען ווי אַ מאַטעריאַל צו פֿאָרשונגען וועגן דער רענטאַביליטעט פֿון די פּויערישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין פּוילן. די רעזולטאַטן פֿון די דאָזיקע פֿאָרשונגען ווערן יערלעך פּובליקירט לײדער מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג. הײַיאָר איז למשל אַרויס ערשט די פּובליקאַציע פֿאַרן יאָר 1933/34.

געוויס איז עס נאָך אַ פֿראַגע צום אויספֿאָרשן און דיסקוטירן, צי די ווירטשאַפֿטן וואָס דער אינסטיטוט האָט אויסגעקליבן זײַנען טיפּישע און צי מען קען דעריבער די באַקומענע רעזולטאַטן פֿון זיי פֿאַראַלגעמיינערן אויף דער כּלל קליינע לאַנדווירטשאַפֿטן אין פּוילן. גענוג צו זאָגן, אַז דער אינסטיטוט אַליין איז מסופּק אין דעם און פֿאָרשט דעריבער די זאַך. עס לאָזט זיך גלייבן, אַז דעם צושטאַנד וואָס די פֿאָרשונגען ברענגען אַרויס איז אַ בעסערער, ווי דער דורכשניטלעכער צושטאַנד אין דער ווירקלעכקייט, ווײַל בלויז די מער

פּראָגרעסיוו געשטימטע בעלי-בתּים גיבן אַ הסכּמה צו פֿירן אין זייערע ווירטשאַפֿטן די רעכענונגען. דאָך קאָנען די ידיעות וואָס ווערן פֿאָרגעלעגט דינען צוליב אָריענטאַציע.

2. אינדוסטריע און באַרגערײַ. אַ דאַנק דער רײַכקייט אין וועלדער האָט זיך אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט אַנטוויקלט אַ האָלץ-אינדוסטריע: טאַרטאַקן, פֿאַבריקן פֿון מעבל, דיכט אאַז"וו.

אויפֿן שטח פֿון נאַדווערנער, דאָלינער, סטריער, קאַלושער און קאָלאָמייער פּאָוויאַט געפֿינען זיך גרובן פֿון נאַפֿטראָפּע, ערדגאַז, פּאָטאַש און אַנדערע זאַלצן אדג"ל. די פּאָטאַש-פֿאַבריק פֿון „טעספּ" אין קאַלוש איז די גרעסטע אין פּוילן.

פֿון די אונטערנעמונגען פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אינדוסטריע דאַרפֿן דערמאָנט ווערן די צוקער-פֿאַבריק אין האָראָדענקע, הייוון-פֿאַבריק אין סטאַניסלאָוו, אַ סך מילן, ברויזן אדג"ל.

אין דער געגנט פֿון באָלעכאָוו און קאָסעוו קאָנצענטרירט זיך אַ קליין-אינדוסטריע פֿון לעדער; סטאַניסלאָוו און קאָלאָמיי האָבן גרויסע מאָדערנע לעדער-פֿאַבריקן.

עס איז כּדאַי אונטערצושטרײַכן, אַז אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט אַנטוויקלט זיך אַ פֿאָלקס-אינדוסטריע. די קילים-אויסאַרבעטונגען למשל פֿון קאָסעווער און קאָלאָמייער פּאָוויאַט האָבן אַ שם אין גאַנץ פּוילן. קאָלאָמיי איז אויך אַ צענטער פֿון טליתים-וועבערײַ. בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען אָבער טעטיק נאָר קליינע וואַרשטאַטן.

פֿון די וויכטיקערע פֿאַבריקן דאַרפֿן נאָך דערמאָנט ווערן: די פֿאַבריק פֿון קעראַמיק-אויסאַרבעטונגען אין פּאַציקוּוו בײַ סטאַניסלאָוו, גלאָזהוטע אין מאַידאַן, פֿאַבריק פֿון אַלעבאַסטער-אויסאַרבעטונגען אין באָקאָטשין א"אַ.

לויט דער „אינדוסטריעלער סטאַטיסטיק" פֿון סטאַטיסטישן הויפּטאַמט פֿאַרן 1934 יאָר געפֿינען זיך אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט 600 אינדוסטריע-אַנשטאַלטן, דערפֿון 44 פֿון מינעראַלן - באַאַרבעטונג, 14 פֿון מעטאַל-אינדוסטריע, 20 פֿון כעמישער אינדוסטריע, 24 פֿון מאַנופֿאַקטור, 3 פֿון פּאַפּיר, 23 פֿון לעדער, 79 פֿון האָלץ, 363 פֿון שפּײַז, 11 פֿון קליידער, 7 פֿון פּאָליגראַפֿישער און 12 אונטערנעמונגען פֿון בוי-אינדוסטריע.

3. האַנדל. דער האַנדל שפּילט די קלענסטע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט. ס"ה 4,4 פּראָצ' פֿון איר באַפֿעלקערונג לעבט פֿון האַנדל.

לויט די ידיעות פֿון דער „סטאַטיסטיק פֿון די האַנדלס-אונטערנעמונגען" פֿון דעם סטאַטיסטישן הויפּטאַמט פֿאַר 1932 (שפּעטערדיקע העפֿטן זײַנען נאָך ליידער ניט פֿאַרעפֿנטלעכט) זײַנען אין דעם יאָר געווען טעטיק אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט 14.227 האַנדלס-אונטערנעמונגען. דערפֿון פֿון קאַטעגאָריע 1—6 (0,0 פּראָצ'), 2 — 440 (3,1 פּראָצ'), 6.158 (43,3 פּראָצ'), 4—7.512 (52,8 פּראָצ'), פֿון דער קאַטעגאָריע 5a—12 (0,1 פּראָצ') און 5b—99 (0,7 פּראָצ').

II

# צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער לאַנד־ווירטשאַפֿט אין גאַליציע בכלל און אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט בפרט

די געשיכטע פֿון דער יידישער לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע דאַרף ערשט געשריבן ווערן. מיר וועלן זיך דאָ באַנוגענען מיט עטלעכע קורצע ווערטער אויפֿן סמך פֿון דער מער ווי באַשיידענער ליטעראַטור וואָס איז פֿאַראַן און אויך פֿון אונדזערע אייגענע דרך־אַגבֿ־פֿאָרשונגען אויפֿן אָרט.

אין דעם אַמאָליקן פּוילן פֿאַר דער צעטיילונג האָבן קיין יידישע גרויס־אייגנטימער פֿון ערד ניט געקאָנט זיין לויטן געזעץ, און אויך וועגן קליינע לאַנדווירטן זיינען ביז איצט קיין ידיעות ניט געפֿונען געוואָרן. די איינציקע שייכות וואָס יידן האָבן אין יענע צייטן געקאָנט האָבן צו ערד איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן געקאָנט זיין אַרענדאַרן ביים פּריצים.

די צייטן פֿון דער עסטרייכישער הערשאַפֿט אין גאַליציע קען מען בנוגע דער יידן־פֿראַגע איינטיילן אין 2 הויפּט־פּעריאָדן: 1) פֿון 1772 (ווען די עסטרייכער האָבן פֿאַרנומען גאַליציע) ביז 1867, ווען יידן האָבן געקראָגן דאָרט פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג לויטן געזעץ; 2) פֿון 1867 ביזן סוף פֿון דער עסטרייכישער הערשאַפֿט אין גאַליציע.

אין דעם ערשטן פּעריאָד איז דאָס לעבן פֿון יידן געוואָרן רעגולירט דורך אַ סך ספּעציעלע, אָפֿט מאָל סותרדיקע געזעצן. וועגן דעם רעכט פֿון יידן צו קויפֿן און אַרענדירן ערד האָט די עסטרייכישע געזעצגעבונג איינגעשטעלט איין אָרדענונג לגבי גרויסע מאַיאָנטקעס און אַן אַנדער אָרדענונג לגבי דער קליינער פּויערישער ווירטשאַפֿט. ביז 1789 איז וועגן דער פֿראַגע, צי מעגן יידן קויפֿן גרויסע מאַיאָנטקעס, אין דער געזעצגעבונג פֿאַר גאַליציע גאָרנישט ניט געזאָגט. היות אויך אין די איבערגאַנגס־טראַקטאַטן איז קיין רייד ניט געווען וועגן דעם, במילא זיינען געבליבן גילטיק די אַלטע פּוילישע געזעצן: דאָס הייסט, אַז יידן איז געווען פֿאַרבאָטן צו קויפֿן גרויסע מאַיאָנטקעס. דער דאָזיקער מצבֿ האָט זיך געביטן מיט דער „יודענאָרדנונג" פֿון 7.V.1789, וועלכע האָט דערלויבט יידן צו קויפֿן און אַרענדירן גרויסע מאַיאָנטקעס און דורך דעם אויך געניסן פֿון אַלע פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען דערמיט פֿאַרבונדן. אָבער שוין דעם 29.III.1793 גייט אַרויס אַ געזעץ, וועלכער האָט צוגענומען ביי יידן די דאָזיקע רעכט אויף אַ לענגערער צייט. נאָר די יידן, וועלכע

האָבן אין דער צײַט צווישן 1789—1793 באַוויזן זיך אײַנצוקויפֿן מאַיאָנטקעס, איז געוואָרן דערלויבט זיי צו באַהאַלטן אויך אויף ווײַטער. זינט דער צײַט האָט אַ ייִד געמעגט קויפֿן אַ מאַיאָנטעק בדרך אויסנאַם: נאָר ווען ער האָט באַקומען דערויף אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פֿון קיסר אַליין. דאָס האָט געטראָפֿן למשל מיט דעם ייִד יאיר בראָד, ווען ער האָט אין 1855 אָפּגעקויפֿט דעם מאַיאָנטעק כודיאָווצע אין בערשטשעווער קרײַז, וועגן וואָס עס האָבן מיר דערציילט זײַנע קרובֿים, ה׳ יוסף קאהן פֿון סטעצאָווע בײַ שניטין און זײַן זון ד״ר יצחק קאהן, אַדוואָקאַט אין סטרי.

אַרענדע פֿון מאַיאָנטקעס איז אין גאַליציע געווען פֿאַרשפּרייט נאָך אין די צײַטן פֿון אַלטן פּוילן. צווישן די אַרענדאַרן זײַנען שטענדיק געווען אַ סך ייִדן. אָבער שוין די קיסרינע מאַריאַ טערעזע האָט באַלד בײַם איבערנעמען די מאַכט אין גאַליציע אַרויסגעגעבן אַ פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו האַלטן פֿאַרשיי־דענע אַרענדעס, דערין אויך פֿון מאַיאָנטקעס. די „יודענאָרדנונג‟ פֿון 1789 האָט דעם פֿאַרבאָט אָפּגעשאַפֿט און דער געזעץ פֿון 1793 האָט אים ווידער אײַנגעפֿירט.

גאָר אַנדערש האָט די עסטרײַכישע רעגירונג געקוקט אויף דעם ענין ייִדן אין דער קליינער לאַנדווירטשאַפֿט. אין דעם פּרט האָט די רעגירונג זינט יאָזעף II אַ צײַט געשטרעבט אָפּצוציען ייִדן פֿון האַנדל און מאַכן זיי פֿאַר פּויערים. צוליב דעם האָט זי באַפֿרײַט ייִדישע לאַנדווירטן פֿון פֿאַרשיידענע ספּעציעל ייִדישע שטײַערן, ווי טאָלעראַנץ־שטײַער, חתונה־טאַקסע אדג״ל. צוליב דעם זעלביקן ציל האָט מען נאָכן פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו וווינען אין די דערפֿער (וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1790) געמאַכט אַן אויסנאַם פֿאַר ייִדישע לאַנדווירטן.

די רעגירונג פֿון יאָזעף דעם צווייטן האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט אומדירעקטע מיטלען, כּדי צוצוציען ייִדן צו פֿעלדאַרבעט. זי האָט אויך געמאַכט אַ דירעקטן שריט. שוין אין יאָר 1781 האָט זיך די רעגירונג געווענדט צו דעם גובערניום אין לעמבערג מיט אַן אָנפֿרעג, צי וואָלט מען ניט געקענט באַזעצן ייִדן אויף מלוכישער ערד און אויף די געמיינדע־שטחים, וואָס געפֿינען זיך בײַ די שטעטלעך. אין קורצן אָבער איז דער גאַנצער ענין פֿאַרגעסן געוואָרן. בינתּים זײַנען אַרויס נײַע געזעצן וועגן ייִדן, וואָס האָבן, לויט די ווערטער פֿון בוזעק, צוגענומען דאָס ברויט בײַ אַ דריטל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די רעגירונג האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מען נעמט צו בײַ ייִדן די פֿריִערדיקע פּרנסות, מוז מען זיי געבן אַן אַנדער מקור פֿון פּרנסה. ווי אַ טיפּישער פֿאָר־שטייער פֿון דער פֿיזיאָקראַטישער שול, וועלכע זעט אין דער לאַנדווירטשאַפֿט דעם הויפּט־יסוד פֿון רײַכקייט פֿאַרן גאַנצן לאַנד, האָט דער קיסר יאָזעף דער צווייטער באַשלאָסן צו רעאַליזירן זײַן געדאַנק וועגן אַגראַריזירן די ייִדן. דעם

---

בײַ ד״ר י. קאהן געפֿינט זיך דער שײַכותדיקער דאָקומענט.

16. VII. 1785 יאָר האָט דער קיסר אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג צו גרינדן די
ערשטע ייִדישע קאָלאָניע אין גאַליציע. אָט די ערשטע התחלה האָט אָבער
געהאַט אַ שלעכטן מזל. אין יענער צײַט זײַנען די גאַליצישע אַמטן געווען
איבערגעלאָדן מיט אַרבעט בײַ דער דײַטשער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז דעמאָלט
געפֿירט געוואָרן. ס׳איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס זיי האָבן מיט גרויס
אומצופֿרידנקייט אויפֿגענומען די פֿאַראָרדענונג פֿון קיסר וועגן קאָלאָניזירן ייִדן,
צו וועלכע זיי האָבן קיין באַזונדער סימפּאַטיע נישט געפֿילט. פֿרילינג 1786
איז מען דאָך צוגעטראָטן צו גרינדן די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע אין דער געגנט
פֿון סאַנדז, אין דאָרף דאָמבראָווקע. באַלד האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה וועגן
דער קאָלאָניזאַציע צווישן די פֿאַראָרעמטע גאַליצישע ייִדן. אין די אַמטן האָבן
אָנגעהויבן מאַסנווײַז אַרײַנצופֿליסן פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון לאַנד בקשות
פֿון ייִדן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אויף ערד. עס זײַנען געגרינדעט
געוואָרן נאָך אייניקע קאָלאָניעס. צום באַדויערן אָבער איז די קורצע געשיכטע
פֿון אָט די קאָלאָניעס פֿאַרבליבן אומבאַקאַנט ביזן הײַנטיקן טאָג. בלויז די
געשיכטע פֿון איין קאָלאָניע—נאָווי באַבילאָן בײַ באָלעכאָוו אין דער סטאַניס-
לאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט — האָט באַשריבן אויפֿן סמך פֿון אַרכיוו-דאָקומענטן
ד״ר א. י. בראַווער אין „השלח“ באַנד 23, און דערבײַ אַרויסגעזאָגט די
השערה, אַז דער גורל פֿון די איבעריקע קאָלאָניעס איז מן הסתם געווען דער
זעלביקער. אויף שלעכטער ערד, אין דער נאָענט פֿון די באָלעכאָווער זאַלצ-
גרובן, האָט מען אויסגעטיילט פֿאַר 10 ייִדישע משפּחות צו 12 יאָך[1] פֿעלד. די
ערד איז זיי אַוועקגעגעבן געוואָרן אין אייביקער אַרענדע. געהילץ, שטיינער
און קאַלך אויף געבײַדעס האָט מען זיי געגעבן אויף קרעדיט. גלײַכצײַטיק
האָט מען זיי צוגעטיילט אַרבעטער צו הילף בײַם בויען. אָבער אַלע הוצאות
האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט אומקערן אין משך פֿון 4 יאָר, אָנגעהויבן פֿון
דעם 2טן יאָר אָן. אין פֿאַרגלײַך מיט די באַדינגונגען, אויף וועלכע עס זײַנען
קאָלאָניזירט געוואָרן די דײַטשן, זײַנען דאָס געווען זייער שלעכטע באַדינ-
גונגען. ס׳איז גענוג צו באַמערקן, אַז בעת די קאָלאָניזירונג פֿון אַ דײַטשער
משפּחה האָט געקאָסט דער מלוכה, ניט אַרײַנגערעכנט די ערד, 600—1.000 גילדן,
האָט די קאָלאָניזירונג פֿון אַ ייִדישער משפּחה איר געקאָסט סך-הכּל 100 גילדן,
וואָס האָט אויך געמוזט צוריקגעקערט ווערן. אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז
אַ דײַטשער קאָלאָניסט האָט באַקומען ווייניקסטנס 18 מאָרג פֿעלד און חוץ דעם
אומזיסט דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, וועט אונדז קלאָר ווערן, אַז
אַזאַ מין שטיפֿמוטערישע באַציִונג צו דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע איז געווען
איינע פֿון די הויפּט-סיבות, פֿאַר וואָס די קאָלאָניזאַציע האָט זיך ניט אײַנגע-
געבן. די שלעכטע ערד, די ניט-געוווינהייט צו ערדאַרבעט—האָבן אויך געהאַט
זייער ווירקונג. די קאָלאָניע איז ניט געווען אין שטאַנד צו צאָלן קיין שטײַערן
און אין קורצן איז איר חובֿ זייער שטאַרק אויסגעוואַקסן. צו פֿאַרקלענערן דעם

[1] דעם עסטרײַכישן מאָרג, וועלכער איז גלײַך 5.755 $m^2$, רופֿן די גאַליציאַנער ייִדן „יאָך“.

חובֿ און פֿונאַנדערלייגן אים אויף ראַטעס, ווי דאָס פֿלעגט געטאָן ווערן לגבי די דײַטשע קאָלאָניעס, האָבן די מאַכטאָרגאַנען ניט מסכּים געווען. ווען די פֿאַרוואַלטונג פֿון די מלוכישע מאַיאָנטקעס אין קאַלוש האָט אַרויסגעגעבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן די קאָלאָניסטן, זײַנען זיי געצוווּנגען געוואָרן אין יאָר 1788 צו פֿאַרלאָזן די קאָלאָניע. זייער אָרט האָבן פֿאַרנומען דײַטשע קאָלאָניסטן, וועלכע געפֿינען זיך דאָרטן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין יאָר 1789 איז די קאָלאָניזאַציע איבערגעגעבן געוואָרן צו די ייִדישע קהילות, אָבער דאָס האָט אויך געגעבן גאָר קנאַפּע רעזולטאַטן.

די קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדן, וואָס די עסטרײַכישע רעגירונג האָט פֿירגענומען אין גאַליציע, האָט בכן געליטן אַ דורכפֿאַל. די פֿײַנטלעכע באַציִונג פֿון דער לאָקאַלער מאַכט, די שלעכטע קאָלאָניזאַציע-באַדינגונגען און לסוף דאָס וואָס אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט גופֿא האָבן געפֿעלט טוער, וואָס זאָלן זײַן מסוגל צו פֿירן די אַרבעט, אַלץ אין איינעם האָט דערצו מיטגעווירקט.

די צענטראַלע רעגירונג אין ווין האָט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ גוטן ווילן צו שטיצן אַ ייִדישע קליין-לאַנדווירטשאַפֿט. ווען עס איז אין יאָר 1851 אַרויסגעטראָטן דער באַקאַנטער בראָדער ייִדישער כּלל-טוער און באַנקיר מאיר קאַליר מיט אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ ייִדישן אַקערבוי-פֿאַראיין אין גאַליציע, כּדי צו שאַפֿן ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס, האָט ער גלײַך געקראָגן די צושטימונג און דערלויבעניש פֿון דער רעגירונג. אָבער אויך דער פּראָיעקט איז אַריבער אין דער געשיכטע ווי איינער פֿון די ניט-געראָטענע פּרוּוון צו אַגראַריזירן די ייִדישע מאַסן. אויך איצט האָט געשטערט די לאָקאַלע מאַכט, דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ מניעה, וואָס די ייִדישע אָרטאָדאָקסיע איז קענטיק געווען קעגן דעם. דערויף זאָגט עדות דער בריוו פֿון אַ הויכן עסטרײַכישן באַאַמטן צום באַוווסטן רבֿ צ. ה. חיות, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין יענער צײַט אין דער צײַטשריפֿט „ווינער בלעטער“, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון מאיר לעטעריס: „אַ צאָל היגע ייִדן — שרײַבט ער — טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק צו אָרגאַניזירן פֿאַר די גאַליצישע ייִדן אַן אַקערבוי-פֿאַראיין און אָנצוהייבן אַ קאָלאָניזאַציע אין דער פֿאָרם פֿון געשלאָסענע ייִדישע געמיינדעס. עס איז קיין שום ספֿק ניט, אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן, כּדי צו באַזײַטיקן דעם כּסדר וואַקסנדיקן פּראָלעטאַריאַט בײַ ייִדן, וועט אונטערגעשטיצט ווערן דורך יעדן אויפֿגעקלערטן מענטשן. ניִשט אין גאַנצן זיכער איז אָבער, צי ער וועט אָנערקענט ווערן אויך דורך דער אָרטאָדאָקסיע. עס האַנדלט זיך ניט וועגן באַזעצן איינצלנע ייִדישע פֿאַמיליעס צווישן קריסטלעכע פּויערים, נאָר וועגן גרינדן ריין ייִדישע געמיינדעס, וועלכע וועלן קענען אומגעשטערט אָפּהיטן זייערע מנהגים און דינים. זיי וועלן קענען האָבן זייערע אייגענע שולן, סינאַגאָגעס און רבנים. אַזוי ווי אײַער ווילגעבוירן געניסט גרויס אָנזען און פֿאַרערונג, סײַ אין דער וועלט פֿון געלערנטע, סײַ בײַ די אָרטאָדאָקסן, בין איך ניט

מסופק, אַז אײַער אַרײַנמישונג אין דעם פּרט וועט זיכער העלפֿן. איך באַדאַרף ניט דערקלערן פֿאַר אײַער ווילגעבוירן די נוצן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזירונג פֿון ייִדן אין גאַליציע. כּדי אָבער צו פֿאַרהיטן פֿון אַ דורכפֿאַל, איז דורכויס נייטיק, אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט זאָל קומען ניט פֿון דער אַזוי גערופֿענער אינטעליגענץ, נאָר פֿון דער אָרטאָדאָקסיע.

קאַרל מאַלפֿאַרט — סעקרעטאַר אין אינערן-מיניסטעריום".

דער דאָזיקער בריוו איז אָפּגעדרוקט אין נומ' 36 פֿון „ווינער בלעטער" פֿון 4. V. 1851. אָבער שוין דעם 24. VIII. פֿון זעלבן יאָר לייענען מיר אין דער זעלבער צײַטונג וועגן זעלבן ענין אָט וואָס: „עס ווערט אַלץ מער באַשײַמפּערלעך, אַז דער גאַנצער קאָלאָניזיר-פּלאַן פֿון ה' מ. קאַליר פֿון בראָד איז ניט אַנדערש ווי אַ מפּיל-קינד, הגם ער האָט געפֿונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין גאַנצן לאַנד און הגם דער קאָמיטעט, וועלכער איז צו דעם געווײלט געוואָרן, האָט גראָד מצד די גרעסערע ערד-אייגנטימער באַקומען די פֿאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן שטאַרק העלפֿן דורך אָנבאָטן אויסגעצייכנטע פּלעצער אויף זייער גוטע באַדינגונגען". די צײַטונג ציטירט ווײַטער אַ נאָטיץ פֿון דער אָפּיציעלער צײַטשריפֿט „אַוסטריאַ" וועגן די נוצן פֿון אַ ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין גאַליציע און גיט צו: „דער קאָלאָניזיר-פּלאַן איז ניט דורכגעגאַנגען נאָר דערפֿאַר, ווײַל הגם דאָס מיניסטעריום איז געווען מסכּים צו אים, זײַנען געמאַכט געוואָרן שטערונגען מצד דער לאָקאַלער מאַכט. אַ ראַבינער, וועלכער האָט געוואָלט דרוקן אַ צירקולאַר וועגן דער פֿראַגע אין דער דײַטשער און העברעיִשער שפּראַך, האָט מען געסטראַשעט מיט שטראָף".

די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ערשט נאָך 1867, ווען עס זײַנען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אַלע באַגרענעצונגען קעגן ייִדן. אַ ביסל פֿריִער — אין 1859 איז דערלויבט געוואָרן ייִדן ווידער צו וווינען אין די דערפֿער און דעם 18. II. 1860 איז טיילווײַז אַראָפּגענומען געוואָרן דער פֿאַרבאָט פֿאַר ייִדן צו קויפֿן טאַבולאַרע[1] מאַיאָנטקעס. פֿון דער צײַט אָן הייבט אָן וואַקסן דער ייִדישער גרויסער ערד-אייגנטום. שוין אין 1889[2] באַטרעפֿט די צאָל ייִדישע טאַבולאַרע מאַיאָנטקעס 557, דאָס מאַכט אויס 12,39 פּראָצ' פֿון דער אַלגעמיינער צאָל. אין דעם זײַנען געווען 322 ייִדישע טאַבולאַרע מאַיאָנטקעס פֿון איבער 200 יאָך (11,84 פּראָצ' פֿון דער אַלגעמיינער צאָל טאַבולאַרע מאַיאָנטקעס פֿון דער קאַטעגאָריע). צוזאַמען מיט

---

1 טאַבולאַרע מאַיאָנטקעס האָבן אין גאַליציע געהייסן די מאַיאָנטקעס וועלכע זײַנען זינט 1780 געווען פֿאַרשריבן אין דער „לאַנד-טאַבולע" (= ערדרעיסטער) בײַ דעם קיניגלעכן טריבונאַל אין לעמבערג, און שפּעטער אין באַזונדערע היפּאָטעק-ביכער בײַ די קרײַזגעריכטן. צום גרעסטן טייל זײַנען דאָס געווען גרויסע מאַיאָנטקעס.

2 פֿאַרגלײַך פּראָפֿ' ד"ר ט. פּילאַט: דאָס טאַבולאַרע אייגנטום אין גאַליציע. סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די לאַנד-פֿאַרהעלטענישן אַרויסגעגעבן דורכן סטאַטיסטישן לאַנד-ביוראָ. לעמבערג 1891.

דער צאָל יידישע ערד-אייגנטימער איז אויסגעוואַקסן אויך די צאָל יידישע אַרענדאַרן פון מאַיאָנטקעס, וועלכע האָבן אַ נאָמען פון גוטע בעלי-בתים. בערך 50 פראָצ׳ פון אַלע אַרענדאַרן זיינען צום סוף פון פאַרגאַנגענעם י״ה געווען יידן. די יידישע אייגנטימער פון מאַיאָנטקעס צוזאַמען מיט די אַרענדאַרן האָבן געהאַט צו שאַפן איבער אַ גרויסן טייל פון גרויסן ערד-אייגנטום אין גאַליציע, בפרט אין איר מזרחדיקן טייל. צוזאַמען מיט די יידישע ערד-אייגנטימער און אַרענדאַרן איז אויך אויפגעקומען אַ קלאַס יידישע לאַנד-ווירטשאַפטלעכע באַאַמטע, אַ״ג אָפיציאַליסטן: אַדמיניסטראַטאָרן, עקאָנאָמען, הויף- און פעלד-באַאַמטע וכדומה. זיי זיינען געווען באַשעפטיקט דער עיקר אין די יידישע מאַיאָנטקעס, אָבער צום טייל אויך אין די קריסטלעכע מאַיאָנטקעס.

זינט די 60ער יאָרן האָט אין גאַליציע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיך אויך די קליינע יידישע לאַנדווירטשאַפט. איינצלנע יידישע קליינע לאַנדווירטן זיינען מן הסתם געווען אויך פריִער. אַזוי למשל האָבן מיר געפונען פאַרשריבן אין אינווענטאַר-בוך[1] פון סטאַניסלאַווער קליוטש אויפן יאָר 1793 ביי 10 יידן, וועלכע האָבן געצאָלט גרונטשטייער. פון די האָט איינער געטראָגן דעם נאָמען בערקאָ קאָלאָניסטאָ. צו פאַרענטפערן די פראַגע, ווי אַזוי די קליינע יידישע לאַנדווירטשאַפט איז געקומען צו איר ערדפאַרמאָג, זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע השערות. מיר נאָטירן עטלעכע פון זיי, דערביי מוזן מיר אונטער-שטרייכן, אַז דער ענין מוז ערשט גרונטיק אויסגעפאָרשט ווערן:

1. דער ייד האָט געליען געלט צו פויערים אויף אַ משכון פון זייער שטיק ערד. ווען די פויערים האָבן ניט געצאָלט, איז די ערד אַריבער צום יידן ווי זיין אייגנס.

2. דער ייד האָט געהאַנדלט מיט ערד, ווייל דאָס איז געווען אַ גוטע סחורה. ווען עס איז געקומען די וועלט-מלחמה, האָבן די ערד-טראַנזאַקציעס אויפגעהערט, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין קונים. ביי די דאָזיקע יידן איז געבליבן דעריבער ערד.

3. ערד איז אַמאָל אין גאַליציע בכלל געווען אַ יש, אַ זאַך, וואָס עס האָט געלוינט אַריינצולייגן דערין קאַפּיטאַל, אַ שטייגער ווי אין אַ באַנק. דאָר-פישע יידן האָבן דעריבער געקויפט פעלד. גערן פאַר זייערע אָפּשפּאָרונגען

ווי דאָס זאָל ניט זיין, איז די צאָל יידישע ערד-אייגנטימער כסדר געוואַקסן, און אין יאָר 1910 ביי דער לעצטער עסטרייכישער פאָלקסציילונג אין גאַליציע האָט זי באַטראָפן 10,72 פראָצ׳ פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון דער פראָווינץ. דער איבערגאַנג פון יידן צו ערדאַרבעט איז פאָרגעקומען ספּאָנטאַן, פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, אָן קיין שום פּלאַניר-טער אַקציע, אין גאַנץ גאַליציע, און קודם כל אין איר מזרחדיקן טייל. דעריבער

1 Inwentarz klucza stanisławowskiego na rok 1793 ułożony i na gruncie zarejestrowany. געפינט זיך אין שטאַטישן אַרכיוו אין סטאַניסלאַוו

זײַנען אין גאַליציע ניטאָ קיין הונדערט-פּראָצענטיקע ייִדישע דערפֿער-קאָלאָניעס. די ייִדישע לאַנדווירטן זײַנען צעזייט און צעשפּרייט צווישן די ניט-ייִדישע.

אין דעם סטאַניסלאַווער פּאָוויאַט האָבן מיר אָבער אָנגעטראָפֿן אין דעם „בײַדערפֿל" (przysiołek) א"נ כאָמיאַקווו, אַ ייִשובֿ וואָס האָט דעם כאַראַקטער פֿון אַ ייִדישער קאָלאָניע. דער פּאָליציי-פּאָסטן אין דערבײַיקן דאָרף טשערניעוו האָט אים דעריבער אַ נאָמען געגעבן „קליין-פּאַלעסטינע", און אַזוי רופֿט אים איצט אָן די גאַנצע אַרומיקע באַפֿעלקערונג. „קליין-פּאַלעסטינע" שטעלט פֿאַר איין גאַס, וואָס פֿון ביידע אירע זײַטן געפֿינען זיך נאָר ייִדישע הײַזער מיט זייערע פֿעלדער. די איינציקע ניט-ייִדישע שטוב, וועלכע געפֿינט זיך גלײַך נאָך די ייִדישע, איז אָפּגעטיילט פֿון זיי דורך אַ גרענעץ און געהער אַדמיניסטראַטיוו צו דעם שכנותדיקן דאָרף בראַטקאָוויעץ. אין „קליין-פּאַלעסטינע" וווינען 9 ייִדישע משפּחות, וועלכע באַשטייען פֿון 32 נפֿשות.[1] אַלע אײַנוווינער זײַנען קרובֿים צווישן זיך: פֿעטערס, מומעס, פּלימעניקעס(צעס), שוועסטער-קינדער אד"גל, פֿאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט און אַ טייל מיט פֿורמאַנערײַ ווי אַ צוגאָב, זײַנען מקיים דעם „בזעת אפּיך" אין די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. אונדז האָט פֿאַראינטערעסירט די פֿראַגע, ווי אַזוי איז די קאָלאָניע אויפֿגעקומען. נאָכן פֿאַרברענגען אין איר עטלעכע טעג, צווישן דעם אויך אַ שבת, ווען אַלע אירע אײַנוווינער רוען, זײַנען מיר דערגאַנגען פֿון די שמועסן מיט יעדערן באַזונדער און מיט אַלעמען צוזאַמען אָט וואָס: אין די 60ער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם י"ה האָט זיך באַזעצט אין דער הײַנטיקער „קליין-פּאַלעסטינע" דער זיידע פֿון אירע הײַנטיקע אײַנוווינער יוסף שטערן-שיפּער („דער זאַידע יאָזעפּ"), וועלכער האָט דאָ געהאַלטן אַ שענק. פֿריִער איז ער געווען אַן אַרענדאַר אין דערבײַיקן בראַטקאָוויעץ, פֿון וואַנען מען האָט אים אויסגעקאָנקורירט. באַלד נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין כאָמיאַקווו האָט יוסף שטערן אָנגעהויבן אויפֿקויפֿן ערד.[2] צו ערשט האָט ער דאָס געטאָן אויפֿן נאָמען פֿון אַ געוויסן ווײַנגאַרטן פֿון סטאַניסלאַוו. פֿאַר וואָס ער האָט געקויפֿט אויף אַ פֿרעמדן נאָמען, האָבן אונדז די אײַנוווינער פֿון „קליין-פּאַלעסטינע" ניט געקענט גענוי דערקלערן. זיי האָבן נאָר אַרויסגעזאָגט השערות: 1) דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען ניט אַלע ייִדן האָבן נאָך געמעגט קויפֿן ערד. ווײַנגאַרטן האָט געהאַט דאָס דאָזיקע רעכט בדרך אויסנאַם. 2) יוסף שטערן האָט געהאַט פֿאָרמעלע שוועריקייטן איבער זײַן פֿאַמיליע-נאָמען, וועלכער איז גאָר אין דער אמתן געווען שיפּער. פֿאַר זײַן טויט האָט דער „זאַידע יאָזעפּ" צעטיילט די ערד צווישן זײַנע 11 קינדער, וואָס איינע פֿון זיי — סאָסיע אורמאַן, לעבט נאָך אין דער קאָלאָניע. די אייניקלעך זײַנע האָבן חתונה געהאַט צווישן

---

1 לויט דער ציילונג וואָס מיר האָבן דורכגעפֿירט אין יולי 1935.

2 אַ טייל פֿון די אײַנקויף-קאָנטראַקטן, וועלכע שטאַמען פֿון די 60ער יאָרן, האָבן די כאָמיאַקווער ייִדן דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון מחבר איבערגעגעבן אַ מתנה דעם אַרכיוו פֿון ייִוואָ.

זיך און אַזוי האָט זיך דער ערד-אייגנטום פֿון יוסף שטערן צעברעקלט און עס איז געוואָרן די קאָלאָניע.

אויף אַן ענלעכן אופֿן ווי די כאָמיאַקיוו-קאָלאָניע זײַנען אויפֿגעקומען די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין דעם בײַדערפֿל גוואָזדזיעץ בײַ דעם דאָרף קאַמענע, נאַדווערנער פּאָוויאַט. דאָ וווינען הויז בײַ הויז 5 ייִדישע פֿאַמיליעס. מען רופֿט עס אויך קאָלאָניע, אָבער עס טראָגט ניט דעם כאַראַקטער וואָס די צו ערשט דערמאָנטע. עס געפֿינען זיך דאָ אויך ניט-ייִדישע פֿאַמיליעס. מיט יאָרן פֿריִער (לויט די אויסרעכענונגען פֿון די אײַנוווינער פֿון בײַדערפֿל מיט אַ 100 יאָר צוריק) האָט זייער זיידע מאַילעך (מלך), וועלכער האָט געשטאַמט פֿון שטעטל גוואָזדזיעץ (פֿון דאַנען דער נאָמען פֿון בײַדערפֿל) באַקומען פֿון דעם קאַמענער פּריץ, גאַלעיעווסקי, בײַ וועמען ער איז געווען אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַאַמטער, ערד במתנה. דורך דער צעטיילונג פֿון דער ערד צווישן די קינדער זײַנען אויפֿגעקומען די ייִדישע ווירטשאַפֿטן אין גוואָזדזיעץ.

די אויבן דערמאָנטע פֿאַקטן ברענגען מיר ווי אַן אילוסטראַציע דערפֿאַר, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט אויפֿקומען ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע.

די לעצטע יאָרן פֿון דער עסטרײַכישער ממשלה איז פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער באַציִונג פֿון דער רעגירונג צו דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט. דעם 9טן אויגוסט 1915 איז אַרויס די קייזערלעכע פֿאַראָרדענונג וועגן פֿאַרקויפֿן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און וואַלדווירטשאַפֿטלעכע נחלאות, וואָס האָט פֿאַרבאָטן אַריבערצוטראָגן די רעכט פֿון אייגנטום פֿון לאַנד- און וואַלד-ווירטשאַפֿטן אָן דער דערלויבעניש פֿון דער ספּעציעל צו דעם ציל געשאַפֿענער קאָמיסיע. דאָס זעלבע איז געווען גילטיק בנוגע אַרענדירן אַזעלכע ווירטשאַפֿטן אויף לענגער ווי 10 יאָר. הגם אין דעם געזעץ איז ניט געווען דערמאָנט בפֿירוש דער נאָמען „ייִד“, איז ער אָבער אין דער פּראַקטיק באַנוצט געוואָרן קעגן ייִדן: ייִדישע בקשות פֿלעגט די קאָמיסיע אָפּזאָגן.[1]

עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1919, בעת דער קורצער עקסיסטענץ פֿון דער מערבֿ-אוקראַיִנישער רעפּובליק, וועלכע האָט געהאַט איר רעזידענץ אין סטאַניסלאַוו, האָט די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איבערגעלעבט אַ ניט-זיכערע צײַט. אָט ווי עס באַשרײַבט דעם דעמאָלטיקן מצבֿ ראובֿן פֿאַהן,[2] דער סעקרעטאַר פֿון ייִדישן נאַציאָנאַל-ראַט, וועלכער איז דאַן געווען טעטיק אין סטאַניסלאַוו: „...די באָדן-רעפֿאָרם איז געווען איינס פֿון די גאָר וויכטיקסטע ענינים וואָס האָבן באַדאַרפֿט דורכגעפֿירט צו ווערן פֿון דער אוקראַיִנישער רעגירונג. די נישט-גלײַכמעסיקע פֿאַרטיילונג צווישן

---

1 אויף דעם פֿאַקט האָט אונדז אָנגעוויזן דער באַקאַנטער סטאַניסלאַווער אַדוואָקאַט ד״ר יצחק פּײַטצער.

2 ראובֿן פֿאַהן, געשיכטע פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע אינעם פּעריאָד פֿון דער מערבֿ-אוקראַיִנישער רעפּובליק. לעמבערג 1933, ז׳ 107, 194 א״וו.

אַ גרויסגרונט־באַזיץ אין די הענט פֿון יחידים און צווישן אַ קלײן פּויערטום מיט אַ צעשטיקלטן און קאַרגן ערדבאַזיץ, דערצו נאָך די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן צווישן די ערשטע אַלס פּוילישע פּריצים און די צווייטע אַלס אוקראַיִנישע קליין־פּויערים האָבן די פֿראַגע פֿאַרשאַרפֿט און געדרענגט צו אַ פֿאַרענטפֿערונג. די ייִדן זײַנען אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען פֿאַראינטערעסירט אין דער זאַך. דער קריג מיט די רוסישע אינוואַזיעס האָבן דאָס ייִדישע דאָרפֿס־לעבן שטאַרק געשעדיקט. די פֿײַנטלעכע טענדענצן, וואָס האָבן זיך באַוויזן בשעת די דעבאַטן אין דער אוקראַיִנישער נאַציאָנאַלער ראַדאַ וועגן דער ערד־רעפֿאָרם, האָבן געדראָט צו פֿאַרניכטן דעם ייִדישן דאָרפֿס־עלעמענט". דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַט האָט זיך אין יענעם מאָמענט געווענדט צו דער רעגירונג מיט די פֿאָדערונגען: 1) ווידער אויפֿצובויען די פֿון קריג צעשטערטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן, 2) אין דער קומענדיקער ערדרעפֿאָרם דאַרפֿן נכלל ווערן אויך יענע ייִדן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרן קריג פֿאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפֿט און אויך די וואָס זײַנען גרייט צו אַרבעטן אַליין בײַ דער ערד.[1] די אוקראַיִנישע רעגירונג אין סטאַניסלאַוו האָט פֿאַר דער קורצער צײַט פֿון איר עקסיסטענץ ניט באַוויזן אונטערצונעמען וועלכע עס איז פּראַקטישע טריט אין פּרט פֿון דער ערדרעפֿאָרם. די לאָקאַלע באַאַמטע אָבער האָבן אויסנוצנדיק די אומרוּיִקע צײַט רעגירט יעדערער לויט זײַן פֿאַרשטאַנד. בכלל האָבן אין יענער צײַט קורסירט פֿאַרשיידענע אָפֿט מאָל סתּירותדיקע קלאַנגען בנוגע דער ערדרעפֿאָרם. דאָס האָט געווירקט, אַז אַ טייל פֿון די ייִדישע פּריצים האָבן פֿאַר ביליק פֿאַרקויפֿט אָדער פֿאַרצעלירט זייערע מאַיאָנטקעס.

אַ קאַפּיטל פֿון דער סאַמע נײַסטער געשיכטע פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז די קאָלאָניזאַציע פֿון עטלעכע צענדליקער ייִדישע משפּחות, וועלכע עס האָט דורכגעפֿירט די ייִקאַ אין איר מאַיאָנטעק סלאָבידקע־לעסנע בײַ קאָלאָמיי. אין יאָר 1901 האָט די ייִקאַ אָפּגעקויפֿט דעם גרויסן מאַיאָנטעק פֿון בערך 1.000 יאָך סלאָבידקע־לעסנע (15 קמ פֿון דער שטאָט קאָלאָמיי), וווּ זי האָט אײַנגעאָרדנט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מוסטערשול. די מלחמה האָט אין גאַנצן חרוב געמאַכט דעם מאַיאָנטעק סלאָבידקע־לעסנע און אויך די שול, וועלכע האָט זיך דאָרט געפֿונען. נאָך דער מלחמה, ווען עס איז צוריק מעגלעך געוואָרן אַ קאָנטאַקט צווישן דער צענטראַלע פֿון ייִקאַ אין פּאַריז מיט דער דירעקציע פֿון מאַיאָנטעק סלאָבידקע־לעסנע, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצובויען דעם חרוב געוואָרענעם מאַיאָנטעק מיטן אויסקוק צו באַנײַען די לימודים אין דער שול. דער מאַיאָנטעק איז טאַקע אָפּגעבויט געוואָרן: זײַנע שיינע גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע בנינים וואָלטן ניט פֿאַרשעמט קיין שום ערשטקלאַסיקן מאַיאָנטעק. עס זײַנען אויך רעסטאַווּרירט געוואָרן דער בנין פֿון דער געוועזענער שול און אויך די ברענערײַ. די שול איז אָבער לײדער ניט באַנײַט געוואָרן.

[1] פֿאַרגלײַך מיטטיילונגען פֿון אָסטגאַליציִשן ייִדישן נאַציאָנאַל־ראַט נומ׳ 2, 13.IV.1919.

די אוקראַינישע און דײַטשע פּויערים, וועלכע וווינען בשכנות, האָבן שוין זינט אַ לענגערער צײַט אַרענדירט פֿון מאַיאָנטעק שטיקלעך פֿעלד. היות ווי מען האָט געקאָנט חושש זײַן, אַז לויטן געזעץ וועגן „באַשיצן קליינע אַרענדאַטאָרס" זאָלן אָט די פֿעלדער פֿאַרבלײַבן דאָס אייגנטום פֿון די פּויערים, וועלכע האָבן זיי אַרענדירט, האָט די אַדמיניסטראַציע פֿון מאַיאָנטעק אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פֿאַרצעלירן די ערד און פֿאַרקויפֿן חלקים. אין משך פֿון אַ קורצער צײַט איז אַ גרויסער טייל פֿון מאַיאָנטעק פֿאַרקויפֿט געוואָרן.

אין יאָר 1926 האָט די צענטראַלע פֿון דער יק"אַ אין פּאַריז אָנגענומען אַ באַשלוס צו קאָלאָניזירן אין סלאָבידקע-לעסנע 20 יידישע פֿאַמיליעס. קאָלאָניסטן האָבן געקאָנט ווערן נאָר פּערזאָנען וואָס פֿאַרמאָגן די נייטיקע פֿאַך-אויסבילדונג צו באַאַרבעטן אַ ווירטשאַפֿט פֿון 10 הא און אַ געהעריקע סומע געלט אויף בנינים און ווירטשאַפֿטלעכע אינוועסטיציעס. פֿון אַלע קאַנדידאַטן וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט צוגעשטעלט האָט די צענטראַלע באַשטעטיקט 16; 9 פֿון זיי זײַנען באַזעצט געוואָרן אין דאָרף ראַקאָוושיק בײַם שאָסיי סטאַניסלאַוו — קאָלאָמיי, די איבעריקע 7 אין דאָרף סלאָבידקע-לעסנע. אַלע קאָלאָניסטן אין איינעם האָבן באַקומען ערד 156 הא 24 אַר 92 מ$^2$.[1] די ערד איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין סדר פֿון פּאַרצעלאַציע לויט דער דערלויבעניש פֿון קרײַזישן באַדנאַמט אין לעמבערג פֿון 25. IX. 1926.

די קאָלאָניזאַציע איז דורכגעפֿירט געוואָרן לויט אָט די תּנאים.[2] 1) איטלעכער קאָלאָניסט האָט באַקומען בײַ 10 העקטאַר אויסגעדרעגירט פֿעלד אין איין שטיק פֿאַרן פּרײַז פֿון 100 דאָלאַר אַ העקטאַר. 2) בײַם אונטערשרײַבן דעם קאָנטראַקט האָט איטלעכער קאָלאָניסט געדאַרפֿט אײַנצאָלן 50 דאָלאַר אָן אַדעראַף; די איבעריקע סומע האָט געדאַרפֿט אויסגעצאָלט ווערן אין משך פֿון 15 יאָר אין יאָריקע ראַטעס; די ערשטע ראַטע האָט געדאַרפֿט באַצאָלט ווערן נאָך אין יאָר 1927 באַלד נאָכן רעאַליזירן די גערעטעניש. 3) פֿאַרן רעשט געלט האָט דער קאָלאָניסט געמוזט צאָלן נאָך 5 פּראָצ׳ יערלעך. 4) יעדער קאָלאָניסט איז געווען מחויבֿ אויסצובויען אויף זײַן נחלה אַ הויז צום וווינען, אַ שטאַל מיט אַ שײַער געדעקט מיט אַ פֿײַערזיכערן מאַטעריאַל, אויסגראָבן אַ ברונעם און פֿאַרמאָגן אַ לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, ווי עס איז נייטיק לויט דער גרייס פֿון דער ווירטשאַפֿט. 5) אין משך פֿון די 15 יאָר ביז דער קאָלאָניסט צאָלט אויס אין גאַנצן דעם חובֿ פֿאַר דער ערד, איז ער מחויבֿ זיך צוצופּאַסן צו דעם ווירטשאַפֿטלעכן פּלאַן וואָס עס שטעלט צונויף די

1 לויט די ידיעות פֿון דעם וואַרשעווער ביוראָ פֿון יק"אַ.

2 די תּנאים פֿון דעם אָפּמאַך שטאַמען פֿון די אינפֿאָרמאַציעס פֿון דעם דירעקטאָר פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אָפּטיילונג פֿון יק"אַ אין פּוילן אינזש׳ ב. דאָבזשינסקי און פֿון דעם מוסטער-פֿאָרמולאַר פֿון די קאָנטראַקטן, וואָס מיר האָבן באַקומען בײַ דעם אַדוואָקאַט פֿון יק"אַ ד"ר ב. בלומענפֿעלד אין לעמבערג.

אַדמיניסטראַציע פֿון מאַיאָנטעק סלאָבידקע-לעסנע. קודם כּל מוז יעדער קאָלאָניסט אין משך פֿון די 15 יאָר פֿאַרזעצן בײַ 2 העקטאַר קאַרטאָפֿל, און די אַראָפּגענומענע פּירות פֿון דער גערעטעניש מוז ער איטלעכס יאָר צושטעלן אין דער ברענערײַ פֿון מאַיאָנטעק, חוץ דעם סכום וואָס איז נייטיק אויף זריעה און פֿאַר דעם אייגענעם פֿאַרנוץ. דער פּרײַז פֿאַר די קאַרטאָפֿל ווערט באַשטימט לויט די האַנדלספּרײַזן פֿאַר אינדוסטריע-קאַרטאָפֿל אין טאָג פֿון צושטעלן. 6) יעדער קאָלאָניסט מוז אַליין פֿירן זײַן ווירטשאַפֿט. עס איז פֿאַרבאָטן אָפּצוגעבן די ערד צו באַאַרבעטן אויף שותּפֿות. ער טאָר אויך ניט אין משך פֿון די 15 יאָר, ביז דער גאַנצער חובֿ וועט זײַן אויסגעצאָלט, אָפּטרעטן קיינעם די געקויפֿטע נחלה ניט פֿאַר געלט ניט אָן געלט. 7) די בנינים מוזן זײַן פֿאַרזיכערט פֿון פֿײַער, די תּבֿואות—פֿון האָגל. 8) די קאָלאָניסטן איז אין משך פֿון די 15 יאָר פֿאַרבאָטן צו האַלטן אַ קראָם אָדער בכלל האַנדלען מיט אַרטיקלען, וועלכע האָבן ניט קיין שײַכות מיט זייער אייגענער ווירטשאַפֿט.

עס זײַנען אין דעם קאָנטראַקט פֿאַראַן נאָך עטלעכע פּונקטן פֿון אַ קלענערן באַטײַט, און עס זײַנען אָנגעוויזן די סאַנקציעס, וועלכע די געזעלשאַפֿט יק"אַ האָט דאָס רעכט אָנצונעמען, אויב די קאָלאָניסטן וועלן ניט אויספֿירן די אויבן דערמאָנטע תּנאים.

בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען עס זײַנען אַריבער שוין צען יאָר זינט די קאָלאָניזירונג האָט זיך אָנגעהויבן, קען מען שוין אונטערפֿירן אַ שטיקל סך-הכּל. איין וויכטיקע דערגרייכונג איז שוין דאָס, וואָס דער באַשטאַנד פֿון די קאָלאָניסטן-משפּחות איז געבליבן כּמעט דער זעלביקער ביזן הײַנטיקן טאָג. די קליינע ענדערונגען וואָס זײַנען אין דעם פּרט פֿאָרגעקומען באַשטייען צום גרעסטן טייל דערין, וואָס די ערד איז איבערגעגאַנגען פֿון שווער צום איידעם.

III

# דער אַנטייל פֿון ייִדן אין דער ערד־פּאַרצעלאַציע אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

איינע פֿון די וויכטיקסטע, און צוגלייך קאָמפּליצירטסטע און האַרבסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך געשטעלט פֿאַר דער נייער פּוילישער רעפּובליק גלייך ביי איר אויפֿלעבונג, איז געווען די אַגראַר־פּראַגע. די אַגראַרע סטרוקטור פֿון פּוילן קען מען קורץ אויסדריקן אין איין זאַץ: אַ געוואַלדיקע צעברעקלונג פֿון ווירטשאַפֿטן, וועלכע זיינען ניט פֿעיִק פּראָדוקטיוו צו אַרבעטן, צוגלייך אַ קאָנצענטרירונג פֿון גרויסע שטחים אין די הענט פֿון פּריצים און מיליאָנען פּויערים אָן ערד. פֿאַרענטפֿערן די אַגראַר־פּראַגע וואָלט געקענט נאָר אַ ראַציאָנעל דורכגעפֿירטע ערדרעפֿאָרם, ערדרעפֿאָרם אָבער הייסט ניט נאָר פּאַרצעלירונג, ווי אַ סך זיינען געוויינט צו האַלטן, עס נעמט אַריין אין דער אמתן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן.

לויט דער פּוילישער געזעצגעבונג נעמט די ערדרעפֿאָרם אַרום, אויסער דער פּאַרצעלאַציע אין אירע פֿאַרשיידענע פֿאָרמען (דורך דער רעגירונג און פּריוואַט, דורך צוואַנג און פֿרייוויליק), אויך די קאָמאַסאַציע (ד"ה צונויפֿנעמען ווירטשאַפֿטן, וועלכע באַשטייען פֿון אַ סך צעוואָרפֿענע שטיקלעך פֿעלד, אין ווירטשאַפֿטן פֿון איין שטיק, וואָס דורך דעם ווערן זיי פֿעיִק צו פּראָדוקטיווער אַרבעט), דאָס ליקווידירן די סערוויטוטן (ד"ה די רעכט פֿון די קליינע ערד־ווירטשאַפֿטן צו געניסן פֿון געוויסע נוציקייטן, ווי לאָנקעס, וואַלד, וואַסער וכדומה, וועלכע געהערן צו די גרויסע מאַיאָנטקעס; אין זעלטענע פֿאַלן — פֿאַרקערט), די צעטיילונג פֿון די שותּפֿישע גמינע־פּאַשעס, אָדער די רעגולירונג פֿון זייער באַנוץ אאז"וו.

אונדזער אַרטיקל באַרירט נאָר די פֿראַגע פֿון פּאַרצעלאַציע אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, און אויך דערפֿון נאָר אַ קליינעם אָפּשניט — דעם אַנטייל פֿון ייִדן אין איר.

בנוגע דער פּאַרצעלאַציע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג גילטיק דער געזעץ פֿון 28. XII. 1925 וועגן דער דורכפֿירונג פֿון דער ערדרעפֿאָרם, וואָס טייל־

ווײַז נאָוועליזירט און דערגאַנצט. אַלע פֿראַגן, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער ערדרעפֿאָרם, שטייען אונטער דער קאָמפּעטענץ פֿון מיניסטעריום פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַר־רעפֿאָרמען און די געהעריקע אָפּטיילונגען בײַ די וואָיעוואָדשאַפֿטן און סטאַראָסטוועס. די אָפּטיילונג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַר־רעפֿאָרמען בײַ דעם סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדישן אַמט פֿירט אָן — מיט דער הילף פֿון די געהעריקע רעפֿעראַטן בײַ די 3 סטאַראָסטוועס אין סטאַניסלאָוו, קאָלאָמיי און סטרי — אַלע ענינים, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער דורכפֿירונג פֿון דער ערדרעפֿאָרם אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט. די באַזונדערע פּאָוויאַטן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען צוגעטיילט בנוגע דער פֿראַגע צו די דערמאָנטע 3 סטאַראָסטוועס.

בדרך כּלל איז אָנגענומען, אַז די ערדרעפֿאָרם האָט צו ייִדן אין גאַנצן קיין שײַכות ניט. עס קומט אויס צו הערן וועגן דעם צוויי מיינונגען: 1) היות ווי ערד איז גייטיק פֿאַר מיליאָנען פּויערים, קאָן שוין ממילא ניט זײַן קיין רייד פֿון ערד בײַ ייִדן, וועלכע זײַנען צום גרעסטן טייל אַ שטאָטישער עלעמענט; 2) ייִדן קאָנען פּאַקטיש ניט געניסן פֿון דער ערדרעפֿאָרם, ווײַל די געהעריקע מאַכטאָרגאַנען וואַרפֿן אָפּ איבער פֿאַרשיידענע סיבות ייִדישע בקשות אין דער ריכטונג. פֿון אונדזער אַרבעט וועט זיך אַרויסווײַזן, ווי ווײַט די געבראַכטע מיינונגען זײַנען באַרעכטיקט בנוגע דער פּאַרצעלאַציע אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט. מיר ווילן אָבער גלײַך באַמערקן, אַז די סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז אַ יוצא מן הכּלל אין דעם פּרט. דאָס ווײַזט אונדז די טאַבעלע IX וועלכע איז גענומען פֿון דער צײַטשריפֿט: „ראָלניצטוואָ“ (יאָרגאַנג 1932), דעם האַלב־אָפֿיציעלן אָרגאַן פֿון מיניסטעריום פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַר־רעפֿאָרמען.

פֿון אָט דער טאַבעלע זעען מיר, אַז דער פּראָצענט ייִדן, וועלכע האָבן געקויפֿט ערד פֿון דער פּאַרצעלאַציע אויפֿן טעטיקייטס־געביט פֿון סטאַניסלאָווער קרייזישן ערדאַמט, לגבי דער אַלגעמיינער צאָל קויפֿערס (1,7 פּראָצ׳) איז דער גרעסטער אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע קרייזישע ערדאַמטן און גרעסער ווי דער פּראָצענט פֿאַר גאַנץ פּוילן (0,5 פּראָצ׳).

די דאַטעס פֿאַר אונדזערע ווײַטערדיקע טאַבעלעס האָבן מיר גענומען פֿון: 1) די סטאַטיסטישע ביכער, וועלכע ווערן געפֿירט דורך דער אָפּטיילונג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַר־רעפֿאָרמען בײַ דעם סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדישן אַמט (צאָל ערדקויפֿער פֿון דער פּאַרצעלאַציע, אײַנגעקויפֿטער שטח פֿון 1929 און העכער, פּאַרצעלירטע ערד פֿון די ייִדישע מאַיאָנטקעס); 2) די פּאַרצעלאַציע־אַקטן, וועלכע געפֿינען זיך אין די געהעריקע רעפֿעראַטן בײַ די 3 סטאַראָסטוועס אין סטאַניסלאָוו, קאָלאָמיי און סטרי — שטח ערד, וואָס ייִדן האָבן געקויפֿט ביז דעם יאָר 1929 פֿריער פֿלעגט דער לעמבערגער קרײַזישער ערדאַמט, וואָס צו אים האָט געהערט די סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט ביז 1. VI. 1928, ניט גאָטירן די קויפֿערס פֿון דער פּאַרצעלאַציע לויט דער

## טאַבעלע IX

### די צאָל קויפֿערס פֿון די פּאַרצעלירטע שטחים ערד אין פּוילן אין יאָר 1919—1931

| קרייזישער ערדאַמט | אַלגעמיינע צאָל קויפֿערס | פֿון דעם ייִדן: אַבסאָלוטע צאָל | פֿון דעם ייִדן: % |
|---|---|---|---|
| גאַנץ פּוילן . . . . . . . . | 527.420 | 2882 | 0,5 |
| וואַרשע . . . . . . . . . | 33.081 | 2 | 0,0 |
| פּעטריקאָוו . . . . . . . . | 19.955 | 146 | 0,7 |
| קעלץ . . . . . . . . . . | 43.864 | 148 | 0,4 |
| לובלין . . . . . . . . . . | 42.139 | 19 | 0,0 |
| ביאַליסטאָק . . . . . . . . | 29.571 | 170 | 0,6 |
| ווילנע . . . . . . . . . . | 32.340 | 232 | 0,7 |
| גראָדנע . . . . . . . . . | 35.346 | 189 | 0,5 |
| בריסק . . . . . . . . . . | 22.967 | 114 | 0,5 |
| לוצק . . . . . . . . . . | 69.825 | 264 | 0,4 |
| טאַרנאָפּאָל . . . . . . . . | 62.059 | 528 | 0,9 |
| **סטאַניסלאָוו . . . . . .** | **23 825** | **413** | **1,7** |
| לעמבערג . . . . . . . . . | 45.402 | 509 | 1,1 |
| קראָקע . . . . . . . . . | 24.994 | 139 | 0,6 |
| קאַטאָוויץ . . . . . . . . . | 9.833 | 8 | 0,1 |
| פּויזן . . . . . . . . . . | 22.436 | — | 0,0 |
| גרודזיאָנדז . . . . . . . . | 9.783 | 1 | 0,0 |

רעליגיע. מיר זײַנען דעריבער געווען געצוווּנגען אַרויסצונעמען די געהעריקע דאַטעס פֿאַר די ייִדישע קויפֿערס פֿון דעם ערשטן מקור, ד״ה: פֿון די פּאַרצעלאַציע־אַקטן; 3) די „ביכער פֿאַר ערדרעזערוו", וועלכע געפֿינען זיך בײַ דער דערמאָנטער אָפּטיילונג פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט (דאַטעס וועגן ערד־רעזערוו).

אַלע געבראַכטע דאַטעס זײַנען שייך צו דער פּאַרצעלאַציע, וועלכע איז געפירט געוואָן דורך פּריוואַטע פּערזאָנען, דורך די קאָמפּעטענטע אינסטיטו- ציעס און דורך דער רעגירונג אין אירע מאַיאָנטקעס אין דעם צײַטאָפּשניט זינט 1920 (ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון די ערדאַמטן אויפן שטח פון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפט) ביז 1. I. 1936.

## טאַבעלע X

די צאָל יידישע ערדקויפערס פון דער פּאַרצעלאַציע און דער שטח ערד וואָס זיי האָבן אײַנגעקויפט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט לויט די איינציקע פּאָוויאַטן 1935—1920

| פּאָוויאַט | צאָל קויפערס: אין אַלגעמיין | צאָל קויפערס: צווישן דעם יידן: אַבסאָלוטע צאָל | צאָל קויפערס: צווישן דעם יידן: % | אײַנגעקויפטער שטח ערד: אין אַלגעמיין האַ | אײַנגעקויפטער שטח ערד: פון דעם דורך יידן: אַבסאָלוטע צאָל אין האַ | אײַנגעקויפטער שטח ערד: פון דעם דורך יידן: % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. דאָלינע . . . . | 407 | 6 | 1,5 | 896,7 | 11,9 | 1,3 |
| 2. האָראָדענקע . | 3.542 | 141 | 4,0 | 5970,8 | 374,3 | 6,3 |
| 3. זשידאַטשוויוו . | 1.827 | 14 | 0,8 | 3899,4 | 151,1 | 3,9 |
| 4. טאָלמעטש . . | 4.485 | 65 | 1,4 | 7297,3 | 333,1 | 4,6 |
| 5. נאַדווערנע . . | 737 | 14 | 1,9 | 1153,8 | 30,2 | 2,6 |
| 6. סטאַניסלאַוו . | 5.165 | 143 | 2,8 | 7054,2 | 87,1 | 1,2 |
| 7. סטרי . . . . | 1.330 | 14 | 1,1 | 2956,0 | 35,5 | 1,2 |
| 8. סניאַטין . . . | 2.403 | 96 | 4,0 | 2628,1 | 268,0 | 10,2 |
| 9. קאָלאָמיי . . | 4.177 | 135 | 3,2 | 6757,8 | 480,0 | 7,1 |
| 10. קאַלוש . . . . | 1.202 | 18 | 1,5 | 2906,5 | 37,0 | 1,3 |
| 11. קאָסעוו . . . | 6 | — | 0,0 | 8,3 | — | 0,0 |
| 12. ראָהאַטין . . . | 6.418 | 102 | 1,6 | 9638,9 | 490,7 | 5,1 |
| צוזאַמען די גאַנצע וואָיעוואָדשאַפט | 31.699 | 748 | 2,4 | 51.167,8 | 2298,9 | 4,5 |

פון דער טאַבעלע X זעען מיר, אַז 1) 748 יידן האָבן געקויפט ערד פון דער פּאַרצעלאַציע, וואָס באַטרעפט 2,4 פּראָצ׳, פון דער אַלגעמיינער צאָל קויפערס אין דער וואָיעוואָדשאַפט (31.699) ; 2) די 748 יידישע קויפערס האָבן צוזאַמען געקויפט 2298,9 העקטאַר, וואָס באַטרעפט 4,5 פּראָצ׳ פון דעם

אַלגעמיין-פֿאַרצעלירטן שטח-ערד (51.167,8 האַ)‏; 3) דער פּראָצענט ייִדישע ערדקויפֿערס אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפֿט (2,4 פּראָצ׳) איז קלענער פֿון דעם פּראָצענט ערד-שטח, וואָס זיי האָבן געקויפֿט (4,5 פּראָצ׳)‏; מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז די ייִדישע קויפֿערס האָבן אין דורכשניט געקויפֿט גרעסערע פּאַרצעלעס ווי די ניט-ייִדישע; 4) אַ פּראָצענט ייִדישע ערדקויפֿערס איבערן דורכשניט פֿאַר דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפֿט (2,4 פּראָצ׳) האָבן די פּאָוויאַטן: האָראָדענקע (4,0 פּראָצ׳), סניאַטין (4,0 פּראָצ׳), קאָלאָמיי (3,2 פּראָצ׳) און סטאַניסלאַוו (2,8 פּראָצ׳)‏; דעם קלענסטן שייַכותדיקן פּראָצענט האָט דער זשידאַטשיווער פּאָוויאַט (0,8 פּראָצ׳)‏; 5) די גרעסטע אַבסאָלוטע צאָל ייִדישע ערדקויפֿערס ווייַזט דער סטאַניסלאַווער פּאָוויאַט (143), די קלענסטע — דער דאָלינער (6). דער קאָסעווער פּאָוויאַט קומט, ווי מיר זעען עס אויך פֿון דער טאַבעלע, בכלל ניט אין באַטראַכט ביי דער פּאַרצעלאַציע מחמת זייַן באַרגיקן כאַראַקטער; 6) אַ פּראָצענט איבערן דורכשניט פֿאַר דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפֿט (4,5 פּראָצ׳) האָבן די פּאָוויאַטן סניאַטין (10,2 פּראָצ׳), קאָלאָמיי (7,1 פּראָצ׳), האָראָדענקע (6,3 פּראָצ׳), ראָהאַטין (5,1 פּראָצ׳) און טאָלמעטש (4,6 פּראָצ׳). דעם קלענסטן שייַכותדיקן פּראָצענט האָבן סטאַניסלאַווער און סטריער פּאָוויאַט (1,2 פּראָצ׳)‏; 7) דעם גרעסטן ערד-שטח האָבן ייִדן איינגעקויפֿט אין ראָהאַטינער פּאָוויאַט (490,7 האַ), דעם קלענסטן — אין דאָלינער (11,9 האַ).

די ווייַטערדיקע טאַבעלע ווייַזט די צאָל ייִדן וואָס האָבן געקויפֿט ערד פֿון דער פּאַרצעלאַציע און די גרייס פֿון דעם שטח ערד וואָס זיי האָבן איינגעקויפֿט אין דריי צייַטאָפּשניטן אין די יאָרן 1920 — 1935:

| יאָרן | צאָל קויפֿערס: צוזאַמען | פֿון דעם ייִדישע: אַבס׳ | פֿון דעם ייִדישע: % | איינגעקויפֿטער ערד-שטח: אין גאַנצן הא | פֿון דעם דורך ייִדן: אַבס׳ | פֿון דעם דורך ייִדן: % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1920 — 1924 . . . . . | 5 858 | 60 | 1,0 | 16 444,0 | 245,9 | 1,5 |
| 1925 — 1929 . . . . . | 12 609 | 238 | 1,9 | 18 874,9 | 486,6 | 2,6 |
| 1930 — 1935 . . . . . | 13 232 | 450 | 3,4 | 15 848,9 | 1566,4 | 9,9 |
| צוזאַמען 1920 — 1935 . | 31 699 | 748 | 2,4 | 51 167,8 | 2298,9 | 4,5 |

פֿון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז עס האַלט אין וואַקסן ניט בלויז די אַבסאָלוטע צאָל ייִדישע ערדקויפֿערס פֿון דער פּאַרצעלאַציע, נאָר אויך זייער פּראָצענטועלער אָנטייל: פֿון 1,0 פּראָצ׳ אין די יאָרן 1920—1924 ביז 3,4 פּראָצ׳ אין צייַטאָפּשניט 1930—1935. אויך דער ערד-שטח וואָס ייִדן האָבן איינגעקויפֿט איז געוואַקסן פֿון 1,5 פּראָצ׳ אין ערשטן צייַטאָפּשניט ביז 9,9 פּראָצ׳ אין לעצטן.

אויסער דער אָפֿיציעלער פּאַרצעלאַציע וואָס איז רעגיסטרירט אין די אַקטן, איז אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט אויך פֿאָרגעקומען די אַ״ג „ווילדע פּאַרצעלאַציע“, ד״ה די וואָס עס האָבן דורכגעפֿירט די אייגנטימער

פֿון מאַיאָנטעקס פֿון זיך, אָן דער דערלויבעניש פֿון דער מאַכט. אַזאַ פּאַרצעלאַציע איז איבערהויפּט געפֿירט געוואָרן פֿאַרן יאָר 1920. די אַמטן פֿאַרשן די דאָזיקע פֿאַלן און פֿאַרצייכענען זיי אין די „סטאַטיסטישע ביכער", אָבער ניט אין דער רובריק פֿון דעם יאָר, ווען די פּאַרצעלאַציע איז טאַקע פֿאָרגעקומען, נאָר שפּעטער, ווען די אויספֿאָרשונג איז פֿאַרענדיקט געוואָרן.

כּדי צו האָבן אַ פֿול בילד פֿון דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין דעם פּאַרצעלאַציע-פּראָצעס, איז ניט גענוג צו וויסן, וויפֿל ייִדן האָבן געקויפֿט ערד פֿון דער פּאַרצעלאַציע און וואָס פֿאַר אַ שטחים, — וואָס עס האָבן אונדז באַוויזן די פֿריִער געבראַכטע טאַבעלעס. אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט געפֿינען זיך ייִד' מאַיאָנטקעס, וועלכע מען האָט במשך פֿון דער באַהאַנדלטער צײַט טיילווײַז אָדער אין גאַנצן פּאַרצעלירט. ערשט ווען מען ווייס, וויפֿל האַ ערד פֿון די מאַיאָנטקעס מען האָט פּאַרצעלירט און ווער האָט עס אָפּגעקויפֿט: ייִדן אָדער ניט-ייִדן, און מען פֿאַרגלײַכט די צאָלן מיט די געבראַכטע דאַטעס וועגן ייִדישן אײַנקויף פֿון דער פּאַרצעלאַציע, וועלן מיר באַקומען דעם ענדגילטיקן סך-הכּל.

די דאַטעס וועגן דער פּאַרצעלאַציע פֿון ייִדישע מאַיאָנטקעס זײַנען אַרויסגענומען פֿון די „סטאַטיסטישע ביכער" פֿון וואָיעוואָדישן אַמט, ד"ה פֿון זעלביקן מקור וואָס די פֿריִער געבראַכטע דאַטעס וועגן דעם ייִדישן אײַנקויף פֿון דער פּאַרצעלאַציע. אָבער בעת די ערדקויפֿערס נאָטירן די ביכער לויט די באַזונדערע רעליגיעס, טוען זיי דאָס ניט בנוגע די פֿאַרקויפֿערס. מיר זײַנען דעריבער געווען געצוווּנגען צונויפֿצושטעלן דעם סך-הכּל פֿון די פֿאַרקויפֿטע ייִדישע ערד-שטחים אויף אַזאַ אופֿן: מיר האָבן פֿון די ביכער אויסגענאָטירט אַלע בעלי-בתּים פֿון די פּאַרצעלירטע מאַיאָנטקעס, וועלכע האָבן אַ ייִדיש קלינגעדיקן נאָמען אָדער פֿאַמיליע-נאָמען. דערנאָך האָבן מיר קאָנטראָלירט, צי די דאָזיקע אייגנטימער זײַנען טאַקע ייִדן, נאָכפֿרעגנדיק זיך וועגן דעם בײַ די באַאַמטע פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿט און אַגראַרע רעפֿאָרמען בײַם סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אַמט, וועלכע קומען מיט זיי אין פּערזענלעכער באַרירונג, און אויך בײַ די ייִדישע כּלל-טוער. בכּלל גענומען, האָבן די גאַליציאַנער ייִדן דײַטש און ייִדיש קלינגעדיקע פֿאַמיליע-נעמען; פּויליש קלינגעדיקע — אַזוי ווי בײַ די ייִדן פֿון געוועזענעם רוסישן פּוילן — זײַנען אַ באַווײַז, אַז זייערע טרעגער זײַנען צוגעוואַנדערטע, אַזעלכע טרעפֿן זיך זעלטן. מיר קענען בכן פֿאַרזיכערן, אַז די אַלע דאַטעס וואָס מיר ברענגען זײַנען גענוג באַגלייבט. עס קאָן אמת געמאָלט זײַן, אַז אייניקע פּאַרצעלירטע ייִדישע מאַיאָנטקעס זײַנען פֿאָרט פֿאַרזען געוואָרן. אָבער אויף אַן אַנדער אופֿן צו קאָנטראָלירן די דאַטעס איז ניט געווען מיגלעך.

עס האָט זיך באַקומען, אַז פֿון די 6.759,2 האַ ערד, וואָס זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿון ייִדישע מאַיאָנטקעס פֿאַר דער צײַט פֿון 1920 ביז אָנהייב 1936, זײַנען אָנגעקומען צו ייִדישע קויפֿערס ס"ה 823,1 האַ; אָדער 12,2 פּראָצ'.

דעם העכסטן פּראָצענט ערד וואָס איז אַריבער אין ייִדישע הענט גיט דער קאָלאָמייער פּאָוויאַט—298,4 האַ פֿון 1.086,4 האַ, וואָס איז בכלל פֿאַרקויפֿט געוואָרן, ד״ה 27,5 פּראָצ׳. צווישן די קויפֿערס פֿון פּאַרצעלירטער ייִדישער ערד האָבן ייִדן אויסגעמאַכט נאָר 4,7 פּראָצ׳ — פֿון 4.387 קויפֿערס זײַנען ייִדן געווען 206.

דעם אָנטייל פֿון ייִדן אין דער פּאַרצעלאַציע פֿון ייִדישע מאַיאָנטקעס פֿאַר די דרײַ דערמאָנטע צײַטאָפּשניטן ווײַזט די ווײַטערדיקע טאַבעלע:

| יאָרן | פֿאַרקויפֿטער ייִדישער ערד־שטח אין האַ | פֿון דעם געקויפֿט ייִדן אַבס׳ | פֿון דעם געקויפֿט ייִדן % | צאָל קויפֿערס בכלל | פֿון דעם ייִדישע אַבס׳ | פֿון דעם ייִדישע % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1920 — 1924 . . . . | 1 085,0 | 134,0 | 12,4 | 463 | 26 | 5,6 |
| 1925 — 1929 . . . . . | 2 883,8 | 140,2 | 4,9 | 1 850 | 39 | 2,2 |
| 1930 — 1935 . . . . . | 2 790,6 | 548,9 | 19,7 | 2 074 | 141 | 6,8 |
| צוזאַמען 1920 — 1935 . | 6 759,2 | 823,1 | 12,2 | 4 387 | 206 | 4,7 |

צום מייִנסט איז פּאַרצעלירט געוואָרן ערד פֿון ייִדישע מאַיאָנטקעס אין די פּאָוויאַטן: טאָלמעטש (1.169,4 האַ), קאָלאָמיי (1.086,4 האַ) און ראָהאַטין (1.009,3 האַ). פֿון די יאָרן באַווײַזן דעם גרעסטן סכום פּאַרצעלירטע ערד: 1926 (832,0 האַ) און 1929 (823,2 האַ); צום ווייִניקסטן איז פּאַרצעלירט געוואָרן — 1925 (12,0 האַ) און 1920 (36,0 האַ). צוריק אין ייִדישע הענט איז צום מייִנסט אַריבער אין די יאָרן: 1934 (57,8 פּראָצ׳) און 1933 (51,7 פּראָצ׳).

אין סך־הכּל באַקומט זיך, אַז פֿון די פּאַרצעלירטע ייִדישע מאַיאָנטקעס זײַנען אין ניט־ייִדישע הענט אַריבער 5936,1 האַ פֿון 6759,2 האַ. ייִדן האָבן בסך־הכּל אָפּגעקויפֿט פֿון דעם גאַנצן פּאַרצעלירטן ערד־שטח אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט 2.298,9 האַ. דער ייִדישער ערדפֿאַרמעג האָט זיך בכן פֿאַרקלענערט מינימום אויף 3.637,2. מיר זאָגן „מינימום“, ווײַל עס איז מיגלעך, אַז ניט אַלע פּאַרצעלירטע ייִדישע ערד־שטחים זײַנען פֿאַרנאָטירט געוואָרן אין אונדזער סטאַטיסטיק.

נאָך וועגן איין ענין וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער פּאַרצעלאַציע איז אונדז געבליבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער, הײַנו — וועגן ערדרעזערוו.

אויף דער אַלגעמיינער צאָל 261 מאַיאָנטקעס מיט ערדרעזערוו זײַנען פֿאַראַן 31 ייִדישע, אָדער 11,9 פּראָצ׳. די 31 מאַיאָנטקעס האָבן 2.855,7 האַ ערדרעזערוו, אָדער 9,2 פּראָצ׳ פֿון אַלגעמיינעם ערדרעזערוו אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט (31.190,4 האַ). 41,9 פּראָצ׳ פֿון אַלע ייִדישע מאַיאָנטקעס מיט ערדרעזערוו געפֿינען זיך אין סטריער פּאָוויאַט און זיי געהערן צו 4 בעלי־הבתּים. די דאָזיקע מאַיאָנטקעס האָבן 44.1 פּראָצ׳ פֿון גאַנצן ערדרעזערוו פֿון די ייִדישע מאַיאָנטקעס.

דעם באַטײַט וואָס עס האָט געהאַט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג פון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט די פּאַרצעלאַציע פון דער ערד קאָן אין אַ געוויסער מאָס אילוסטרירן אויך די ווײַטערדיקע טאַבעלע.

### טאַבעלע XI

פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, פון ייִדישע ערדקויפערס און פון געקויפטן שטח אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

| פּאָוויאַט | פון דער גאַנצער באַפעלקערונג | פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג | ייִדישע ערדקויפערס | פון ערד־שטח |
|---|---|---|---|---|
| 1. דאָלינע . . . . | 8,8 | 3,6 | 1,5 | 1,3 |
| 2. האָראָדענקע . . | 8,1 | 4,9 | 4,0 | 6,3 |
| 3. זשידאַטשיוו . . | 6,3 | 1,4 | 0,8 | 3,9 |
| 4. טאָלמעטש . . | 5,8 | 1,7 | 1,4 | 4,6 |
| 5. נאַדווערנע . . | 8,3 | 4,6 | 1,9 | 2,6 |
| 6. סטאַניסלאַוו . . | 14,9 | 2,2 | 2,8 | 1,2 |
| 7. סטרי . . . . . | 11,2 | 3,1 | 1,1 | 1,2 |
| 8. סניאַטין . . . . | 9,1 | 2,5 | 4,0 | 10,2 |
| 9. קאָלאָמיי . . . | 11,9 | 3,9 | 3,2 | 7,1 |
| 10. קאַלוש . . . . | 6,1 | 2,5 | 1,5 | 2,3 |
| 11. קאָסעוו . . . . | 8,3 | 3,1 | 0,0 | 0,0 |
| 12. ראָהאַטין . . . | 4,7 | 3,1 | 1,6 | 5,1 |
| צוזאַמען די גאַנצע וואָיעוואָדשאַפט . | 9,4 | 3,1 | 2,4 | 4,5 |

פון דער דאָזיקער טאַבעלע זעען מיר, אַז סײַ דער פּראָצענט פון ייִדישע ערדקויפערס (2,4 פּראָצ') און סײַ דער פּראָצענט פון דעם ערד־שטח וואָס זיי האָבן געקויפט (4,5) זײַנען קלענער פון דעם פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפט (9,4 פּראָצ'). אָקעגן אין פאַרגלײַך מיט דעם פּראָצענט פון דער ייִדישער דאָרפישער באַפעלקערונג (3,1 פּראָצ') איז קלענער נאָר דער פּראָצענט פון ייִדישע ערדקויפערס. אין די איינציקע פּאָוויאַטן שטעלט זיך די זאַך אַזוי פאַר: אין פאַרגלײַך מיט דעם פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע פּאָוויאַטן זײַנען קלענער די פּראָצענטן סײַ פון די ייִדישע ערדקויפערס און סײַ פון דעם געקויפטן ערד־שטח. אַ יוצא מן הכלל איז נאָר דער סניאַטינער פּאָוויאַט, ווו דער פּראָצענט

פֿון ערד־שטח וואָס ייִדן האָבן געקויפֿט (10,2 פּראָצ׳) איז גרעסער פֿון פּראָצענט פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דאָזיקן פּאָוויאַט (9,1 פּראָצ׳).

אין פֿאַרגלײַך מיט דעם פּראָצענט פֿון דער ייִדישער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אין די באַזונדערע פּאָוויאַטן שטעלט זיך די זאַך פֿאָר אַנדערש: 1) דער פּראָצענט פֿון די ייִדישע ערדקויפֿערס איז אין אַלע פּאָוויאַטן קלענער, אויסער סטאַניסלאָוו און שניאַטין. 2) דער פּראָצענט פֿון געקויפֿטן ערד־שטח איז גרעסער אין די ווײַטערדיקע 6 פּאָוויאַטן: האָראָדענקע, זשידאַטשויוו, טאָלמעטש, שניאַטין, קאָלאָמיי און ראָהאַטין.

## IV

# צאָל יִשובֿים מיט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג

איינער פון די שוואַכסטע פונקטן פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט איז די געוואַלדיקע צעוואָרפנקייט און צעשפּרייטקייט פון די ייִדישע ווירטשאַפטן.

די טאַבעלע XII ווײַזט אונדז דעם צושטאַנד לויט די רעזולטאַטן פון דער סטאַטיסטיק פון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן אין גאַליציע פון 1928 און פון דער פאָלקסציילונג פון 1931.

### טאַבעלע XII

צאָל יִשובֿים מיט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

| גרייס פון יִשובֿ לויט דער צאָל ווירטשאַפטן | לויט דער סטאַטיסטיק פון 1928 — אַבס׳ צאָל | לויט דער סטאַטיסטיק פון 1928 — % | לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931 — אַבס׳ צאָל | לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931 — % |
|---|---|---|---|---|
| ביז 5 ווירטשאַפטן . . | 351 | 73,3 | 436 | 65,0 |
| 6 —10 „ . . | 82 | 17,1 | 118 | 17,5 |
| 11—15 „ . . | 28 | 5,9 | 47 | 7,0 |
| 16—25 „ . . | 13 | 2,7 | 37 | 5,5 |
| 26—50 „ . . | 5 | 1,0 | 19 | 3,0 |
| איבער 50 „ . . | — | 0,0 | 14 | 2,0 |
| ס״ה יִשובֿים . . . | 479 | 100,0 | 671 | 100,0 |

דער אַלגעמיינער סך-הכּל פון אונדזער טאַבעלע ווײַזט אַ גרויסן אונטער־שייד צווישן די צאָלן פון דער סטאַטיסטיק פון 1928 (479 יִשובֿים) און פון 1931 (671). מען דאַרף אָבער ניט משפּטן לויט דעם, אַז די צאָל יִשובֿים האָט זיך טאַקע אַזוי פיל פאַרגרעסערט. דער אונטערשייד קאָן זיך נעמען פון דעם אופן, ווי אַזוי די צוויי סטאַטיסטיקעס זײַנען געמאַכט געוואָרן. אין דער סטאַטיסטיק פון 1928 זײַנען ניטאָ קיין ידיעות וועגן גאַנצע 75 יִשובֿים, ווײַל זייערע וואָיטן האָבן ניט געענטפערט אויף דער צוגעשיקטער אַנקעטע, און עס

איז זיכער, אַז צווישן די ייִשובֿים זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע וואָס פֿאַרמאָגן ייִדישע ווירטשאַפֿטן. אין די ידיעות פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 זײַנען פֿאַררעכנט פֿאַר לאַנדווירטן אַלע ייִדן אייגנטימער פֿון ערד, אַפֿילו אויב זייער הויפּט-פּרנסה איז גאָרניט ערדאַרבעט, אַקעגן די וואָיטן וואָס האָבן אין יאָר 1928 געגעבן אינפֿאָרמאַציע, האָבן משמעות זיך געהאַלטן שטרענג. מיר דרינגען דאָס אַרויס פֿון די אַנקעטעס וואָס זיי האָבן אויסגעפֿילט פֿאַר די אונדז פּערזענלעך באַקאַנטע ייִשובֿים. אַזוי אַרום מעג מען רעכענען, אַז ניט בלויז די אַלגעמיינע צאָל ייִשובֿים איז ניט גאָר פּינקטלעך אָנגעגעבן אין אונדזערע סטאַטיסטיקעס, נאָר אויך די צאָל ייִשובֿים אין די איינציקע קאַטעגאָריעס איז אין דער אמתן אַן אַנדערע. נאָר בכלל ווײַזט אונדז די טאַבעלע XII אַ געוואַלדיקע צעוואָרפֿנקייט פֿון די ייִדישע ווירטשאַפֿטן אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוו' געגנט צו זאָגן, אַז 73,3 פּראָצ' לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 און 65,0 פּראָצ' לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 פֿון אַלע ייִשובֿים מיט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג פֿאַרמאָגן נאָר ביז 5 ייִדישע ווירטשאַפֿטן. אַ גרויסער טייל פֿון די ייִשובֿים פֿון אָט דער קאַטעגאָריע האָבן נאָר צו איינער אָדער צו צוויי ווירטשאַפֿטן. לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 למשל זײַנען אַזעלכע ייִשובֿים פֿאַראַן 206, ד"ה 43,0 פּראָצ' פֿון דער אַלגעמיינער צאָל ייִשובֿים מיט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג. אין דער אמתן איז די לאַגע נאָך אַ סך ערגער. ביידע סטאַטיסטיקעס פֿאַרשטייען אונטער „ייִשובֿ“ אַן אַדמיניסטראַטיווע איינס (די אַמאָליקע „גמינע“, די הײַנטיקע „גראָמאַדע“). אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט באַשטייט אָבער אָפֿט מאָל אַזאַ מין אַדמיניסטראַטיווע איינס פֿון עטלעכע ייִשובֿים אין אַנטראָפּאָ-געאָגראַפֿישן זינען. למשל דאָס דאָרף סטאַריניע נאַדווערנער פּאָוויאַט, גענומען ווי אַן אַדמיניסטראַטיווע איינס, פֿאַרמאָגט בערך 30 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משפּחות, דאָס איז בכן אַ לפֿי ערך גרויסער ייִדישער קיבוץ. סטאַריניע באַשטייט אָבער פֿון 4 אַנטראָפּאָ-געאָגראַפֿישע ייִשובֿים: דילאָק, קראַסנע, וואָראָטישטשע און גרובי, און די 30 דערמאָנטע משפּחות זײַנען צעטיילט צווישן אָט די אַלע ייִשובֿים. די ייִדן פֿון דילאָק למשל בילדן „אַ שטעטל פֿאַר זיך“, דאָס זעלביקע די ייִדן פֿון קראַסנע. אַזוי אַרום איז דער ייִשובֿ פֿון 30 ייִדישע משפּחות פֿאַקטיש גאָר ניט בנמצא. אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט קענען מיר בכלל אָנטרעפֿן אויף אַדמיניסטראַטיווע חידושים. למשל די ערשטע 2 הײַזער (צופֿעליק ייִדישע) פֿון דעם דאָרף צערקעוונע (דאָלינער פּאָוויאַט) זײַנען אָפּגעטיילט פֿון דעם דאָרף וויטוויצע נאָר דורך אַ קליין וואַסער, וואָס איז ניט קיין שטער אַפֿילו פֿאַרן פֿוסגייער-פֿאַרקער, בעת ווען פֿון די איבעריקע הײַזער פֿון דעם דאָרף, וואָס זיי געהערן צו דעם אַדמיניסטראַטיוו, טיילט זיי אָפּ אַ מהלך פֿון עטלעכע קילאָמעטער. אַ פּונקט פֿאַרקערטן בײַשפּיל שטעלט פֿאָר דאָס בײַדערפֿל גוואָזדזיעץ, בשכנות פֿון דאָרף קאָמענע — נאַדווערנער פּאָוויאַט, אין וועלכן עס געפֿינען זיך איינס האַרט בײַ דעם צווייטן 5 ייִדישע הײַזער.

וואָס געהערן אָבער אַדמיניסטראַטיוו צו 3 „גראָמאַדעס“, און איינע אַפֿילו צו אַן אַנדער פּאָוויאַט (טאָלמעטשער).

מיר זעען בכן, אַז דער אַדמיניסטראַטיווער קריטעריום ביים באַהאַנדלען די קאָנצענטראַציע פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז ניט קיין זיכערער און קען פֿירן צו פֿאַלשע מסקנות. י. באָרנשטיין, למשל, דרינגט אַרויס פֿון דעם פֿאַקט, וואָס די סטאַטיסטיק פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 גיט אָן 14 ייִשובֿים מיט איבער 50 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט, אַז די דאָזיקע ייִשובֿים „...שטעלן מיט זיך פֿאָר גרויסע דערפֿער מיט קאָנצענטרירטע מאַסן פֿון ייִדישע לאַנדווירטן“ און אַז „...מיר האָבן דאָ צו טון ספּעציעל מיט אַזעלכע דערפֿער, וועלכע טראָגן אַ כאַראַקטער פֿון ייִדישע קאָלאָניעס“.[1] אין דער אמתן אָבער זיינען קיין דערפֿער, וועלכע זאָלן טראָגן אַ כאַראַקטער פֿון ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס, אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט ליידער ניטאָ.[2] אַפֿילו די דערפֿער טשאָרטאָוויעץ (האָראָדענקער פּאָוויאַט) און טשערניעוו (סטאַניסלאָווער פּאָוויאַט), וועלכע האָבן די גרעסטע צאָל ייִדישע לאַנדווירטן אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט, פֿאַרמאָגן ניט קיין 50 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן און טראָגן ניט קיין כאַראַקטער פֿון ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס. די ייִדישע באַפֿעלקערונג איז דאָרט נאָר אַ שטאַרקערע מינדערהייט לגבי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע דערפֿער. אויפֿן סמך פֿון אונדזערע פֿאָרשונגען אויפֿן אָרט האָבן מיר געקראָגן דעם איינדרוק, אַז די 14 ייִשובֿים מיט איבער 50 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן, וועלכע עס ברענגט די סטאַטיסטיק פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931, זיינען גרעסערע שטעטלעך ווי: טאָלמעטש, בורשטין אד״גל, אָדער דערפֿער ווי זשאַביע ראָזשניוו א״אַ, וועלכע האָבן איבער 50 ייִדישע ערד-אייגנטימער, אָבער זייער הויפּט-באַשעפֿטיקונג איז נאָך דערווייל ניט לאַנדווירטשאַפֿט.

די קאָנצענטראַציע פֿון „די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קיבוצים און ווירטשאַפֿטן אין די באַזונדערע פּאָוויאַטן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט ווייזט די טאַבעלע XIII (ז׳ 68).

אויפֿן ערשטן אָרט בנוגע דער צאָל ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קיבוצים שטייט דער ראָהאַטינער פּאָוויאַט מיט 79 ייִשובֿים. נאָך אים קומט דער קאָלאָמייער פּאָוויאַט מיט 66, — קאַלושער מיט 58 אאַז״וו. אַקעגן לויט דער צאָל ייִדישע ווירטשאַפֿטן פֿאַרנעמט דעם ערשטן אָרט דער קאָלאָמייער פּאָוויאַט מיט

---

1 י. באָרנשטיין: דער מצבֿ פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח-גאַליציע (סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדסטווע), ז׳ 12, 13.

2 אַן אויסנאַם בילדעט נאָר דאָס אויבן דערמאָנטע ביידערפֿל כאָמיאַקווו—קליין פּאָלעסטינע, וווּ עס וווינען אָבער ס״ה 9 משפּחות.

643 יידישע ווירטשאַפטן. נאָך אים קומט דער נאַדווערנער — 449, האָראָ־דענקער — 442, ראָהאַטינער — 421, טאָלמעטשער — 411 אאַז"וו. די גרעסטע צאָל יידישע ווירטשאַפטן אין איין קיבוץ ווײַזט דער נאַדווערנער פּאָוויאַט — 11,5. אין דורכשניט פאַלט אויס 7,4 ווירטשאַפטן אויף איין יישוב אין דער וואָיע־וואָדשאַפט ווי אַ גאַנצע.

## טאַבעלע XIII

### יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים און ווירטשאַפטן אין באַזונדערע פּאָוויאַטן פון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

(1931)

| פּ אָ ו ו י אַ ט | צאָל יידישע לאַנדוו׳ יישובים | צאָל יידישע ווירטשאַפטן | דורכשנ׳ צאָל ווירטשאַפטן אויף איין יישוב | אַלגעמיינער שטח פון די יידישע ווירטשאַפטן אין הא |
|---|---|---|---|---|
| באָהראָדטשע [1] . . . . | 32 | 303 | 9,4 | 948,5 |
| דאָלינע . . . . . . . . | 56 | 316 | 5,6 | 914,3 |
| האָראָדענקע . . . . . | 46 | 442 | 9,6 | 5 929,9 |
| זשידאַטשוּוו . . . . | 48 | 152 | 3,2 | 1 430,2 |
| טאָלמעטש . . . . | 44 | 411 | 9,3 | 2 799,5 |
| נאַדווערנע . . . . . . | 39 | 449 | 11,5 | 3 940,5 |
| סטאַניסלאַוו . . . . . . | 52 | 386 | 7,4 | 6 976,9 |
| סטריי [2] . . . . . . . | 81 | 381 | 4,6 | 6 413,4 |
| סניאַטין . . . . . . . | 35 | 346 | 9,9 | 2 188,4 |
| קאָלאָמיי . . . . . . . | 66 | 643 | 9,7 | 6 762,1 |
| קאַלוש . . . . . . . | 58 | 314 | 5,4 | 852,9 |
| קאָסעוו . . . . . . . . | 35 | 383 | 10,9 | 3 201,2 |
| ראָהאַטין . . . . . . . | 79 | 421 | 5,3 | 3 255,3 |
| צוזאַמען . . . . . | 671 | 4947 | 7,4 | 45 613,1 |

לויט דער גרייס פון דעם אַלגעמיינעם שטח, וואָס עס פאַרנעמען אַלע יידישע ווירטשאַפטן, גייט אויפן ערשטן אָרט דער סטאַניסלאַווער פּאָוויאַט,

1 דער שטח פון דעם געוועזענעם באָהראָדטשענער פּאָוויאַט איז איצט פאַרטיילט צווישן די פּאָוויאַטן: סטאַניסלאַוו און נאַדווערנע. מיר זײַנען אָבער געווען געצוווּנגען אים אין דער טאַבעלע צו שטעלן באַזונדער, ווײַל די רעזולטאַטן פון דער פאָלקסציילונג פון 1931 זײַנען באַאַרבעט געוואָרן לויט דער פריערדיקער אַדמיניסטראַטיווער אײַנטיילונג.

2 צוזאַמען מיטן געוועזענעם פּאָוויאַט סקאָלע, וועלכער איז אין גאַנצן פאַראייניקט געוואָרן מיטן סטרייער פּאָוויאַט.

אויפן צווייטן — דער קאָלאָמייער און אויפן דריטן דער האָראָדענקער. אויף די דאָזיקע 3 פּאָוויאַטן פאַלט אויס העכער 43 פּראָצ׳ פון דעם גאַנצן יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן שטח אין דער וואָיעוואָדשאַפט.

די קאָנצענטראַציע פון די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוצים און ווירטשאַפטן אין די 4 לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען[1] פון דער וואָיעוואָד־שאַפט ווייזט אונדז די טאַבעלע XIV, וועלכע מיר באַקומען, גרופּירנדיק אויפן געהעריקן אופן די באַזונדערע פּאָוויאַטן.

## טאַבעלע XIV

### יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים און ווירטשאַפטן אין באַזונדערע לאַנד־ ווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען

| לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַיאָן | צאָל יידישע לאַנדווירטשאַפט־לעכע יישובים | צאָל יידישע ווירטשאַפטן | דורכשניטלעכע צאָל יידישע ווירטשאַפטן אויף 1 יישוב | אַלג׳ שטח פון די יידישע ווירטשאַפטן אין הא |
|---|---|---|---|---|
| I פּאַקוציע . . . . . . | 81 | 788 | 9,7 | 8 118,3 |
| II אונטערקאַרפּאַטן . . | 220 | 1 754 | 8,0 | 17 391,4 |
| III קאַרפּאַטן . . . . . | 243 | 1 832 | 7,5 | 15 418,0 |
| IV דניעסטער־נידערונג . | 127 | 573 | 4,5 | 4 685,4 |
| צוזאַמען . . . | 671 | 4 947 | 7,4 | 45 613,1 |

דער קאַרפּאַטן־ראַיאָן פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל יידישע לאַנדווירט־שאַפטלעכע יישובים און ווירטשאַפטן. בערך ניט קיין סך אָפּגעשטאַנען, הן אין דער צאָל יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים הן אין דער צאָל יידישע ווירטשאַפטן, איז דער אונטערקאַרפּאַטן־ראַיאָן. דער פּאַקוציע־ראַיאָן פאַרמאָגט ווייניקער יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים, ווי דער ראַיאָן פון דער דניעסטער־נידערונג, אָבער מער יידישע ווירטשאַפטן.

לויט דער דורכשניטלעכער צאָל יידישע ווירטשאַפטן אויף איין יישוב פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט דער פּאַקוציע־ראַיאָן, און נאָך אים קומען דער אונטערקאַרפּאַטן־, קאַרפּאַטן־ און צום סוף דער דניעסטער־ראַיאָן. דעם גרעסטן סכום ערד פון די יידישע ווירטשאַפטן קאָנצענטרירט דער אונטערקאַרפּאַטן־ראַיאָן, און נאָך אים קומען דער קאַרפּאַטן־, פּאַקוציע־ און דניעסטער־ראַיאָנען.

דער וויכטיקסטער פועל־יוצא פון דער טאַבעלע XIV איז, אַז דער אונטער־קאַרפּאַטן־ און קאַרפּאַטן־ראַיאָן נעמען אַרום צוזאַמען 463 יישובים מיט אַ יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג פון דער אַלגעמיינער צאָל 671, ד״ה

[1] זע קאַפּיטל „אַלגעמיינע ידיעות וועגן דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט", ז׳ 37 א״ו.

69,0 פּראָצ׳; 3.586 ייִדישע ווירטשאַפֿטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל 4.947, ד״ה 2,5 פּראָצ׳, און 32.809,4 האַ באָדן פֿון די ייִדישע ווירטשאַפֿטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל 45.613,1, ד״ה 71,9 פּראָצ׳; מיט אַנדערע ווערטער, כמעט 3/4 פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט איז קאָנצענטרירט אין די אונטערקאַרפּאַטן-און קאַרפּאַטן-ראַיאָן.

בכלל איז דער ייִדישער ערדפֿאַרמעג צעוואָרפֿן אין דעם גרעסטן טייל ישובֿים אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט. די צאָל פּונקטן, אין וועלכע עס זײַנען ניטאָ קיין ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן, האָט באַטראָפֿן — לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 — 299 (38,4 פּראָצ׳ פֿון אַלע ישובֿים אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט, וועלכע האָבן געענטפֿערט אויף דער אַנקעטע); לויט דער פֿאַלקסציילונג פֿון 1931 אָקעגן—נאָר 184 (ד״ה 21,5 פּראָצ׳ פֿון אַלע ישובֿים אין דער וואָיעוואָד-שאַפֿט אין די אַדמיניסטראַטיווע ראַמען פֿון 1. IV. 1932).

די פֿאַרטיילונג פֿון די ייִדישע ווירטשאַפֿטן לויט באַזונדערע טיפּן ישובֿים ווײַזט אונדז די ווײַטערדיקע טאַבעלע:

## טאַבעלע XV

### ייִדישע ווירטשאַפֿטן אין באַזונדערע טיפּן ישובֿים

| גרייס פֿון ישובֿ | ייִדישע ווירטשאַפֿטן אבס׳ | ייִדישע ווירטשאַפֿטן % |
|---|---|---|
| I ביז 500 אײַנוווינער . . . . . | 169 | 3,4 |
| II 500 — 1000 „ . . . . . | 718 | 14,5 |
| III 1000 — 3000 „ . . . . . | 2 507 | 50,7 |
| IV 3000 — 5000 „ . . . . . | 709 | 14,3 |
| V מער ווי 5000 „ . . . . . | 844 | 17,1 |
| צוזאַמען . . . . . . . . . | 4 947 | 1,000 |

די ייִדישע ווירטשאַפֿטן קאָנצענטרירן זיך אין די גרעסערע ישובֿים. בערך אַ העלפֿט פֿון די ייִדישע ווירטשאַפֿטן (50,7 פּראָצ׳) געפֿינען זיך אין דער 3טער גרופּע, ד״ה אין די ישובֿים פֿון 1000 — 3000 אײַנוווינער.

עס בלײַבט נאָך איבעריק צו באַמערקן, אַז די באַשריבענע צעוואָרפֿנקייט און צעשפּרייטקייט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך ניט נאָר פֿאַר דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, נאָר בכלל פֿאַר גאַנץ מזרח-גאַליציע.

V

# די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג

איידער מיר געבן די צאָל ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט, ווילן מיר מאַכן אַזאַ באַמערקונג: שוין די עסטרייַכישע סטאַטיסטיק פֿלעגט אָנגעבן פֿאַר גאַליציע אַ גרעסערע צאָל ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. די לעצטע עסטרייַכישע פֿאָלקסציילונג פֿון 1910 למשל גיט אָן פֿאַר גאַנץ גאַליציע 5.101 אַרבעטער, אַרייַנגערעכנט טאָגלוינער. דאָס זעלבע טרעפֿן מיר אין דער פּוילישער סטאַטיסטיק: לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1921 זייַנען געווען אין דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט 1.036 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער.

אונדז האָט די פֿראַגע באַזונדער אינטערעסירט און מיר האָבן געוואָלט בעת אונדזערע רייַזעס באַקענען זיך מיט דעם אַרבעטער-שיכט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ווו מיר האָבן זיך ניט נאָכגעפֿרעגט אויף ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער, האָט מען געענטפֿערט, אַז אַזעלכע זייַנען ניטאָ. נאָר אין דאָרף סערניק (ראָהאַטינער פּאָוויאַט) האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף צוויי ייִדישע ברידער, וועלכע אַרבעטן בייַ ייִדישע בעלי-בתּים. אין דאָרף טשאָרטאָוויעץ (האָראָדענקער פּאָוויאַט) האָט מען אונדז דערציילט, אַז אין דאָרטיקן ייִדישן הויף אַרבעט אַ ייִדישער אַרבעטער. מען האָט אונדז אויך דאָ און דאָרט אָנגעוויזן, אַז געציילטע ייִדן גייען אויף אַרבעט אין פֿעלד בייַ ייִדישע בעלי-בתּים. פֿרעגט זיך די קשיא: פֿון וואַנען האָט די אָפֿיציעלע סטאַטיסטיק גענומען ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער? שטעל איך אַרויס אַזאַ השערה: אַז על פּי טעות נעמט די אָפֿיציעלע סטאַטיסטיק אָן פֿאַר ייִדן די ניט-ייִדישע אַרבעטער וואָס זייַנען באַשעפֿטיקט אין ייִדישע ווירטשאַפֿטן און וואָס זייערע ייִדישע בעלי-בתּים שרייַבן זיי אַרייַן אין זייערע פֿרעגבויגנס.

מיט אָט דער באַוואָרעניש פֿאַרצייכענען מיר דאָ, אַז לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1921 האָבן 21.441 ייִדן זיך מפּרנס געווען פֿון לאַנדווירטשאַפֿט אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוו' (צוזאַמען מיט טאָרקער פּאָוויאַט). דאָס האָט באַטראָפֿן 15,2 פּראָצ' פֿון דער דעמאָלטיקער גאַנצער ייִד' באַפֿעלקערונג און 44,8 פּראָצ' פֿון דער ייִדישער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט. דערפֿון זייַנען געווען 1.036 לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער. לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 האָבן 21.944 נפֿשות געלעבט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין סטאַניסלאָווער וואָיעוו' (אָן טאָרקער פּאָוויאַט, וואָס געהער

איצט צו לעמבערגער וואָיעוו׳). דאָס האָט שוין באַטראָפֿן 15,7 פּראָצ׳ פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג און 59,4 פּראָצ׳ פֿון דער ייִדישער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט אין דעם יאָר. צווישן דעם 2.377 פֿרעמדע אַרבעטער. לגבי דער אַלגעמיינער צאָל מענטשן וואָס האָבן געלעבט פֿון לאַנד־ווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ אין ביידע יאָרן פֿון דער פֿאָלקסציילונג (1921 און 1931) האָט די צאָל ייִדן באַטראָפֿן 2,0 פּראָצ׳.

פֿון 1921 ביז 1931 איז בכן דער פּראָצענט ייִד׳ לאַנדווירטן לגבי דער גאַנצער ייִד׳ באַפֿעלקערונג אויסגעוואַקסן אויף 0,5 פּונקט און לגבי דער ייִד׳ דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אויף 14,6 פּונקטן. פֿאַקטיש איז דער וווקס געווען נאָך אַ גרעסערער, ווײַל אין 1931 פֿעלט דאָך אויס אין דעם סך־הכּל דער טאַרקער פּאָוויאַט, וועלכער האָט דעם גרעסטן פּראָצענט ייִדישע לאַנדווירטן לגבי די פּאָוויאַטן פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט. דער פּראָצענט ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, לגבי זייער אַלגעמיינער צאָל אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט איז געבליבן דער זעלבער. די אָפֿיציעלע סטאַטיסטיק באַשטעטיקט בכן אונדזערע אָבסערוואַציעס אויפֿן אָרט וועגן דער אַגראַריזאַציע פֿון די דאָרפֿישע ייִדן.

## טאַבעלע XVI

### משפּחה־אָנגעהעריקע און פֿרעמדע אַרבעטער אין דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

| | לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 | | לויט דער אַנקעטע |
|---|---|---|---|
| | אַלע ווירטשאַפֿטן | ווירטשאַפֿטן נאָר ביז 50,0 הא | |
| בעלי־בתּים פֿון די ווירטשאַפֿטן . . | 4 947 | 4 771 | 283 |
| משפּחה־מיטגלידער . . . . . . . | 14 620 | 14 215 | 990 |
| פֿרעמדע אַרבעטער . . . . . . . | 2 377 | 1 405 | 107 |
| ס״ה פּערזאָנען וואָס לעבן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט . | 21 944 | 20 391 | 1 380 |
| דורכשניטלעכער באַשטאַנד פֿון אַ משפּחה . . . . . . . . . . | 4,0 | 4,0 | 4,5 |
| צאָל פֿרעמדע אַרבעטער אויף 1 ווירטשאַפֿט . . . . . . . . . | 0,5 | 0,5 | 0,4 |

טאַבעלע XVI ווײַזט די אײַנטיילונג פֿון די 21.944 נפֿשות, וואָס האָבן לויט דער ציילונג פֿון 1931 געלעבט פֿון ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט, אין בעלי־בתּים, אָנגעהעריקע פֿון זייערע משפּחות און פֿרעמדע אַרבעטער. צוליב

פֿאַרגלײַך האָבן מיר צוגעגעבן אויך די שײַכותדיקע ציפֿערן פֿון אונדזער אַנקעטע, וואָס האָט אַרומגענומען, ווי געזאָגט, ווירטשאַפֿטן פֿון 0,5 האַ ביז 50,0 האַ. אין פּרט פֿון דער דורכשניטלעכן באַשטאַנד פֿון אַ משפּחה און פֿון דער צאָל פֿרעמדע אַרבעטער אויף איין ווירטשאַפֿט איז צווישן אונדזערע ציפֿערן און די ציפֿערן פֿון דער פֿאָלקסצײלונג כּמעט קיין אונטערשייד ניטאָ. דער קלײנער אונטערשייד שטאַמט מן הסתּם דערפֿון, וואָס די פֿאָלקסצײלונג האָט מיטגערעכנט אויך קלענערע ווירטשאַפֿטן ווי פֿון 0,5 האַ.

דער דורכשניטלעכער באַשטאַנד פֿון אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער משפּחה פֿאַר אַלע ווירטשאַפֿטן (4,0 לויט די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסצײלונג) איז קלענער פֿאַר דעם דורכשניט פֿאַר דער גאַנצער צאָל ווירטשאַפֿטן אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט וואָס באַטרעפֿט [1]4,3 נפֿשות אויף אַ ווירטשאַפֿט. דאָס זעלביקע גיבן אויך די ווירטשאַפֿטן נאָר ביז 50,0 האַ, אָבער נאָר לויט די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסצײלונג פֿון 1931. אַקעגן דער דורכשניטלעכער באַשטאַנד פֿון אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער משפּחה אין די ווירטשאַפֿטן ביז 50,0 האַ, באַרעכנט לויט אונדזער אַנקעטע (4,5), איז גרעסער מיט 0,2 ווי דער שײַכותדיקער דורכשניט פֿאַר דער אַלגעמײנער צאָל ווירטשאַפֿטן פֿון דער קאַטעגאָריע. דאָס לאָזט זיך אויך דערקלערן מיט דעם, וואָס די פֿאָלקסצײלונג האָט אַרומגענומען ווירטשאַפֿטן אויך קלענער פֿון 0,5 האַ, און אין קלענערע ווירטשאַפֿטן, מעג מען אָננעמען, איז דער באַשטאַנד פֿון אַ משפּחה אַ קלענערער ווי אין די גרעסערע. לויט סט. אַנטאָניעווסקיס[2] אויסרעכענונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט אויפֿן סמך פֿון די באַשרײַבונגען פֿון אַ געצײלטער צאָל ווירטשאַפֿטן, אין דער גרייס פֿון 2,0 — 50,0 האַ, וועלכע געפֿינען זיך אין דער עקאָנאָמישער אָפּטײלונג פֿון די קלײנע לאַנדווירטשאַפֿטן פֿון מלוכישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט פֿאַר דאָרפֿסווירטשאַפֿט אין פּולאַווע, פֿאַלט אויס דער דורכשניטלעכער באַשטאַנד פֿון אַ משפּחה אין די ווירטשאַפֿטן פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט 5,02 פּערזאָן.

בדרך כּלל מעגן מיר בכן אָננעמען, אַז די דורכשניטלעכע צאָל נפֿשות אויף איין ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער בעלי־בתּישקייט איז עפּעס קלענער פֿאַר דער שײַכותדיקער צאָל אויף אַ ווירטשאַפֿט בכלל אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט.

---

[1] די צאָל האָבן מיר באַרעכנט לויט דער טאַבעלע: „די לאַנדווירטשאַפֿטן לויט זייער גרייס און די זעלבשטענדיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג“ פֿון די צײַטווײַליקע רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסצײלונג פֿון יאָר 1931 פֿאַר דער סטאַניסלאַווער וואָיעוו', וואָס דער סטאַט' הויפּטאַמט האָט פֿאַרעפֿנטלעכט. זי איז שייך צו די לאַנדווירטשאַפֿטן אין דאָרף.

[2] Dr. St. Antoniewski. Bezrobocie w drobnych gospodarstwach wiejskich. „Rolnictwo“ t. IV. 1934, די אויסרעכענונגען נעמען אַרום די יאָרן 1930—1933

די איינטיילונג פון די בעלי-בתים פון די יידישע ווירטשאפטן לויטן געשלעכט און ציווילשטאנד ווייזט די טאבעלע XVII.

## טאבעלע XVII

### בעלי-בתים פון די יידישע ווירטשאפטן לויטן געשלעכט און ציווילשטאנד

| געשלעכט | ציווילער שטאנד | לויט דער פאלקסציילונג פון 1931 | | לויט דער אנקעטע | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | אבס' צאל | % | אבס' צאל | % |
| מענער | חתונה-געהאטע . . | 3 691 | 89,1 | 228 | 89,1 |
| | אלמנות . . . . | 293 | 7,1 | 22 | 8,6 |
| | בחורים . . . . | 156 | 3,8 | 6 | 2,3 |
| | ס"ה . . . | 4 140 | 100,0 | 256 | 100,0 |
| פרויען | חתונה-געהאטע . . | 94 | 11,6 | — | 0,0 |
| | אלמנות . . . . | 648 | 80,3 | 25 | 92,6 |
| | מיידלעך . . . . | 65 | 8,1 | 2 | 7,4 |
| | ס"ה . . . | 807 | 100,0 | 27 | 100,0 |
| מענער און פרויען | מענער . . . . | 4140 | 83,7 | 256 | 90,5 |
| | פרויען . . . . | 807 | 16,3 | 27 | 9,5 |
| | ס"ה . . . | 4947 | 100,0 | 283 | 100,0 |

אין דער טאבעלע XVII זעען מיר אין דער רובריק „חתונה-געהאטע פרויען" א גרונטיקן אונטערשייד צווישן די רעזולטאטן פון דער פאלקסציילונג פון 1931 און פון אונדזער אנקעטע. די פאלקסציילונג האט ארויסגעבראכט 11,6 פראצ' יידישע חתונה-געהאטע פרויען אייגנטימעריננס פון בעלי-בתישקייטן, מיר האבן אין אונדזער אנקעטע קיין איינע ניט געטראפן. דאס לאזט זיך דער-קלערן דערמיט, וואס די אנקעטע האט פארצייכנט דעם פאקטישן צושטאנד, און אין דער פאלקסציילונג זיינען פארצייכנט די ווירטשאפטן, ווי זיי זיינען פארמעל צוגעשריבן, און עס טרעפט, אז די ווירטשאפט, הגם דער מאן איז דער פאקטישער פירער, איז דאך פארשריבן אויפן נאמען פון דער פרוי. בדרך כלל ווייזט די טאבעלע, אז איבער $4/5$ פון אלע בעלי-בתים זיינען מאנצביל. דאס שטימט מיט דער נארמע. כמעט 90,0 פראצ' פון אלע מאנצביל-בעלי-בתים זיינען חתונה-געהאטע, פון די פרויען — צום גרעסטן טייל (80,3 פראצ' לויט דער פאלקסציילונג און 92,6 פראצ' לויט דער אנקעטע) אלמנות.

דעם עלטערבוי פון די בעלי־בתּים פון די ייִדישע ווירטשאַפטן לויט די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע און לויט די רעזולטאַטן פון דער פאָלקסציילונג ווײַזט די טאַבעלע XVIII.

## טאַבעלע XVIII

### די בעלי־בתּים פון די ייִדישע ווירטשאַפטן לויט דער עלטער

| עלטער | לויט דער פאָלקסציילונג פון 1931 | | לויט דער אַנקעטע | |
|---|---|---|---|---|
| | אבס׳ צאָל | % | אבס׳ צאָל | % |
| ביז 21 . . . . | 12 | 0,2 | — | 0,0 |
| 21 — 30 . . . . | 298 | 6,0 | 19 | 6,7 |
| 31 — 40 . . . . | 883 | 17,9 | 71 | 25,1 |
| 41 — 50 . . . . | 1 030 | 20,8 | 55 | 19,4 |
| 51 — 65 . . . | 1 859 | 37,6 | 108 | 38,2 |
| העכער 65 . . . . | 865 | 17,5 | 30 | 10,6 |
| צוזאַמען . . . | 4 947 | 100,0 | 283 | 100,0 |

די טאַבעלע ברענגט אַרויס נאָך איין שוואַכן פּונקט פון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳, הײַנו: דעם ניט־נאָרמאַלן עלטערבוי בײַ די בעלי־בתּים פון די ייִדישע ווירטשאַפטן. אַרום אַ העלפט (55,1 פּראָצ׳ לויט דער פ״צ, 48,8 פּראָצ׳ לויט דער אַנקעטע) פון זיי זײַנען איבער 50 יאָר אַלט. אַ היפּשן פּראָצענט ווײַזט די גרופּע איבער 65 יאָר פאַר זיך גענומען. דערפון דאַרף מען אָבער ניט אַרויסדרינגען די פאַלשע מסקנא, אַז דאָס איז אַ ספּעציפיש ייִדישע דערשײַנונג. מיר טרעפן זי אויך אין פּוילישע דערפער,[1] און זי לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס די עלטערע מאַנצביל לאָזן ניט אַרויס די אָנפירונג פון דער ווירטשאַפט פון זייער האַנט, כּל־זמן זיי קענען נאָר.

דעם אָפּשטאַם פון די בעלי־בתּים פון די ייִדישע ווירטשאַפטן (פון דאָרף אָדער שטאָט) ווײַזט די טאַבעלע XIX (ז׳ 76).

איבער $^3/_5$ (לויט די רעזולטאַטן פון דער פ״צ פון 1931) און $^4/_5$ (לויט די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע) פון אַלע בעלי־בתּים פון די ייִדישע ווירט־שאַפטן שטאַמען פון דאָרף. דאָס וואָס די פ״צ גיט אַ קלענערן פּראָצענט ווי די אַנקעטע לאָזט זיך דערקלערן דורך דעם, וואָס די פאָלקסציילונג האָט להיפּך צו אונדזער אַנקעטע אַרומגענומען אויך די ייִד׳ לאַנדווירטשאַפט אין די שטעטלעך.

1 פאַרגלײַך למשל: Dr. Inż. roln. J. Fierich. Broniszów, wieś powiatu ropczyckiego. Warszawa 1933.

טאַבעלע XIX ווײַזט קלאָר, אַז די יידישע לאַנדווירטן זײַנען אין זייער גרעסטער צאָל אַ דאָרפֿישער עלעמענט. אינטערעסאַנט איז אָבער אויך צו באַמערקן, אַז 17,7 פּראָצ׳ פֿון אַלע בעלי-בתים פֿון די יידישע ווירטשאַפֿטן (לויט דער אַנקעטע) שטאַמען פֿון שטאָט און האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין דאָרף.

## טאַבעלע XIX

### דער אָפּשטאַם פֿון די בעלי-בתים פֿון די יידישע ווירטשאַפֿטן פֿון דאָרף אָדער שטאָט

| אָפּשטאַם | לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 | | לויט דער אַנקעטע | |
|---|---|---|---|---|
| | אַבס׳ צאָל | % | אַבס׳ צאָל | % |
| פֿון דאָרף . . . . | 3 051 | 61,7 | 230 | 81,3 |
| פֿון שטאָט[1] . . . . | 1 797 | 36,3 | 50 | 17,7 |
| ניט אָנגעגעבן . . . | 99 | 2,0 | 3 | 1,0 |
| צוזאַמען . . . | 4 947 | 100,0 | 283 | 100,0 |

ווי ווײַט די יידישע לאַנדווירטן זײַנען צוגעבונדן צום אָרט פֿון זייער געבוירן, ווײַזט די טאַבעלע XX, צונויפֿגעשטעלט לויט אונדזער אַנקעטע.

## טאַבעלע XX

### דער געבוירן-אָרט פֿון די בעלי-בתים פֿון די יידישע ווירטשאַפֿטן

| געבוירן-אָרט | אַבס׳ צאָל | % |
|---|---|---|
| אין זעלביקן דאָרף . . . | 167 | 59,0 |
| אין זעלביקן פּאָוויאַט . . . | 63 | 22,3 |
| אין דער זעלביקער וואָיעוואָדשאַפֿט . | 38 | 13,4 |
| אין אַ שכנותדיקער וואָיעוואָדשאַפֿט . | 12[2] | 4,3 |
| ניט אָנגעגעבן . . . . | 3 | 1,0 |
| צוזאַמען . . . | 283 | 100,0 |

1 אין דער קלאַסיפֿיקאַציע אויף דאָרף און שטאָט בײַ דער באַאַרבעטונג פֿון אונדזער אַנקעטע האָבן מיר גערעכנט פֿאַר אַ „שטאָט״, חוץ די אַדמיניסטראַטיווע שטעט, אויך די יִשובֿים, וועלכע זײַנען באַצייכנט אין: Skorowidz gmin Rzeczypospolitej Polskiej na podstawie tymczasowych wyników 2-go powsz. spisu ludności z 9. XII. 1931. Stat. Polski Serja B. z. 8c. W-wa 1933 ווי אַ „שטעטל״, הגם אַדמיניסטראַטיוו זײַנען זיי דאָרפֿישע גמינעס. די דאָזיקע יִשובֿים, ווי למשל, בוקאַטשאָוויעץ, אָבערטין אד״גל, טראָגן אַ בולט שטעטלשן כאַראַקטער.

2 איינער איז געבאָרן אין אַ שכנותדיקן דאָרף, וועלכער געהער זיך נאָך דער מלחמה צו רומעניע.

בערך $^3/_5$ פון אלע בעלי-בתים פון די יידישע ווירטשאפטן זיינען געבארן געוואָרן אין זעלביקן דאָרף ווו זיי וווינען איצט, 22,3 פראָצ׳ — אין א יישוב פון דעם זעלביקן פאוויאט, 13,4 פראָצ׳ אין דער זעלביקער וואָיעוואָדשאפט, און נאָר 3,9 פראָצ׳ אין א שכנישער וואָיעוואָדשאפט, ד״ה אין טארנאָפּאָלער אָדער לעמבערגער, פון אן אנדער טייל פון פוילן שטאמט קיינער ניט. די דאָזיקע ציפערן ריידן אליין פאר זיך גאנץ קלאר.

## טאבעלע XXI

### די משפחה-גלידער לויט געשלעכט, עלטער און פאמיליע-אנגעהעריקייט

| עלטער / געשלעכט און פאמיליע-אנגעהעריקייט | מענער: זין | מענער: אייניקל | מענער: איידעם | מענער: פאטער, שווער | מענער: אנדערע | מענער: צוזאמען | פרויען: ווייב | פרויען: טאכטער | פרויען: אייניקל | פרויען: שנור | פרויען: מוטער, שוויגער | פרויען: אנדערע | פרויען: צוזאמען | צוזאמען מענער און פרויען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ביז 10 . . . | 115 | 17 | — | — | — | 132 | — | 102 | 15 | — | — | — | 117 | 249 |
| 11 — 15 . . . | 52 | 3 | — | — | — | 55 | — | 81 | 1 | — | — | 1 | 83 | 138 |
| 16 — 20 . . . | 24 | — | — | — | — | 24 | — | 37 | — | — | — | — | 37 | 61 |
| 21 — 40 . . . | 115 | 2 | 9 | — | 12 | 138 | 113 | 99 | 1 | 8 | — | 10 | 231 | 369 |
| 41 — 50 . . . | 1 | — | 1 | — | 3 | 5 | 44 | 1 | — | — | — | — | 45 | 50 |
| 51 — 65 . . . | — | — | — | 1 | — | 1 | 60 | — | — | — | 19 | 1 | 80 | 81 |
| העכער 65 . . . | — | — | — | 9 | — | 9 | 11 | — | — | — | 22 | — | 33 | 42 |
| צוזאמען . . | 307 | 22 | 10 | 10 | 15 | 364 | 228 | 320 | 17 | 8 | 41 | 12 | 626 | 990 |

פון דער טאבעלע XXI זעען מיר: אז 1) די צאָל פרויען אין דער קאטעגאָריע משפחה-גלידער — 398 (ניט גערעכנט די ווייבער) איז גרעסער פון דער צאָל מענער 364. דער דאָזיקער אונטערשייד נעמט זיך דער עיקר דערפון, וואָס די צאָל מוטערס און שוויגערס איז גרעסער פאר דער צאָל פאטערס און שווערס. דאָס איז אויך א באווייז, אז די עלטערע מאנצביל להיפך צו די פרויען לאָזן ניט ארויס די אָנפירונג פון דער ווירטשאפט פון זייער האנט, כל זמן זיי קענען נאָר. 2) די צאָל משפחה-גלידער אין ארבעטס-עלטער פון 16 ביז 50 יאָר, איז גלייך 480, דאָס באטרעפט 48,5 פראָצ׳ פון דער אלגעמיינער צאָל פערזאָנען פון דער קאטעגאָריע. 3) די צאָל קינדער (זין און טעכטער) עלטער פון 16 יאָר באטרעפט 277, ד״ה 44,2 פראָצ׳ פון דער אלגעמיינער צאָל קינדער. 4) יידישע מיידלעך אין די דערפער האָבן ניט חתונה פריער פאר 21 יאָר.

## טאַבעלע XXII

### דער וווינאָרט פון די זעלבשטענדיק געוואָרענע קינדער פון די ייִדישע לאַנדווירטן

| וווינאָרט | | מענער: אבס' צאָל | מענער: % | פרויען: אבס' צאָל | פרויען: % | מענער און פרויען צוזאַמען: אבס' צאָל | מענער און פרויען צוזאַמען: % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פוילן | אין דעם זעלבן דאָרף | 27 | 23,5 | 38 | 28,1 | 65 | 26,0 |
| | אין אַן אַנדער דאָרף | 22 | 19,1 | 24 | 17,8 | 46 | 18,4 |
| | אין שטאָט . . . | 47 | 40,9 | 52 | 38,5 | 99 | 39,6 |
| אויסלאַנד | אין ארץ-ישראל . . | 8 | 6,9 | 5 | 3,7 | 13 | 5,2 |
| | אַנדערשווו . . . | 11 | 9,6 | 16 | 11,9 | 27 | 10,8 |
| צוזאַמען . . . | | 115 | 100,0 | 135 | 100,0 | 250 | 100,0 |

די טאַבעלע XXII, וואָס איז צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון אונדזער אַנקעטע, גיט אַן ענטפער אויף דער פראַגע, צי בלײַבן די קינדער פון ייִדישע לאַנדווירטן אין דאָרף, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, צי קאָן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפט אויסרעכענען אויפן אונטערוואַקסנדיקן דור. אָט וואָס די טאַבעלע ווײַזט: 44,4 פראָצ' פון אַלע זעלבשטענדיק געוואָרענע קינדער פון די ייִדישע לאַנדווירטן בלײַבן וווינען אין דאָרף, דערפון 26,0 פראָצ' אין זייער געבוירן-דאָרף; 39,6 פראָצ' וווינען אין שטאָט אין פוילן, 16,0 פראָצ' האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. אַ טייל פון די וואָס זײַנען געפאָרן קיין ארץ-ישראל זײַנען געפאָרן דירעקט פון זייער דאָרף אויף די סערטיפיקאַטן פון דער הסתדרות-האכרים.[1]

די אַלגעמיינע צאָל קינדער פון די געפאָרשטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפט-לעכע משפחות באַטרעפט 877. אויף איין משפחה פון אַ ייִדישן לאַנדווירט קומען אויס בכן 3,1 קינדער.

פון די 250 זעלבשטענדיק געוואָרענע קינדער האָבן פאַרלאָזן דאָס דאָרף 139, ד"ה 55,6 פראָצ'. פאַקטיש קומט דאָס אויס אַ ביסל ווינציקער, ווײַל דער גרעסטער רובֿ פון די אַוועקגעפאָרענע קיין ארץ-ישראל זיצן דאָך אין דאָרף. אין דורכשניט האָבן פון יעדער משפחה פאַרלאָזן דאָס דאָרף 0,5 דערוואַקסענע קינדער.

די ציפערן ווײַזן קלאָר, אַז בײַ דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער יוגנט איז פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף. דאָס איז אַ טייל-דערשײַנונג

1 וועגן די לאַנדווירטן וואָס פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פירן אַריבער פון גאַליציע קיין ארץ-ישראל וועט נאָך זײַן די רייד ווײַטער.

פֿון דעם פּראָצעס וואָס גייט אָן בײַ ייִדן בכלל צו פֿאַרלאָזן דאָס מזרח-גאַליצישע דאָרף. אין זײַן אַרבעט „די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן לויט דער לעצטער פֿאָלקסציילונג“[1] שרײַבט י. לעשטשינסקי:

„אין אַלע דרײַ מזרח-גאַליצישע וואָיעוואָדשאַפֿטן איז די אָפּוואַנדערונג פֿון דאָרף בײַ ייִדן געווען געוואַלדיק גרויס. אין 1921 יאָר האָבן אין די דאָזיקע וואָיעוואָדשאַפֿטן געלעבט אין דאָרף 186.636 ייִדן, און אין 1931 שוין נאָר 161.386, ווייניקער מיט 25.250 חוץ דעם נאַטירלעכן צווואַקס“. אינטערעסאַנט איז, אַז אין דער זעלביקער צײַט האָט געשטײַגט די צאָל ייִדן אין די דערפֿער אין די 3 וואָיעוואָדשאַפֿטן: וואַרשעווער, ווילנער און פּאָלעסיער, פֿאַר וועלכע עס זײַנען שוין פּובליקירט געוואָרן די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931. די דאָזיקע דערשײַנונג דאַרף אונדז ניט וווּנדערן. די תּנאָים, בײַ וואָסערע עס קומט אויס צו לעבן די ייִדן אין די דערפֿער פֿון מזרח-גאַליציע: עקאָנאָמישער באָיקאָט, געוואַלד-מעשׂים, דאָס פֿעלן פֿון אַ ייִדישער סבֿיבֿה, דער אויספֿעל פֿון דער פֿאַראינטערעסירונג מצד דער ייִדישער געזעלשאַפֿט מיטן גורל פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער לעצטער צײַט, האָבן געמוזט ברענגען צו אַזעלכע רעזולטאַטן. מיר ווילן אָבער באַמערקן, אַז דער עיקר פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף אין מזרח-גאַליציע די ניט-לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ייִדישע באַפֿעלקערונג, בכלל יענע ייִדן וואָס האָבן ניט זייער אייגנס קיין פֿעלד. פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַפֿעלקערונג פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף נאָר אַ טייל פֿון דער משפּחה, די זעלבשטענדיק ווערנדיקע יוגנט. די ייִדן די ניט-לאַנדווירטן פֿאַרלאָזן אָבער דאָס דאָרף אין גאַנצן, משפּחהווײַז. פֿאַר אַ בײַשפּיל קאָן אונדז דינען דאָס דאָרף סטאַריניע, נאַדוורנער פּאָוויאַט. פֿאַר דער מלחמה איז דאָס געווען אַ אינדוסטריע-דאָרף. אַ גרויסער טייל באַפֿעלקערונג זײַנען געווען באַשעפֿטיקט בײַ די דאָרטיקע ערדוואַקס-גרובן. בײַ דעם הײַנטיקן טאָג זײַנען אָבער די גרובן ניט טעטיק. חוץ דעם אַלגעמיינעם קריזיס האָט דאָ געווירקט, וואָס מען האָט פֿאַרביטן די ערדוואַקס דורך אַ סוראָגאַט: פּעטראָלאַט. מחמת דעם האָבן איבער 50 ייִדישע משפּחות, אָנערדיקע, ווערלײַג עס דערציילן די איצטיקע ייִדישע אײַנוווינער פֿון דאָרף, פֿאַרלאָזט סטאַריניע. די ייִדן אָבער וואָס האָבן געהאַט פֿעלד זײַנען געבליבן אין דאָרף און גענומען זיך צו פֿעלדאַרבעט.

---

[1] ייוואָ-בלעטער ב׳ IX (1936), 1—2.

## VI

# די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעלי־בתּישקייטן

## די צאָל בעלי־בתּישקייטן

### טאַבעלע XXIII

צאָל ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעלי־בתּישקייטן אין דער סטאַניסלאַװער וואָיעוואָדשאַפֿט און זייער שטח

| גרייס פֿון די ווירטשאַפֿטן | צאָל ווירטשאַפֿטן | | שטח אין הא | |
|---|---|---|---|---|
| | לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 י׳ | לויט דער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1931 י׳ | לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 י׳ | לויט דער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1931 י׳ |
| ביז 5 הא . . | 1 663 | 4 140 | 2 841,2 | 5 254,8 |
| 5 — 50 הא . . | 497 | 631 | 6 104,9 | 8 358,5 |
| איבער 50 הא . . | 87 | 176 | 17 864,7 | 31 999,8 |
| צוזאַמען . . | 2 247 | 4 947 | 26 810,8 | 45 613,1 |

אין אָט דער טאַבעלע זעען מיר באַלד גרויסע אונטערשיידן צווישן די רעזולטאַטן פֿון דער סטאַטיסטיק פֿון 1928, און פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931. די סיבות, פֿאַר וואָס עס האָבן געקאָנט אַרויסקומען אַזעלכע אונטערשיידן, האָב איך שוין אָנגעוויזן אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל, הײַנו וואָס די סטאַטיסטיק פֿון 1928 איז ניט פֿול, וואָס די פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 פֿאַרברייטערט דעם באַגריף לאַנדווירט, און צולעצט, וואָס נאָך 1930 האָט זיך אָנגעהויבן גיכער צו אַנטוויקלען דער אַגראַריזיר־פּראָצעס צווישן די דאָרפֿישע ייִדן. דעם גרעסטן אונטערשייד צווישן די רעזולטאַטן פֿון ביידע סטאַטיסטיקעס באַמערקן מיר אין דער נידעריקסטער גרופּע ווירטשאַפֿטן ביז 5 הא. דער פּראָצענט ייִדישע ווירטשאַפֿטן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל ווירטשאַפֿטן אין דער וואָיעוואָד־שאַפֿט באַטרעפֿט לויט די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 2,4 פּראָצ׳.

## אַגראַרע סטרוקטור

בײַם כאַראַקטעריזירן די לאַנדווירטשאַפֿט אויף אַ געוויסן שטח רעדט מען געוויינטלעך וועגן דער אַ״ג אַגראַרער סטרוקטור. די ווירטשאַפֿטן ווערן אײַנגעטיילט אין קאַטעגאָריעס לויט זייער גרייס. לויט דער צאָל ווירטשאַפֿטן אין די באַזונדערע קאַטעגאָריעס משפּט מען, צי די סטרוקטור פֿון דער לאַנד־ווירטשאַפֿט אין דער געפֿאָרשטער סבֿיבֿה איז געזונט אָדער געפּעלערט. בײַם

אײַנטיילן די לאַנדווירטשאַפֿטן אויף באַזונדערע קאַטעגאָריעס ווערן באַנוצט פֿאַרשיידענע קריטעריומס, למשל: 1) צי זײַנען די ווירטשאַפֿטן בכּוח צו דינען ווי די הויפּט-באַשעפֿטיקונג פֿון זייערע בעלי-בתּים; 2) וואָסערע זײַנען די אַרבעט-תּנאָים, קאָנקרעט — ווי איז די פֿאַרהעלטעניש פֿון דער אייגענער אַרבעט פֿון דער משפּחה צו געדונגענער אַרבעט, אאַז"וו. נעמענדיק אין אַכט אַפֿילו נאָר איין קריטעריום, קען מען ערשט אײַנטיילן די ווירטשאַפֿטן אין פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס, ווײַל עס איז נאָך אַ פֿראַגע צום אויספֿאָרשן (אויב עס גייט וועגן דעם צו ערשט אָנגעגעבענעם קריטעריום), ווי גרויס עס דאַרף זײַן אַ ווירטשאַפֿט, אַז זי זאָל קאָנען זײַן די הויפּט-באַשעפֿטיקונג פֿון דעם בעל-הבית. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס ניט בלויז אין באַזונדערע לענדער ווערן גענוצט פֿאַרשיידענע קלאַסיפֿיקאַציעס, נאָר עס זײַנען פֿאַראַן חילוקי-דעות וועגן דעם אַפֿילו צווישן די באַזונדערע אינסטיטוציעס אין איין און דעם זעלביקן לאַנד. למשל אין פּוילן איז פֿאַראַן אַ חילוק אין דעם פּרט צווישן דעם סטאַטיסטישן הויפּטאַמט און דער אָפּטיילונג פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער עקאָנאָמיק פֿון די קליינע לאַנדווירטשאַפֿטן בײַם מלוכישן אינסטיטוט פֿאַר דאָרפֿישער ווירטשאַפֿט אין פּולאַווע. בכּלל גענומען האָט די גרייס פֿון שטח אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער ווירטשאַפֿט, אָבער אין אַ סך פֿאַלן איז ניט זי דער דעציִדירנדיקער פֿאַקטאָר. אין סך פֿאַלן ווירקן מער אויף דער רענטאַבלקייט פֿון אַ ווירטשאַפֿט פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿאַקטאָרן: עקאָנאָמישע, ווי למשל דער מהלך פֿון אַ שטאָט, אָדער פֿון פֿאַבריק-צענטער, קאָמוניקאַציע-באַדינגונגען אד"גל, און אויך נאַטירלעכע, ווי קלימאַט, באַשטאַנד פֿון באָדן א"אַ.

דאָס געזאָגטע איז באַזונדערס שייך צו דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, וואָס וועגן איר פֿאַרשיידנקייט אין פּרט פֿון פֿיזיאָגראַפֿישן בוי, קלימאַט, באָדן אאַז"וו, האָבן מיר שוין גערעדט אין אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל. בעת למשל ווען אַ ווירטשאַפֿט פֿון 5 האַ איז אַ יש אין דער פּאָקוציע-געגנט, האָט זי גאָר קיין באַטרעף ניט אין דער באַרגגעגנט. דעריבער קאָן מען דאָ ניט אײַנטיילן די ווירטשאַפֿטן לויט זייער גרייס. דאָך האָבן מיר צוליב אונדזער שטודיע זיך געמוזט שאַפֿן אַ קריטעריום פֿאַר דער אײַנטיילונג לויט דער גרייס, און דערבײַ געזען, אַז עס זאָלן אַרויסקומען וואָס ווייניקער קאַטעגאָריעס. מיר האָבן צוליב דעם באַאַרבעט די מאַטעריאַלן וואָס געפֿינען זיך אין אונדזער רשות: די סטאַטיסטיק פֿון 1928, די ייִקאָ-סטאַטיסטיק פֿון 1931 און 1932 און אונדזער אייגענע אַנקעטע, לויט דעם שאַבלאָן, וואָס עס האָט באַנוצט דער סטאַטיסטישער הויפּטאַמט בײַם באַאַרבעטן די רעזולטאַטן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ציילונג פֿון יאָר 1921.

די ווירטשאַפֿטן טיילן מיר אײַן אין אַזעלכע 4 קאַטעגאָריעס: 1) פּאַרצעלן-ווירטשאַפֿטן: 0,5—2,0 האַ די גרייס. אין די נאָרמאַלע באַדינגונגען, וועלכע הערשן אין די מערבֿ-אייראָפּעיִשע לענדער, איז די אַרבעט אין די

ווירטשאַפֿטן פֿון דער קאַטעגאָריע נאָר אַ צוגאָב צו דער הויפּט-באַשעפֿטיקונג פֿון זייערע בעלי-בתּים. אַן אויסנאַם אין דעם פּרט זײַנען פֿאַרשטייט זיך די גערטנער-ווירטשאַפֿטן לעבן שטאָט. אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער טראָגן די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן אין פּוילן בכלל און אין גאַליציע בפֿרט. זיי זײַנען דאָ דער הויפּט-מקור פֿון חיונה פֿאַר זייערע בעלי-בתּים. דאָס איז אָבער ניט דערפֿאַר, וואָס די ווירטשאַפֿטן זײַנען בכּוח זיי אויסצוהאַלטן, נאָר ווײַל אַנדערשוווּ קריגן זיי קיין אַרבעט ניט. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן זײַנען אָבער אַזוי קליין, אַז קיין אַרבעט פֿאַר די משפּחה-גלידער פֿון די בעלי-בתּים איז אין זיי ניטאָ, זיי קענען זיי ניט שפּײַזן, און עס קען אין זיי קיין שום אַרבעט ניט אָרגאַניזירט ווערן ווי געהעריק. 2) קליינע פּויערישע לאַנדווירטשאַפֿטן: 5,0 — 2,0 האַ די גרייס. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן דערנעענטערן זיך צו דעם טיפּ זעלבשטענדיקע לאַנד-ווירטשאַפֿטן. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון זיי קענען ניט געבן גענוג באַשעפֿטיקונג דער משפּחה פֿון זייערע בעלי-בתּים. זיי מוזן דעריבער אָנקומען אויך צו די בײַ-פּרנסות פֿון דעם בעל-הבית אָדער פֿון עמעצן פֿון זײַנע בני-בית. די קליינע פּויערישע לאַנדווירטשאַפֿטן, צוזאַמען מיט די ווירטשאַפֿטן פֿון דער פֿריִערדיקער קאַטעגאָריע, טראָגן ניט קיין זעלבשטענדיקן כאַראַקטער און קענען ניט אויסהאַלטן אין גאַנצן זייערע בעלי-בתּים. זייער גרויסע צאָל אין פּוילן בכלל און אין גאַליציע בפֿרט איז דער וויכטיקסטער סימפּטאָם פֿון דער פֿעלערדיקער אַגראַרער סטרוקטור אין לאַנד. 3) מיטלע פּויערישע לאַנדווירטשאַפֿטן: 20,0 — 5,0 האַ די גרייס. די ווירטשאַפֿטן פֿון אָט דער קאַטעגאָריע זײַנען צום גרעסטן טייל זעלבשטענדיקע, לעבנספֿעיִקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע וואַרשטאַטן. זיי זײַנען בכּוח אין אַ גענוגער מאָס צו באַשעפֿטיקן די גאַנצע פֿאַמיליע פֿון זייערע בעלי-בתּים און באַנוצן געוויינטלעך אייגענע פֿערד צו דער אַרבעט. 4) גרויסע פּויערישע ווירטשאַפֿטן: 50,0—20,0 האַ די גרייס. די ווירטשאַפֿטן פֿון אָט דער קאַטעגאָריע שיידן זיך אונטער פֿון די ווירטשאַפֿטן פֿון די פֿריִערדיקע דורך דעם, וואָס זייערע בעלי-בתּים זײַנען ניט אין שטאַנד זיי אַליין צו באַאַרבעטן און מוזן זיך באַנוצן מיט געדונגענער אַרבעט. די ווירטשאַפֿטן פֿון די לעצטע צוויי קאַטעגאָריעס געהערן צום נאָרמאַלן טיפּ פֿון דער אַגראַרער סטרוקטור.

טאַבעלע XXIV ווײַזט אונדז די אַגראַרע סטרוקטור פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿון 0,5 ביז 50,0 העקטאַר די גרייס, לויט דער סטאַטיסטיק פֿון 1928 יאָר, לויט די דאַטעס פֿון ייִקאַ און פֿון אונדזער אַנקעטע. די באָדן-פּאַרצעלן אונטער 0,5 העקטאַר, די אַ״ג „ברויזל-ווירטשאַפֿטן”, קענען ניט באַטראַכט ווערן אַפֿילו אין אונדזערע פֿאַרהעלטענישן פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטן. די ווירטשאַפֿטן איבער 50,0 העקטאַר ווערן אין דער אָפֿיציעלער פּוילישער סטאַטיסטיק צוגערעכנט צום גרויס-אייגנטום.

## טאַבעלע XXIV

### די אַגראַרע סטרוקטור פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט*

| לויט דער | | 0,5 — 2,0 הא | | 2,0 — 5,0 הא | | 5,0 — 20,0 הא | | 20,0—50,0 הא | | ס״ה | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | ווירטש׳ צאָל | באָדן-שטח אין הא | ווירטש׳ צאָל | באָדן-שטח אין הא | ווירטש׳ צאָל | באָדן-שטח אין הא | ווירטש׳ צאָל | באָדן-שטח אין הא | ווירטש׳ צאָל | באָדן-שטח אין הא |
| סטאַטיסטיק פֿון 1928 | אבס׳ צאָל | 885 | 978,6 | 560 | 1 783,8 | 379 | 3 354,1 | 62 | 1 886,6 | 1 886 | 8 003,1 |
| | % | 46,9 | 12,2 | 29,7 | 22,3 | 20,1 | 41,9 | 3,3 | 23,6 | 100,0 | 100,0 |
| סטאַטיסטיק ייִקאָ | אבס׳ צאָל | 486 | 610,9 | 595 | 1 910,6 | 402 | 3 641,5 | 56 | 1 541,6 | 1 539 | 7 704,6 |
| | % | 31,6 | 7,9 | 38,7 | 24,8 | 26,1 | 47,3 | 3,6 | 20,0 | 100,0 | 100,0 |
| אַנקעטע | אבס׳ צאָל | 98 | 117,9 | 95 | 316,8 | 82 | 757,1 | 6 | 133,7 | 281 | 1 325,5 |
| | % | 34,9 | 8,9 | 33,8 | 23,9 | 29,2 | 57,1 | 2,1 | 10,1 | 100,0 | 100.0 |

די אויסגענוצטע מאַטעריאַלן גיבן ווײַט נישט קיין גלײַכע ידיעות וועגן דער אַגראַרער סטרוקטור פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט. איין אַלגעמיינער אויספֿיר אָבער לאָזט זיך מאַכן: בערך 70,0 פּראָצ׳ פֿון אַלע ייִדישע ווירטשאַפֿטן (פֿון 0,5 — 50,0 הא די גרייס) זײַנען קלענער פֿון 5,0 הא. מיט אַנדערע ווערטער: זיי זײַנען ניט בכּוח אויסצוהאַלטן אין גאַנצן זייערע בעלי-בתּים, וועלכע זײַנען דעריבער געצוווּנגען צו זוכן זײַטיקע באַשעפֿטיקונגען. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן פֿאַרמאָגן 1/3 פֿון אַלגעמיינעם באָדן-שטח פֿון די געפֿאָרשטע לאַנדווירטשאַפֿטן. די דאָזיקע שלעכטע אַגראַרע סטרוקטור פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן, וועלכע איז, ווי מיר ווייסן פֿון אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל, כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט און פֿאַר גאַליציע בכלל ווערט נאָר אין אַ קלענער מאָס פֿאַרריכט דורך דעם וואָס ייִדישע לאַנדווירטן אַרענדירן צו געוויינטלעך שטיקלעך פֿעלד. דאָס ווײַזט אונדז די טאַבעלע XXV אויסגעשטעלט אין רעלאַטיווע ציפֿערן.

לויט די ידיעות פֿון דער ייִקאָ און לויט אונדזער אַנקעטע קומט אויס, אַז די אַגראַרע סטרוקטור פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן איז דורך דער צואַרענדירונג פֿאַרריכט געוואָרן אין אַ גרעסערער מאָס, ווי עס ווײַזט די

* גענומען נאָר אייגענע ערד און נאָר פֿון 0,5 ביז 50,0 הא.

סטאַטיסטיק פֿון 1928. די לעצטע צײַט האָבן די ייִדישע לאַנדווירטן גענומען אַלץ מער צואַרענדירן ערד, ווײַל זיי פֿאַרלירן אַלץ מער זייערע זײַטיקע פּרנסות.

## טאַבעלע XXV

### די אַגראַרע סטרוקטור פֿון די ייִדישע לאַנדווי׳ בעלי-בתּישקייטן אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

| לויט דער | | 0,5—2,0 הא צאָל ווירטש׳ | 0,5—2,0 הא באָדן-שטח | 2,0—5,0 הא צאָל ווירטש׳ | 2,0—5,0 הא באָדן-שטח | 5,0—20,0 הא צאָל ווירטש׳ | 5,0—20,0 הא באָדן-שטח | 20,0—50,0 הא צאָל ווירטש׳ | 20,0—50,0 הא באָדן-שטח | ס״ה צאָל ווירטש׳ | ס״ה באָדן-שטח |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | אין % | | | | | | | | | |
| סטאַטיסטיק פֿון 1928 י׳ | נאָר אייגענע ערד | 46,9 | 12,2 | 29,7 | 22,3 | 20,1 | 41,9 | 3,3 | 23,6 | 100,0 | 100,0 |
| | אייגענע און אַרענדירטע ערד | 44,8 | 10,9 | 29,4 | 20,4 | 21,9 | 42,8 | 3,9 | 25,9 | 100,0 | 100,0 |
| ייִקאָ-סטאַטיסטיק | נאָר אייגענע ערד | 31,6 | 7,9 | 38,7 | 24,8 | 26,1 | 47,3 | 3,6 | 20,0 | 100,0 | 100,0 |
| | אייגענע און אַרענדירטע ערד | 25,1 | 5,5 | 39,1 | 21,4 | 30,0 | 45,5 | 5,8 | 27,6 | 100,0 | 100,0 |
| אַנקעטע | נאָר אייגענע ערד | 34,9 | 8,9 | 33,8 | 23,9 | 29,2 | 57,1 | 2,1 | 10,1 | 100,0 | 100,0 |
| | אייגענע און אַרענדירטע ערד | 25,4 | 5,9 | 36,8 | 22,4 | 35,0 | 60,3 | 2,8 | 11,4 | 100,0 | 100,0 |

טאַב׳ XXVI ווײַזט די אַגראַרע סטרוקטור פֿון דער ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט לויט די רעזולטאַטן פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון יאָר 1931. מיר זײַנען געצוווּנגען איבערצוגעבן זיי לויט דעם שאַבלאָן, לויט וועלכן זיי זײַנען באַאַרבעט געוואָרן. זיי נעמען אַרום אַלע ייִדישע ווירטשאַפֿטן, פֿון די קלענסטע ביז די גרעסטע.

83,7 פּראָצ׳ פֿון אַלע ייִדישע ווירטשאַפֿטן אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען ביז 5 הא די גרייס, און זײַנען דעריבער ניט בכּוח אויסצוהאַלטן זייערע בעלי-בתּים. דער פּראָצענט איז בכן נאָך אַ גרעסערער ווי אין די פֿריִער געבראַכטע מאַטעריאַלן. דאָס נעמט זיך אָבער דערפֿון, וואָס די פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 יאָר האָט להיפּך צו יענע סטאַטיסטיקס אַרײַנגענומען אויך די בעלי-בתּישקייטן ביז 0,5 הא. די זעלביקע טאַבעלע ווײַזט אָבער נאָך איין וויכטיקן פּרט, הײַנו: די 176 ייִדישע אַ״ג גרויסע ווירטשאַפֿטן פֿון איבער 50,0 הא די גרייס פֿאַרמאָגן 31.999,8 הא, ד״ה 70,2 פּראָצ׳ פֿון אַלגעמיינעם ייִדישן ערדפֿאַרמעג אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט.

אין אַ גרויסער מאָס כאַראַקטעריזירט די אַגראַרע סטרוקטור די דורכשניטלעכע גרייס פֿון איין ווירטשאַפֿט. מיר ברענגען דעריבער דאָ די טאַב׳ XXVII וועלכע ווײַזט די דורכשניטלעכע גרייס פֿון אַ ייִדישער לאַנד־ווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס ווירטשאַפֿטן, פֿון 0,5 ביז 50,0 האַ.

## טאַבעלע XXVI

### אַגראַרע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָד׳ (לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931)

| גרייס פֿון דער ווירטשאַפֿט אין האַ | צאָל ווירטשאַפֿטן | | אַלגעמיינער באָדן־שטח | |
|---|---|---|---|---|
| | אַבס׳ צאָל | % | אין האַ | % |
| ביז 1 | 2 180 | 44,1 | 863,7 | 1,9 |
| 1 — 3 | 1 520 | 30,7 | 2 684,0 | 5,9 |
| 3 — 5 | 440 | 8,9 | 1 707,1 | 3,7 |
| 5 — 10 | 367 | 7,4 | 2 812,7 | 6,2 |
| 10 — 25 | 195 | 3,9 | 3 161,3 | 6,9 |
| 25 — 50 | 69 | 1,4 | 2 384,5 | 5,2 |
| איבער 50 | 176 | 3,6 | 31 999,8 | 70,2 |
| ס״ה | 4 947 | 100,0 | 45 613,1 | 100,0 |

## טאַבעלע XXVII

### דורכשניטלעכע גרייס פֿון אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער בעלי־בתּישקייט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

| גרייס פֿון אַ בע״ב אין האַ | נעמענדיק אין אַכט נאָר די אייגענע ערד לויט דער | | | נעמענדיק אין אַכט די אייגענע און אַרענדירטע ערד לויט דער | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | סטאַטיסטיק פֿון 1928 | ייִקאָ־סטאַטיסטיק | אַנקעטע | סטאַטיסטיק פֿון 1928 | ייִקאָ־סטאַטיסטיק | אַנקעטע |
| | | | אין הע | קטאַר | | |
| 0,5 — 2,0 | 1,1 | 1,3 | 1,2 | 1,1 | 1,3 | 1,3 |
| 2,0 — 5,0 | 3,2 | 3,2 | 3,3 | 3,2 | 3,3 | 3,4 |
| 5,0 — 20,0 | 8,8 | 9,1 | 9,2 | 9,0 | 9,1 | 9,5 |
| 20,0 — 50,0 | 30,4 | 27,5 | 22,3 | 30,7 | 28,6 | 22,5 |

## די ערד לויט איר באַנוץ

קיין שום ידיעות אין דעם פּרט בנוגע די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען ניטאָ. כּדי אָבער צו האָבן לכל הפּחות אַ השערהדיקע פֿאָרשטעלונג וועגן דער זאַך, נעמען מיר אָן, אַז דער ייִדישער ערדפֿאַרמעג אין יעדערן פֿון די באַזונדערע פּאָוויאַטן איז אײַנגעטיילט אין פּרט פֿון דער ערד צום באַנוצן — אין דער פּראָצענטועלער פּראָפּאָרציע פֿון דעם אַלגעמיינעם שטח פֿון געגעבענעם פּאָוויאַט. וויסנדיק וויפֿל ערד עס פֿאַרמאָגט די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין יעדערן פֿון די באַזונדערע פּאָוויאַטן און נעמענדיק אין אַכט די פּראָצענטועלע אײַנטיילונג פֿון זייער אַלגעמיינעם שטח לויט דער ערד צום באַנוצן האָבן מיר אויסגערעכנט, ווי אַזוי איז דער ייִדישער ערדפֿאַרמעג אײַנגעטיילט אין דעם פּרט. דאָס ווײַזט טאַב׳ XXVIII.

### טאַבעלע XXVIII

**אײַנטיילונג פֿון דעם ייִדישן ערדפֿאַרמעג לויט דער ערד צום באַנוצן**

(לויט דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931)

| | | אַבס׳ צאָל אין הא | % |
|---|---|---|---|
| אַלגעמיינער שטח . . . . . . . | | 45 613,1 | 100,0 |
| ערד לאַנדווירט־שאַפֿטלעך באַנוצטע | ס״ה . . . . . . . . | 30 897,5 | 67,7 |
| | אַקערפֿעלד . . . . . | 20 483,1 | 44,9 |
| | סעדער און גערטנער . | 942,6 | 2,0 |
| | לאָנקעס . . . . . . | 4 924,6 | 10,8 |
| | פּאַשעערד . . . . . | 4 547,2 | 10,0 |
| וועלדער . . . . . . . . . . . | | 11 845,7 | 26,0 |
| ערד ניט צום נוצן א״א . . . . . | | 2 869,9 | 6,3 |

לויט טאַבעלע XXVIII קומט אויס, אַז אין די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעלי־בתּישקייטן פֿאַרנעמט אַקערפֿעלד אַ לפּי ערך קלײנעם טייל (44,9 פּראָצ׳). דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל אָט די בעלי־בתּישקייטן געפֿינען זיך בעיקר אין אונטערקאַרפּאַטישן און קאַרפּאַטישן ראַיאָן. דעם לפּי ערך גרויסן פּראָצענט וועלדער (26,0) באַדאַרף מען שטעלן אויפֿן חשבון פֿון גרויסן אייגנטום.

בכדי צו האָבן אַ פֿאָרשטעלונג וועגן אמתן מצב פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין פּרט פֿון ערדבאַנוץ, וואָלט מען נאָך באַדאַרפֿט האָבן ידיעות באַזונדער פֿאַר דעם גרויסן ערד־אייגנטום און באַזונדער פֿאַרן קלײנעם, ווײַל די פֿאַרהעלטענישן זײַנען אין ביידע פֿאַרשיידן. פֿאַר דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפֿט האָבן מיר אַזעלכע ידיעות ניט. דערפֿאַר דינען גוט די ידיעות פֿון אונדזער אַנקעטע.

## טאַבעלע XXIX

### די אײַנטיילונג פֿון דער ערד, לויט איר באַנוץ אין די ייִדי׳ קליינע בעלי-בתּישקייטן (0,5—50,0 האַ׳)
(לויט אונדזער אַנקעטע)

| | נאָר די אייגענע ערד | | אייגענע און אַרענדירטע ערד | |
|---|---|---|---|---|
| | אבס׳ אין האַ | % | אבס׳ אין האַ | % |
| אַלגעמיינער שטח | 1 325,5 | 100,0 | 1 566,8 | 100,0 |
| ערד לאַנדווירטשאַפֿטלעך באַנוצט | 1 256,7 | 94,8 | 1 491,4 | 95,2 |
| אַקערפֿעלד | 1 165,8 | 87,9 | 1 327,7 | 84,7 |
| לאָנקעס | 71,4 | 5,4 | 122,0 | 7,8 |
| פּאַשעערד | 19,5 | 1,5 | 41,7 | 2,7 |
| וועלדער | 57,3 | 4,3 | 62,5 | 4,0 |
| ערד ניט צום נוצן און אַנד׳ | 11,5 | 0,9 | 12,9 | 0,8 |

דער גרעסטער טייל ערד אין די ייִדישע קליינע בעלי-בתּישקייטן איז אַקערפֿעלד. דערפֿאַר פֿעלט זיי אויס קענטיק פּאַשעערד און לאָנקעס, ווײַל דאָס טוען זיי אַרענדירן קודם כּל, ווי דאָס איז צו זען פֿון דער טאַבעלע. אפֿשר נעמט זיך דאָס אויך דערפֿון, וואָס אין אייניקע דערפֿער לאָזט מען די ייִדישע בהמות ניט אַרויף אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער פּאַשעערד, הגם ייִדן האָבן דערויף פֿולע רעכט באַגלײַך מיט אַלע אײַנוווינער.

### די שאָכבערעט פֿון די קליינע ייִדישע בעלי-בתּישקייטן

איינער פֿון די הויפּטפֿעלערן פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אין פּוילן איז די אַ״ג שאָכבערעט פֿון די ווירטשאַפֿטן, ד״ה די צעוואָרפֿנקייט פֿון די פּאַרצעלן, וואָס יעדע אייגציקע ווירטשאַפֿט באַשטייט פֿון זיי. דער דאָזיקער סדר, וואָס איז אַ ירושה פֿון אַלטע ווירטשאַפֿטלעכע סיסטעמעס, ווי „דרײַ-פֿעלדער-סיסטעם“ אד״גל, שטערט געוואַלדיק דער ראַציאָנעלער פֿירונג פֿון דער ווירטשאַפֿט. אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז די שאָכבערעט זייער פֿאַרשפּרייט. די קאָמאַסאַציע פֿון די ווירטשאַפֿטן איז דאָרט דורכגעפֿירט געוואָרן נאָר אין אַ מינימאַלער מאָס, ווי מיר ווייסן שוין פֿון אַ פֿריִערדיקן קאַפּיטל.

מיר האָבן געפּרוּווט אויסצודריקן אין ציפֿערן די שאָכבערעט פֿון די אויסגעפֿאָרשטע בעלי-בתּישקייטן. דאָס איז אָבער געראָטן ניט אין אַ פֿולער מאָס. פֿרידזעלעך אויפֿנעמען די צאָל פּאַרצעלן האָבן מיר ניט געקענט, ווײַל

זיי זײַנען שטאַרק צעוואָרפֿן און געפֿינען זיך אָפֿט מאָל אויף אַ גרויסן מהלך פֿון דעם בעל-הביתס שטוב. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט באַנוגענען מיט די ענטפֿערס פֿון די בעלי-בתים, וועלכע זײַנען ניט אַלע מאָל געווען באַפֿרידיקנדיק. אייניקע בעלי-בתים האָבן געמיינט, אַז עס גייט אונדז נאָר וועגן די אַקערפֿעלדער, זיי האָבן דעריבער ניט אָנגעגעבן די פּאַרצעלן לאָנקעס, פּאַשע-ערד א"אַ. אַנדערע ווידער האָבן אָנגענומען, אַז עס גייט וועגן פֿעלדער פּאַר-זייטע מיט פֿאַרשיידענע געוויקסן. אַזוי אַרום זײַנען די ציפֿערן ניט קיין פּינקטלעכע.

נאָך איין באַוואָרעניש דאַרפֿן מיר מאַכן: אין דאָרף פּעטראַנקע — קאַלושער פּאָוויאַט — האָבן מיר אָנגעטראָפֿן די אַ"ג „צעצויגענע שאַכברעט". זי באַשטייט אין דעם, וואָס די פֿעלדער שטעלן מיט זיך פֿאָר שמאָלע $^1/_2$מעטער-דיקע, און אַ מאָל נאָך שמעלערע פּאַסן, וועלכע ציִען זיך אויף עטלעכע קילאָמעטער. עס איז קלאָר, אַז אין אַ ווירטשאַפֿט, וועלכע באַשטייט פֿון איין שטיק פֿעלד, אָבער אין פֿאָרם פֿון אַזאַ שמאָלן פּאַס, קען קיין שום אַרבעט ראַציאָנעל ניט דורכגעפֿירט ווערן. אין דער סטאַטיסטיק ווערן זיי אָבער פֿאַרנאָטירט ווי קאָמאַסירטע. מיט אָט די באַוואָרענישן ברענגען מיר די טאַבעלע XXX, וואָס נעמט אַרום נאָר די אייגענע ערד פֿון די אייגנטימער.

## טאַבעלע XXX

### די שאַכברעט פֿון די יידישע קליינע לאַנדווי' בעלי-בתישקייטן (לויט דער אַנקעטע)

| גרייס פֿון די בעלי-בתישקייטן אין הא | אלע בעלי-בתישקייטן אַבס' | אלע בעלי-בתישקייטן % | קאָמאַסירטע בעלי-בתישקייטן אַבס' | קאָמאַסירטע בעלי-בתישקייטן % | צאָל ניט קאָמאַסירטע בעלי-בתישקייטן אין 2 טיילן אַבס' | 2 טיילן % | 3 טיילן אַבס' | 3 טיילן % | 4 טיילן אַבס' | 4 טיילן % | 5 טיילן אַבס' | 5 טיילן % | 6 — 10 טיילן אַבס' | 6 — 10 טיילן % | מער ווי 10 טיילן אַבס' | מער ווי 10 טיילן % | צוזאַמען ניט קאָמאַסירטע בע"ב אַבס' | צוזאַמען ניט קאָמאַסירטע בע"ב % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 2,0 — 0,5 | 98 | 100,0 | 38 | 38,8 | 29 | 29,6 | 16 | 16,3 | 9 | 9,2 | 5 | 5,1 | 1 | 1,0 | — | — | 60 | 61,2 |
| 5,0 — 2,0 | 95 | 100,0 | 16 | 16,8 | 13 | 13,7 | 12 | 12,6 | 21 | 22,1 | 14 | 14,7 | 18 | 19,0 | 1 | 1,1 | 79 | 83,2 |
| 20,0 — 5,0 | 82 | 100,0 | 17 | 20,7 | 12 | 14,6 | 8 | 9,8 | 8 | 9,8 | 10 | 12,2 | 21 | 25,6 | 6 | 7,3 | 65 | 79,3 |
| 50,0 —20,0 | 6 | 100,0 | 1 | 16,7 | — | — | 2 | 33,3 | 1 | 16,7 | — | — | 2 | 33,3 | — | — | 5 | 83,3 |
| 50,0 — 0,5 | 281 | 100,0 | 72 | 25,6 | 54 | 19,2 | 30 | 13,5 | 39 | 13,9 | 29 | 10,3 | 42 | 15,0 | 7 | 2,5 | 209 | 74,4 |

פֿון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז מער ווי $^3/_4$ פֿון די אויסגעפֿאָרשטע ווירטשאַפֿטן געפֿינען זיך אין אַ שאַכברעט, דערבײַ באַשטייען 17,5 פּראָצ' פֿון זיי פֿון מער ווי 5 פּאַרצעלן יעדערע. אין דער קלענסטער שאַכברעט געפֿינען זיך די ווירטשאַפֿטן פֿון דער קלענסטער גרופּע, פֿון 0,5 ביז 2,0 הא. דער פּראָצענט קאָמאַסירטע יידישע ווירטשאַפֿטן צווישן די אויסגעפֿאָרשטע

25,6 פּראָצ׳) איז אַ סך קלענער פון דעם פּראָצענט קאָמאַסירטע צווישן די קליינע לאַנדווירטשאַפטלעכע בעלי-בתּישקייטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳, וואָס עס גיט די ציילונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע בעלי-בתּישקייטן אין יאָר 1921, גערעכנט נאָר די לאַנדווירטשאַפטלעך באַנוצטע ערד (54,6 פּראָצ׳). די ציפערן פון אָט דער ציילונג האָבן אָבער אַ קנאַפּן ווערט אין דעם פּרט, ווי עס איז מודה דער סטאַטיסטישער הויפּטאַמט אַליין. מיר האָבן די ציפער געבראַכט נאָר לשם אָריענטאַציע.

די דורכשניטלעכע צאָל פּאַרצעלן אויף איין ווירטשאַפט באַטרעפט לויט אונדזער אַנקעטע 3,6. דער דורכשניטלעכער מהלך צווישן דער דירה פון דעם בעל-הבית און דער ווײַטסטער פּאַרצעלע אין די ניט-קאָמאַסירטע ווירטשאַפטן באַטרעפט 2,3 קילאָמעטער.

## אַרענדירונג פון פעלד

מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן דערויף, אַז די לעצטע צײַט האָבן די ייִדישע לאַנדווירטן געקומען מער צואַרענדירן ערד, ווײַל זיי פאַרלירן די ווײַטיקע פּרנסות זייערע און מוזן מער אָנקומען צו דער ערד, בכדי אַרויסצושלאָגן זייער חיונה. דאָ וועלן מיר ברענגען נאָך אייניקע פּרטים וועגן אָט דעם ענין אויפן סמך פון אונדזער אַנקעטע.

טאַב׳ XXXI ווײַזט, אַז העכער $^{1}/_{3}$ פון די אויסגעפאָרשטע בעלי-בתּישקייטן אַרענדירן צו פעלד.[1]

## טאַבעלע XXXI

### ייִדישע קליינע לאַנדווירט׳ בעלי-בתּישקייטן וואָס אַרענדירן צו ערד

| גרייס פון די בע״ב אין הא (נאָר אייגענע ערד) | צאָל בעלי-הבתּישקייטן | | | | | | אַלגעמיינער שטח פון אַרענדירטער ערד אין הא | דורכשניטלעכע גרייס פון אַרענדירטער ערד אין הא אויף איין בע״ב |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | וואָס אַרענדירן צו | | וואָס אַרענדירן ניט צו | | צוזאַמען | | | |
| | אַבס׳ | % | אַבס׳ | % | אַבס׳ | % | | |
| 0,5 — 2,0 . | 43 | 43,9 | 55 | 56,1 | 98 | 100,0 | 83,8 | 1,9 |
| 2,0 — 5,0 . | 33 | 34,7 | 62 | 65,3 | 95 | 100,0 | 62,7 | 1,9 |
| 5,0 — 20,0 . | 19 | 23,2 | 63 | 76,8 | 82 | 100,0 | 82,2 | 4,3 |
| 20,0 — 50,0 . | 2 | 33,3 | 4 | 66,7 | 6 | 100,0 | 5,2 | 2,6 |
| 0,5 — 50,0 . | 97 | 34,5 | 184 | 65,5 | [8]281 | 100,0 | 233,3 | 2,4 |

סך-הכּל אַרענדירן די אויסגעפאָרשטע ייִדישע בעלי-בתּישקייטן 233,3 הא ערד. אויף איין בע״ב אַזעלכער פאַלט אויס אין דורכשניט 2,4 אַרענדירטער ערד.

1 אויסער די 281 בע״ב האָט אונדזער אויספאָרשונג אַרומגענומען נאָך 2, וועלכע אַרבעטן נאָר אויף אַרענדירטער ערד.

די צוואַרענדירטע ערד איז אָבער נאָך ניט גענוג, ווי מיר האָבן דאָס געזען, אויף אויסצובעסערן די אַגראַרע סטרוקטור פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט.

די אַרענדירונג פֿון פֿעלד נעמט אָן אין די ייִדישע בעלי־בתּישקייטן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען: 1) פֿאַר געלט; 2) פֿאַר תּבֿואה; 3) פֿאַר שטאַלמיסט (אַ פּרימיטיווע פֿאָרם פֿון אַרענדע): דער אייגנטימער גיט איבער דעם אַרענדאַטאָר דאָס פֿעלד, בתּנאַי אַז ער זאָל דאָס באַמיסטיקן; שטאַלמיסט ווירקט אויף עטלעכע יאָר; 4) דער אַרענדאַטאָר גיט זײַן אַרבעט, זריעה, שטאַלמיסט און באַקומט דערפֿאַר אַ געוויסן, פֿאָרויס אָפּגערעדטן טייל פֿון גערעטעניש. דאָס זײַנען די געוויינטלעכע פֿאָרמען פֿון ערד־אַרענדע וואָס זײַנען נוהג אין דער געגנט.

פֿאַרקערט טרעפֿט אויך, אַז ייִדישע ערד־אייגנטימער גיבן אָפּ ערד אין אַרענדע, נאָר דאָס ווערט אַלץ זעלטענער.

## געבײַדעס

אַז די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט איז אָרעם, זעט מען באַלד דערפֿון, וואָס זי פֿאַרמאָגט צו ווינציק געבײַדעס, און אויך די וואָס זי פֿאַרמאָגט יאָ געפֿינען זיך אין אַ שלעכטן צושטאַנד. אַ גרויסן חלק אין דעם מצבֿ האָט די מלחמה. אַ גרויסער טייל פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן האָבן בײַם אָנהייב פֿון דער מלחמה פֿאַרלאָזן זייערע היימען, און זיי זײַנען חרובֿ געוואָרן. אויף אָפּבויען זיך ווי געהעריק צוריק האָבן די בעלי־בתּים קיין מיטלען ניט געהאַט. טרעפֿן מיר דעריבער אין די ייִדישע בעלי־בתּישקייטן, אַז די שטובן בעלי־חיים שטייען אין ניט־דערענדיקטע צימערן פֿון וווינהויז, אָדער אין די פֿירהײַזער. די שטאַלן זײַנען קליין, פֿינצטער, אָן לופֿט; אין די שטאַלן שטייען די קי צוזאַמען מיט די פֿערד, פֿיל ייִדישע ווירטשאַפֿטן האָבן ניט קיין שײַערן און האַלטן זייער תּבֿואה אין די אַ״ג „ברויגן" (4 שטאַנגען מיט אַ באַוועגלעכן שטרויענעם דאַך איבער זיי). אַנדערע געבײַדעס, חוץ אַ שטאַל און אַ שײַער, זײַנען אַן אויסנאַם אין די ייִדישע בעלי־בתּישקייטן. די שטאַלמיסט ווערט געהאַלטן אויף אַ פּרימיטיוון אופֿן. אַט ווי עס באַשרײַבט דאָס אַ טאָקטער פֿון אַ ייִדישן לאַנדווירט[1]: „דאָס מיסט ווערט בײַ אונדז געוויינטלעך געהאַלטן אין אַ גרובֿ אין מיטן הויף, ווו עס פֿליסט צונויף דאָס גאַנצע רעגן־וואַסער און שווענקט אַרויס אַלע דערנערונגס־שטאָפֿן. חוץ אַלעמען צעשאַרן עס די הינער איבער דעם גאַנצן הויף... דורך דעם אופֿן האַלטן ווערט די מיסט אין גאַנצן איבערגעפֿירט און טויג שוין ניט צו איר צוועק". אויך בײַ די ניט־ייִדישע לאַנדווירטן איז דער מצבֿ ניט בעסער, אָבער דערפֿון ווערט ניט גרינגער.

[1] „דער ייִדישער לאַנדווירט", 1936, נר׳ 1—2, רובריק: „שטימען פֿון קאָנקורסיסטן", די נאָטיץ פֿון הענע אורמאַן א״ג: „די מעטאָדן פֿון ראַצי; נעלן קאָנסערווירן דאָס מיסט".

אַ געוויסע ענדערונג צום בעסערן לאָזט זיך פֿאַרט מערקן די לעצטע צײַט אַ דאַנק דער טעטיקייט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן. אַזוי האָט די סטאַניסלאַווער ייִלאַג-דעלעגאַטור דורכגעפֿירט אין יאָר 1935 אַן אַקציע צו בויען מאָדערנע ראַציאָנעלע מיסטקאַסטנס. די ייִדישע לאַנדווירטן פֿון די דערפֿער טשערניעוו, כאָמיאַקווו, כריפּלין, טשיקעליק און צוציליוו בײַ סטאַניסלאַוו האָבן געקראָגן הלוואות אויף דעם צוועק אויף באַקוועמע באַדינגונגען און זיי האָבן זיך אויסגעבויט מאָדערנע בעטאָנענע מיסטקאַסטנס מיט אַ רעזערוואַר פֿאַר דער מיסט-פֿליסיקייט. די ייִדישע לאַנדווירטן פֿאַר זיך ווײַזן אויך אַרויס חשק צו בעסערע, באַקוועמערע געבײַדעס. אונדז איז באַוווּסט אַ פֿאַקט, ווי צוויי אונטערגעצוונדענע ייִדישע לאַנדווירטן האָבן, בײַם אָפּבויען זיך, אויסגעבויט באַקוועמע ליכטיקע שטאַלן מיט זשלויבן פֿאַר אינדיווידועלער פֿיטערונג פֿון די קי. אין אַן אַנדער דאָרף האָט אונדז אַ ייִדישער לאַנדווירט געוויזן מיט שטאָלץ דעם געמויערטן שטאַל מיט גרויסע פֿענצטער, געהעריקער ווענטילאַציע אד״גל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בויען.

דער סך-הכל איז, אַז פֿון 283 בעלי-בתישקייטן האָבן 129 אָדער 45,6 פּראָצ׳ ניט געהאַט די אַלע דרײַ נייטיקסטע געבײַדעס. 18 ייִדישע לאַנדווירטן האָבן בכלל ניט געהאַט קיין אייגענע געבײַדעס און האָבן געוווינט אין געדונגענע דירות. און אַפֿילו די 154 בעלי-בתישקייטן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַלע דרײַ נייטיקסטע געבײַדעס (אַ דירה, אַ שטאַל און אַ שײַער), האָבן נאָר 63 פֿון זיי געהאַט באַזונדערע בנינים פֿאַר יעדן צוועק.

אין פֿיל פֿון די אויסגעפֿאָרשטע ייִדישע בעלי-בתישקייטן געפֿינט זיך דאָס וווינהויז אונטער איין דאַך מיטן שטאַל. מיר טרעפֿן אויך דעם שטאַל אונטער איין דאַך מיטן שײַער, זעלטענער — אַלע 3 געבײַדעס אונטער איין דאַך, גאָר זעלטן — דאָס וווינהויז אונטער איין דאַך מיטן שײַער. טאַב׳ XXXII ווײַזט די איכות פֿון די געבײַדעס.

## טאַבעלע XXXII

די געבײַדעס[1] אין די ייִדישע לאַנדווירטש׳ בעלי-בתישקייטן אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט

| | בכלל | צאָל געבײַדעס | | צאָל געבײַדעס געדעקטע מיט | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | געמויערטע | הילצערנע | פֿײַערזיכערן מאַטעריאַל | האָלץ | שטרוי |
| אבס׳ | 580 | 31 | 549 | 185 | 124 | 271 |
| % | 100,0 | 5,3 | 94,7 | 31,9 | 21,4 | 46,7 |

1 פֿאַר איין געבײַדע נעמען מיר אָן אַלץ וואָס געפֿינט זיך אונטער איין דאַך.

## טויטער אינווענטאַר

אויף 1562 בעלי-בתּישקייטן האָבן לויט דער יִקאַ-סטאַטיסטיק גאַנצע 571 (36,6 פּראָצ׳) נישט געהאַט קיין שום מכשירים. לויט אונדזער אַנקעטע האָבן פון 283 בעלי-בתּישקייטן שוין נאָר 47 (16,6 פּראָצ׳) נישט געהאַט קיין שום מכשירים. די צאָל בע״ב מיט פאַרשיידענע מינים מכשירים האָט באַטראָפן:

| | לויט דער יִקאַ-סטאַטיסטיק | | לויט אונדזער אַנקעטע | |
|---|---|---|---|---|
| | צאָל בע״ב מיט | פון 100 בע״ב האָבן געהאַט: | צאָל ווירטשאַפטן מיט | פון 100 בע״ב האָבן געהאַט: |
| אַקעראײַזנס . . . . . | 659 | 42,2 | 164 | 58,0 |
| בראָנעס . . . . . . | 642 | 41,0 | 159 | 56,2 |
| אַרומשיטערס . . . . | 121 | 7,7 | 67 | 23,7 |
| קולטיוואַטאָרס . . . . | 23 | 1,5 | 7 | 2,5 |
| סעטשקאַרניעס . . . . | 779 | 49,9 | 188 | 66,4 |
| וויאַלקעס אין מילכלעך . | 259 | 16,6 | 71 | 25,1 |
| דרעש-מאַשינעס . . . | 47 | 3,0 | 8 | 2,8 |
| מאַנעזשן . . . . . . | 44 | 2,8 | 19 | 6,7 |
| זייערס . . . . . . . | 19 | 1,2 | 8 | 2,8 |
| וואַלן . . . . . . . | 12 | 0,8 | 23 | 8,1 |
| צענטריפוגעס . . . . | 233 | 14,9 | 70 | 24,7 |
| פורן . . . . . . . . | — | — | 193 | 68,2 |

אונדזער אַנקעטע האָט אַרויסגעוויזן אַ גרעסערן פּראָצענט בעלי-בתּישקייטן מיט מכשירים און אַ גרעסערע דורכשניטצאָל פון מכשירים אויף איין בעלי-בתּישקייט ווי די סטאַטיסטיק פון יִקאַ. אין משך פון די 4—5 יאָר צווישן די צוויי אויספאָרשונגען האָט זיך בכן דער מצב אין דעם פּרט עטוואָס פאַרריכט. מען מעג משער זײַן, אַז די מכשירים זײַנען אײַנגעשאַפט געוואָרן פאַר די הלוואות פון יִקאַ. נאָר אַפילו דער מצב וואָס עס ווײַזט אונדזער אַנקעטע איז ווײַט ניט קיין באַפרידיקנדיקער. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז 16,6 פּראָצ׳ פון אַלע אויסגעפאָרשטע בעלי-בתּישקייטן האָבן גיט קיין איין מכשיר פון די אָנגעװּפּענע, 42,0 פּראָצ׳ האָבן קיין אַקער-אײַזן, דער יסוד פון דער לאַנד-ווירטשאַפט, און 43,8 פּראָצ׳ האָבן ניט קיין בראָנע. צום מיינסט פאַרשפּרייט איז די סעטשקאַרניע, אָבער דאָס איז אַ מכשיר וואָס עס פאַרמאָגט יעדער יעדער קליין-שטעטלשער ייִד וואָס האַלט אַ בהמה. דער לפי ערך גרויסער פּראָצענט צענטריפוגעס נעמט זיך דערפון וואָס אין די דערפער וואָס ליגן ווײַט פון אַ שטאָט לוינט זיך מער איבערצואַרבעטן די מילך, און טיילווײַז אויך דערפון וואָס אייניקע ייִדישע לאַנדווירטן פירן אַ מילכיקערײַ אין אַ קליינעם

פֿאַרמאָגט. זייער קליין איז די צאָל גרעסערע מאַשינעס אין די ייִדישע בעלי־בתּישקייטן. אויף איין בע״ב פֿאַלט אויס (לויט די רעזולטאַטן פֿון אונדזער אַנקעטע) קוים 0,03 דרעשמאַשין, 0,01 זייער און 0,01 קולטיוואַטאָר. קליינע בעלי־בתּישקייטן קענען זיך ניט פֿאַרגינען צו קויפֿן אַזעלכע מאַשינעס איטלעכע פֿאַר זיך. פּראָגרעסיווערע לאַנדווירטן פֿאַראייניקן זיך אין קאָאָפּעראַטיוון כּדי אײַנצוקויפֿן אַט די מאַשינעס בשותּפֿות. די ייִדישע לאַנדווירטן אין דער טשעכאָסלאָוואַקײַ איז שווער דאָס אויסצופֿירן, ווײַל זיי וווינען צעוואָרפֿן, מיר האָבן אָבער געטראָפֿן איינצלנע פֿאַלן, ווען ייִדישע לאַנדווירטן האָבן געהערט צו אַ ניט־ייִדישן מאַשינען־קאָאָפּעראַטיוו. מען דאַרף אויך פֿאַרצייכענען, אַז די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון הייבן אָן צו זאָרגן אויך וועגן דעם. אַזוי למשל פֿאַרמאָגט דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט־לעכער פֿאַרבאַנד אין טשאָרטאָוויעץ אַ דרעש־גאַרניטור און דער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער פֿאַרבאַנד אין טשערניעוו אַ זייער וועלכן עס באַנוצן זײַערע מיט־גלידער. אַזוינס קאָן מען אָבער טון נאָר אין געצײלטע ערטער, וווּ עס געפֿינען זיך אַ גרעסערע צאָל ייִדישע לאַנדווירטן.

### טאַבעלע XXXIII

די פֿאַרזאָרגונג מיט אַקער־אײַזנס און בראָנעס לויט דער גרייס פֿון דער ווירטשאַפֿט[1]

| | ווירטשאַפֿטן בכלל | | פֿון דעם מיט הא 2,0—0,5 | | 5,0—2,0 | | 20,0—5,0 | | 50,0—20,0 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אבס׳ | % | אבס׳ | % | אבס׳ | % | אבס׳ | % | אבס׳ | % |
| מיט ביידע מכשירים . | 153 | 54,1 | 20 | 20,4 | 52 | 54,7 | 75 | 91,5 | 6 | 100,0 |
| מיט איינעם פֿון די מכשירי׳ | 14 | 5,0 | 8 | 8,2 | 4 | 4,2 | 2 | 2,4 | — | — |
| אָן ביידע מכשירים . . | 114 | 40,9 | 70 | 71,4 | 39 | 41,1 | 5 | 6,1 | — | — |
| צוזאַמען . . . | 281 | 100,0 | 98 | 100,0 | 95 | 100,0 | 82 | 100,0 | 6 | 100,0 |

פֿון טאַבעלע XXXIII זעען מיר, אַז נאָר עפּעס מער פֿון אַ העלפֿט (54,1 פּראָצ׳) אויסגעפֿאָרשטע בע״ב פֿאַרמאָגן די 2 עלעמענטאַרסטע מכשירים פֿון יעדער לאַנדווירטשאַפֿט — דעם אַקער־אײַזן און בראָנע. דער פּראָצענט בע״ב, וועלכע פֿאַרמאָגן ביידע מכשירים, וואַקסט מיט דער גרייס פֿון די בע״ב.

## די קולטיווירונג פֿון די געוויקסן און באַאַרבעטונג פֿון באָדן

די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין טשעכאָסלאָוואַקײַ וואָיעוואָדשאַפֿט, וועלכע איז לפֿי ערך ניט לאַנג אויפֿגעקומען, בילדעט נאָר אַ קליינעם טייל פֿון דער

[1] נעמענדיק אין אַכט נאָר די אייגענע ערד.

אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער געגנט. ניט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די ייִדישע לאַנדווירטן האָבן איבערגענומען די אַרבעט-מעטאָדן בײַ די ניט-ייִדישע, מיט אַלע גוטע און שלעכטע זײַטן פֿון דער זאַך. דער עיקר מערקט זיך עס בײַ דער קולטיווירונג פֿון די געוויקסן און באַאַרבעטונג פֿון באָדן. אייניקע אונטערשיידן לאָזן זיך דאָך מערקן, וועלכע מיר וועלן אויפֿן געהעריקן אָרט אָנווײַזן.

קולטיווירטע געוויקסן. בדרך כּלל קולטיווירן די ייִדישע לאַנדווירטן אַלע געוויקסן, וועלכע ווערן קולטיווירט אין דער געגנט. איין אויסנאַם איז אָבער בנוגע פֿלאַקס און קאָנאָפּלעס, וועלכע די ייִדישע לאַנדווירטן זייען ניט. דאָס איז דערפֿאַר וואָס די ייִדישע לאַנדווירטן נוצן ניט אויף בגדים אייגן געוועבטע לײַוונט, ווי דאָס טוען די אוקראַיִנישע פּויערים. נאָר אין אַ קליינעם סכום, אויך ניט אויף אַ באַזונדער פֿעלד, נאָר צווישן אַנדערע געוויקסן, זייט דער ייִדישער לאַנדווירט קאָנאָפּלעס, כּדי צו האָבן אייגענע שטריק, פּאָסט-ראָנקעס אד"גל. ער לאָזט אַמאָל די קאָנאָפּלעס וואַקסן, ביז עס ווערן צײַטיק זאָמען, פֿון וועלכע ער מאַכט אייל. אַ גאַנצע ריי נוציקע געוויקסן, ווי באָביק, לובין, סעראַדעלע, סאָיע, הייליקרײַטעכצער א"אַ, קולטיווירן בכלל ניט די לאַנדווירטן פֿון יענער געגנט, ניט די ייִדישע ניט די קריסטלעכע. לעצטנס האָבן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אינסטרוקטאָרן געפּרוווט עפּעס טון אין דעם פּרט. צוקער-בוריקעס קאָנען די קליינע לאַנדווירטן ניט קולטיווירן. די צוקער-פֿאַבריקן אין האָראָדענקע און כאָדאָרעוו, פֿאַר וועלכע עס שטעלן צו צוקער-בוריקעס די לאַנדווירטן פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט, נעמען דעם רווישטאָף דער עיקר פֿון גרויסע הויפֿן. מיר האָבן געטראָפֿן פֿאַלן, ווען ייִדישע קליינע לאַנדווירטן האָבן קולטיווירט צוקער-בוריקעס; אָבער דאָס איז ס'רובֿ געשען אונטער דער פֿירמע פֿון שכנותדיקן הויף. מיט אַ געוויסער צײַט צוריק פֿלעגן די ייִדישע לאַנדווירטן פֿון די דערפֿער בײַ האָראָדענקע נאָך באַקומען ליווערונגען פֿאַר דער צוקער-פֿאַבריק, לעצטנס האָט דאָס אויפֿגעהערט. לויט די תּנאים פֿון קלימאַט און ערד קאָן מען אין פּאָקוציע קולטיווירן טאַבאַק, און דאָס ווערט טאַקע דאָרט געטאָן זינט דער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם י"ה. דער קליינער לאַנדווירט האָט גרויס נוצן פֿון טאַבאַק-פּלאַנצונג. זי ברענגט אַרײַן מזומן און גיט באַשעפֿטיקונג דער גאַנצער פֿאַמיליע. (מען האָט אויסגערעכנט, אַז בײַ 1 האַ טאַבאַק-פּלאַנטאַציע מוזן זײַן פֿאַרנומען 6 שטענדיקע קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער פֿון אַפּריל ביז אָקטאָבער.[1] דער מלוכה-מאָנאָפּאָל פֿאַר טאַבאַק האָט געעפֿנט אַ טאַבאַק-פֿאָרשונג-סטאַציע אין פּיאַדיק בײַ קאָלאָמיי און פּראָפּאַגאַנדירט צווישן די קליינע לאַנדווירטן, זיי זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט קולטיווירן טאַבאַק. פֿאַראַן

1 פֿאַרגלײַך Inż. Wł. Przybysławski — Uniż, wieś powiatu horodeńskiego. Warszawa 1933.

אויך צווישן ייִדישע לאַנדווירטן פּלאַנטאַטאָרס פֿון טאַבאַק. די לעצטע צײַט אָבער באַגעגענען זיי שוועריקייטן, ווען זיי ווילן באַקומען פֿון מלוכה־מאָנאָפּאָל אַ קאָנטינגענט אויף קולטיווירן טאַבאַק. דערפֿאַר אָבער האָבן די ייִדישע לאַנדווירטן ביז נאָך מיט אַ געוויסער צײַט צוריק געהאַט דעם „מאָנאָפּאָל“ אויף צוצושטעלן „שמורה־ווייץ“ אויף פּסח. בײַ הײַנטיקן טאָג איז דאָס אויך אַ קנאַפּע סחורה.

אין אייניקע דערפֿער טרעפֿן מיר ספּעציפֿישע קולטורן בײַ די ייִדישע לאַנדווירטן. אַזוי למשל טרעפֿט מען אין דער געגנט פֿון זאַבלאָטאָוו די קולטי־ווירונג פֿון פּאַסאָלעס אויף עקספּאָרט, אין טשערניעוו, כאָמיאַקוו און אַנדערע דערפֿער בײַ סטאַניסלאָוו פֿלאַנצן די ייִדישע לאַנדווירטן טריסקאַווקעס, וועלכע זיי פֿאַרקויפֿן אין שטאָט אָדער אין די דערבײַיִקע קורערטער. אין אייניקע דערפֿער פֿון שניטינער פּאָוויאַט נאָטירן די ראַפּאָרטן פֿון די ייִקאַ־אַגראָנאָמען די קולטיווירונג פֿון ציבעלע אין פֿעלד אַאַז"וו.

בײַם אויספֿילן די רובריק: „ספּעציפֿיקאַציע פֿון די קולטורן“ פֿון אונדזער אַנקעטע האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אויף שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט אין דעם אַרײַנפֿיר. הײַנו: די בעלי־בתּים פֿון דעם רובֿ אויסגעפֿאָרשטע בעלי־בתּישקייטן האָבן אונדז ניט געקאָנט געבן קיין גענויע תּשובֿות, ווײַל זיי האָבן אַליין ניט געוווּסט, ווי גרויס עס זײַנען בײַ זיי די שטחים פֿאַר באַזונדערע געוויקסן. דער סך־הכּל פֿון די שטחים וואָס זיי גיבן אָן שטימט ניט דאָס רובֿ מיט דעם שטח אַקערפֿעלד פֿון דער שײַכותדיקער בעלי־בתּישקייט. מיר רעכענען אָבער, אַז די פּראָפּאָרץ צווישן די געהעריקע שטחים איז דאָך אַ ריכטיקע, און דאָס איז דאָך דער עיקר. מיט דער באַוואָרעניש דאַרף מען באַטראַכטן טאַב׳ XXXIV וועגן די פֿאַרזייטע שטחים מיט באַזונדערע געוויקסן (לויט אונדזער אַנקעטע).

## טאַבעלע XXXIV

דער פֿאַרזייטער שטח לויט באַזונדערע קולטורן אין סטאַניסל׳ וואָיעוו׳ (אין $^0/_0$)

| גערוקס | ייִדישע לאַנדווירט־שאַפֿט (לויט אונדזער אַנקעטע) | אַלגעמיינע לאַנדווירט־שאַפֿט (לויט דעם הויפּט־סטאַט׳ אַמט) |
|---|---|---|
| ווייץ . . . . . . . . . | 17,7 | 16,2 |
| קאָרן . . . . . . . . . | 19,9 | 18,6 |
| גערשטן . . . . . . . . | 5,3 | 5,9 |
| האָבער . . . . . . . . | 19,1 | 14,9 |
| קוקורודזע . . . . . . . . | 10,3 | 8,7 |
| קאַרטאָפל . . . . . . . | 15,1 | 19,2 |
| פּאַשע־בוריקעס . . . . . | 1,2 | — |
| אַנדערע . . . . . . . . | 11,4 | 16,5 |
| צוזאַמען . . . | 100,0 | 100,0 |

די טאַבעלע ווײַזט, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין אונטערשיידן אין תּוך צווישן דער ייִד׳ און אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפֿט אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט. 62,0 פּראָצ׳ פֿון גאַנצן פֿאַרזייטן שטח אין די ייִד׳ בע״ב פֿאַרנעמען די פֿיר הויפּט-תּבֿואות (ווייץ, קאָרן, גערשטן און האָבער). אין די איינציקע טיילן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט בײַט זיך די פּראָפּאָרץ צווישן די פֿאַרזייטע שטחים מיט די באַזונדערע תּבֿואות. אין דער פּאָקוציע-געגנט למשל האָט די איבערוואָג ווייץ; אין קאַרפּאַטן-ראַיאָן — האָבער אד״גל. זייער קליין איז דער פּראָצענט פּאַשע-בוריקעס, וואָס זײַנען זייער וויכטיק פֿאַר דער בהמות-האָדעוואַניע.

דער פּרוכטנבײַט. פּרוכטנבײַט הייסט אַ פֿאָרויס באַשטימטער פֿאַרזיי-סדר פֿון די איינציקע געוויקסן אָדער גרופּעס געוויקסן (ווינטערדיקע, זומער-דיקע, באַהאַק-געוויקסן אד״גל) אין אַ פֿאָרויס באַשטימטער פּראָפּאָרץ.

אין קיין שום ייִדישער בעלי-בתּישקייט האָבן מיר ניט געטראָפֿן קיין אײַנגעשטעלטן פּרוכטנבײַט. די ייִד׳ לאַנדווירטן פֿאַרזייען זייערע פֿעלדער געוויינלעך אָן דער צײַטווײַליקער באַדערפֿעניש. אין די באַזונדערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ראַיאָנען פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט לאָזן זיך מערקן אונטערשיידן בנוגע דעם פֿאַרזיי-סדר. אין דעם פּאָקוציע-ראַיאָן טרעט אָפֿט אַרויס אין פֿאַרזיי-סדר קוקורוזע, וואָס פֿאַרנעמט אַ גוטע שטעלונג: באַלד אויף דעם געמיסטיקטן פֿעלד אָדער אין 2טן יאָר נאָך דער באַמיסטיקונג. באַמיסטיקט ווערן אויך ווייץ, קאַרטאָפֿל און אַפֿילו האָבער. קאָניטשינע ווערט אַרײַנגעזייט אָפֿטער אין ווינטערדיקע איידער אין זומערדיקע תּבֿואות. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס וואָס ווייץ קומט נאָך קוקורוזע אָדער נאָך קאַרטאָפֿל. פֿון דער שטעלונג געניסט אויך קאָרן.

אין אונטערקאַרפּאַטן-ראַיאָן טרעט שוין די קוקורוזע אַרויס זעלטענער אין פֿאַרזיי-סדר, און אין קאָנקורענץ פֿאַר דעם פֿול-באַמיסטיקטן פֿעלד טרעט זי אָפּ אָפֿט די בכורה קאַרטאָפֿל אָדער ווייץ.

אין דעם נידעריקסטן טייל פֿון קאַרפּאַטן-ראַיאָן לאָזן זיך נאָך ניט מערקן קיין גרעסערע אונטערשיידן אין פֿאַרזיי-סדר אין פֿאַרגלײַך מיט די פֿריִער דערמאָנטע ראַיאָנען. אין די העכערע טיילן פֿון דעם ראַיאָן קומט די קוקורוזע זעלטענער, און אַ טייל פֿון שטאַלמיסט באַקומען שוין אַפֿילו די קאָרנ-פֿעלדער. אין עכטבאַרגיקן טייל פֿון ראַיאָן באַקומט די איבערוואָג צווישן די געוויקסן דער האָבער און די פֿיליערי קע קאָניטשינע. אַנדערע תּבֿואות האָבן דאָ ניט קיין גינציקע באַדינגונגען פֿאַר אַנטוויקלונג און ווערן דאָ זעלטן געזייט, נאָר פֿאַר דעם אייגענעם געברויך. אין דער שטרעבונג צו פֿאַרגרעסערן די קולטיווירונג פֿון תּבֿואות, איבערהויפּט — פֿון האָבער, פֿאַראַקערט מען דאָ יעדע עטלעכע יאָר לאָנקעערד און מען זייט האָבער. נאָכן אַראָפּנעמען דעם האָבער פֿאַרוואַקסט די לאָנקע גיך צוריק מיט גראָזן, וועלכע האָבן דאָ גינ-ציקע וועגעטאַציע-באַדינגונגען, און דינט ווידער צו איר פֿריִערדיקן ציל.

אין דעם ראַיאָן בײַם דנעסטער מערקט זיך אַ שטרעבונג צו פֿאַרגרעסערן דעם סכום תּבֿואות אויפֿן חשבון פֿון די פּאַשע-געוויקסן. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל אָט דער ראַיאָן פֿאַרמאָגט אַ סך גוטע פּאַשעס.

דער ייִדישער לאַנדווירט באַנוצט ניט קיין אייגנאַרטיקן פֿאַרזיי-סדר. ער פּאַסט זיך שטענדיק צו אין דעם פּרט צו די אָנגענומענע מנהגים פֿון זײַן געגנט. די אָנגענומענע מנהגים אָבער שטייען ליידער צו אָפֿט אין סתירה מיט די יסודות פֿון דער מאָדערנער אַגראָנאָמיע.

די באַאַרבעטונג פֿון דער ערד, באַמיסטיקונג, פֿאַרזיי. די לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַוואָער וואָיעוואָדשאַפֿט שטייט נאָך אויף אַ גאַנץ נידעריקן שטאַנד. ניט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די ייִדישע לאַנדווירטן באַגייען אַ גאַנצע רײ פֿעלערן אין דער באַאַרבעטונג פֿון באָדן, באַמיסטיקונג, פֿאַרזיי אד״גל. קודם כּל האָבן די ייִדישע לאַנדווירטן ניט די געהעריקע פֿאַר-שטענדעניש פֿאַר די יסודות פֿון דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפֿט. אַזוי למשל דערשאַצן זיי ניט דעם נוצן פֿון אונטערוואַרפֿן די פֿעלדער, און בפֿרט פֿאַר-שטייען זיי ניט, ווי נייטיק עס איז די דאָזיקע אַרבעט זאָל אָפּגעטאָן ווערן אין דער צײַט. דאָס זעלביקע איז בנוגע אַקערן טיף און אין ברייטע סקלאַדן, וכדו׳. דער ייִדישער לאַנדווירט נעמט אָן פֿאַר קודש-קדשים אַלץ וואָס עס טוט דער שכן דער קריסט. פּונקט ווי יעדער לאַנדווירט איז אויך דער ייִדישער שטאַרק קאָנסערוואַטיוו.

די נאַטירלעכע באַמיסטיקונג פֿון די פֿעלדער ווערט ניט אַלע מאָל דורכ-געפֿירט ראַציאָנעל. שטאַלמיסט למשל ווערט געגעבן ניט נאָר אונטער קאַרטאָפֿל, קוקורוזע, ווייץ, נאָר אַפֿילו אונטער קאָרן און האָבער. בכלל איז שטאַרק די אמונה אין דער שטאַלמיסט, מען זאָרגט אָבער ניט גענוג אויף עס צו קאָנסער-ווירן אין אַ גוטן צושטאַנד. דער ייִדישער לאַנדווירט האַלט ווייניק פֿון קינסט-לעכער באַמיסטיקונג און פֿאַרשטייט זיך ווייניק דערויף. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז דער ענטפֿער: „פֿרעגט מיך בחרם“, וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון אַ ייִדישן לאַנדווירט אויף אונדזער פֿראַגע, וועלכע קינסטלעכע מיסטן ער באַנוצט. דער דאָזיקער ענטפֿער איז ליידער דער ריינער אמת. אַלע קינסט-לעכע מיסטן רופֿן די ייִדישע לאַנדווירטן אָן מיטן כּלל-נאָמען „מאָנטשקע“, און זיי באַנוצן זיי ניט צו וויסן ווי אַזוי. עס איז קיין חידוש ניט, וואָס עס קומט גאָרנישט אַרויס, און זיי פֿאַרלירן אין גאַנצן די אמונה אין דער וויר-קעוודיקייט פֿון דער קינסטלעכער באַמיסטיקונג. בכלל קאָנען ייִדישע לאַנד-ווירטן נאָר זעלטן באַנוצן קינסטלעכע באַמיסטיקונג, ווײַל זיי האָבן ניט פֿאַר וואָס צו קויפֿן. די אַ״ג „גרינע מיסטן“ (געוויקסן פֿון דער משפּחה מאַטלע-בלומיקע ווי לובין, וויקע אד״גל, וואָס האָבן אין זיך אַ גרויסן סכום אַזאָט, און ווערן דעריבער פֿאַראַקערט ווי באַמיסטיקונג) ווערן אין גאַנץ סטאַניסלאַוואָער וואָיעוו׳ ליידער ניט באַנוצט, חוץ אין דעם דנעסטער-ראַיאָן.

דער פאַרזיי ווערט אין גרעסטן טייל יידישע בעלי-בתּישקייטן אויסגע-פירט מיט דער האַנט. עס איז פשוט ניטאָ קיין געלט צו קויפן די נייטיקע מאַשינעס. אין אַ דאָרף ווו עס טרעפט, אַז איין בעל-הבית קאָן זיך יאָ פאַרגינען אַ זיימאַשין, אַנטלייען עס ביי אים גערן זיינע שכנים. וועגן דער גוטער קוואַ-ליטעט פון די זוימען ווייס דער יידישער לאַנדווירט ניט צו זאָרגן, ער קויפט איין וואָס עס מאַכט זיך; על פי רוב ווייס ער אפילו ניט, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גאַטונגען. דאָס רופט זיך אָפּ נאַטירלעך שלעכט אויף דער גערעטעניש.

אויף אַראָפּצונעמען די תּבֿואות ווערט באַנוצט, ווי כמעט אין גאַנץ מזרח-גאַליציע, דער סערפּ, וואָס אין אַנדערע געגנטן פון פוילן, למשל אין פויזנער געגנט, איז ער שוין פאַרשוווּנדן. געדראָשן ווערט ס'רובֿ מיט דרעש-פלאַקנס. די דרעשמאַשין באַווייזט זיך זעלטן אין די יידישע קליינע בעלי-בתּישקייטן.

היות ווי דער יידישער לאַנדווירט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו' באַנוצט די זעלביקע מעטאָדן אין דער אַרבעט ווי דער קריסטלעכער, ממילא זיינען די גערעטענישן ביי אים די זעלביקע וואָס טרעפן זיך בכלל אין דער געגנט. דעריבער פאַרשפּאַר איך דאָ צו ברענגען ציפערדיקע ידיעות. ווען אין אַ יידישן דאָרף געפינט זיך אַ גרעסערע ווירטשאַפט מיט אַ העכערן לאַנדווירטשאַפטלעכן ניוואָ, קאָן דאָס ווירקן אויף צו פאַרבעסערן די אַרבעט-מעטאָדן פון די יידישע קליינע לאַנדווירטן אין דאָרף, אויב דער בעל-הבית פון דער גרעסערער ווירטשאַפט האָט געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן.

סעדערײַ. אין די יידישע ווירטשאַפטן האָבן מיר כמעט ניט געטראָפן קיין סעדער, וועלכע זאָלן ברענגען זייערע בעלי-בתּים הכנסה. צו עטלעכע אויבסביימער קען מען טרעפן אין פיל ווירטשאַפטן, אָבער זיי האָבן אַ קליינעם ווערט, ווייל קיינער גיט זיך ניט אָפּ מיט זיי. בלויז אין דער געגנט פון קאָסעוו טרעפן מיר אין די יידישע ווירטשאַפטן אַ"ג האַנדלסעדער. זייערע בעלי-בתּים האָבן אויך קעסלען אויף צו פּרעגלען פּרוכט-פּאַווידלע און טריקנפלעצער צו טריקענען די פּרוכט. אין דער געגנט טרעפט מען יידישע סאַדאָווניקעס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט זייער פאַך לאַנגע יאָרן און צייכענען זיך אויס אין אים.

### לעבעדיקער אינווענטאַר

ווי ווייט די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע בעלי-בתּישקייטן וואָס מיר האָבן אויסגעפאָרשט זיינען פאַרזאָרגט מיט לעבעדיקן אינווענטאַר, ווייזן די ווייטערדיקע ציפערן:

| | צאָל | אויף 1 ווירטשאַפט |
|---|---|---|
| רינדער . . . . . . . . . . | 608 | 2,2 |
| פערד . . . . . . . . . . . | 260 | 0,9 |

| | צאָל | אויף 1 ווירטשאַפֿט |
|---|---|---|
| שעפּסן . . . . . . . . . . . | 20* | 0,1 |
| ציגן . . . . . . . . . . . | 54 | 0,2 |
| הינער . . . . . . . . . . . | 4969 | 17,6 |
| קאַטשקעס . . . . . . . . . | 583 | 2,1 |
| גענדז . . . . . . . . . | 324 | 1,1 |
| בינען-ראָיען . . . . . . . . | 80** | 0,3 |

מיר זעען, אַז 1) אויף איין ווירטשאַפֿט פֿאַלט אויס עטוואָס מער ווי 2 שטיק רינדער און ניט קיין גאַנצער פֿערד; 2) האָדעווען שעפּסן איז אין די ייִדישע ווירטשאַפֿטן ווייניק פֿאַרשפּרייט; דאָס קומט אויך דערפֿון, וואָס די ייִדישע לאַנדווירטן באַנוצן ניט קיין אייגן געוועבט געוואַנט; 3) די ציג איז, ווײַזט אויס, אַ „ייִדישע בהמה" אין שטעטל, אָבער ניט אין דאָרף; 4) פֿון עופֿות האָדעווען די ייִדישע לאַנדווירטן צו מייַנסט הינער, אַ סך ווייניקער קאַטשקעס און נאָך ווייניקער געגנדז; 5) האָדעווען בינען איז דערווײַל נאָך ווייניק פֿאַרשפּרייט אין די ייִד׳ בעלי-בתּישקייטן.

## טאַבעלע XXXV

### די פֿאַרזאָרגונג פֿון די ייִדישע בעלי-בתּישקייטן מיט רינדער

| | ווירטשאַפֿטן | |
|---|---|---|
| | אַבס׳ | % |
| אָן רינד . . . . . . . | 38 | 13,4 |
| 1 שטיק . . . . . . . | 81 | 28,6 |
| 2 און 3 שטיק . . . . . . | 116 | 41,0 |
| מער ווי 3 שטיק . . . . . | 48 | 17,0 |
| צוזאַמען . . . . . | 283 | 100,0 |

די טאַבעלע ווײַזט, אַז די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן זײַנען נאָך שוואַך פֿאַרזאָרגט מיט דעם וויכטיקסטן שטובּיקן בעל-חי. 13,4 פּראָצ׳ פֿון די אויס-געפֿאָרשטע ווירטשאַפֿטן האָבן בכלל ניט קיין רינד און 28,6 פּראָצ׳ האָבן נאָר צו איין שטיק. אויף איין שטיק רינד פֿאַלט אויס 2,2 העקטאַר אייגן פֿעלד און 2,6 העקטאַר אייגנס מיט אַרענדירטס. פֿון די 608 שטיק רינדער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין די אויסגעפֿאָרשטע ווירטשאַפֿטן, זײַנען געווען 466 מילכקי (76,7 פּראָצ׳), 98 יאַלאָווקעס (16,1 פּראָצ׳), 27 קעלבלעך, (4,4 פּראָצ׳), 5 בײַקן (2,5 פּראָצ׳) און 2 אָקסן (0,3 פּראָצ׳).

* דערפֿון 13 אין 1 בע״ב. ** דערפֿון 56 אין 1 בע״ב.

טאַבעלע XXXVI ווייזט, ווי וויט די צאָל מילכקי אין אַ בעלי-הבתישקייט איז געווענדט אָן דער גרייס פון איר ערד-שטח.

## טאַבעלע XXXVI

### די יִדישע ווירטשאַפטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט לויט דער צאָל מילכקי אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס

| ווירטשאַפטן | אַלע ווירטשאַפטן: ווירטשאַפטן אַבס׳ | אַלע ווירטשאַפטן: ווירטשאַפטן % | אַלע ווירטשאַפטן: צאָל קי | 0,5 — 2,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 0,5 — 2,0 הא: ווירטשאַפטן % | 0,5 — 2,0 הא: צאָל קי | 2,0 — 5,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 2,0 — 5,0 הא: ווירטשאַפטן % | 2,0 — 5,0 הא: צאָל קי | 5,0 — 20,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 5,0 — 20,0 הא: ווירטשאַפטן % | 5,0 — 20,0 הא: צאָל קי | 20,0 — 50,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 20,0 — 50,0 הא: ווירטשאַפטן % | 20,0 — 50,0 הא: צאָל קי |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אָן קי . . . | 38 | 13,4 | — | 23 | 31,9 | — | 12 | 11,5 | — | 2 | 2,0 | — | 1 | 12,5 | — |
| מיט 1 קי . . | 109 | 38,5 | 109 | 40 | 55,6 | 40 | 50 | 48,1 | 50 | 19 | 19,2 | 19 | — | — | — |
| מיט 2—3 . | 115 | 40,7 | 263 | 9 | 12,5 | 18 | 42 | 40,4 | 91 | 61 | 61,6 | 146 | 3 | 37,5 | 8 |
| מיט מער ווי 3 | 21 | 7,4 | 94 | — | — | — | — | — | — | 17 | 17,2 | 73 | 4 | 50,0 | 21 |
| צוזאַמען . | 283 | 100,0 | 466 | 72 | 100,0 | 58 | 104 | 100,0 | 141 | 99 | 100,0 | 238 | 8 | 100,0 | 29 |
| % פון אַלע ווירט׳ | 100,0 | × | × | 25,4 | × | × | 36,8 | × | × | 35,0 | × | × | 2,8 | × | × |
| " " " קי | × | × | 100,0 | × | × | 12,5 | × | × | 30,2 | × | × | 51,1 | × | × | 6,2 |

פון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז: 1) 13,4 פראָצ׳ פון אַלע אויסגעפאָרשטע ווירטשאַפטן האָבן אין גאַנצן ניט קיין מילכקי און 38,5 פראָצ׳ — נאָר איין מילכקו; 2) דער פראָצענט ווירטשאַפטן אָן קי ווערט קלענער, וואָס גרעסער עס איז די קאַטעגאָריע ווירטשאַפטן (די ווירטשאַפטן 20,0 — 50,0 הא נעמען מיר ניט אין אַכט מחמת זייער קליינער צאָל); 3) בערך 60 פראָצ׳ פון דער אַלגעמיינער צאָל קי געפינען זיך אין די ווירטשאַפטן פון איבער 5,0 העקטאַר די גרייס. אויף איין ווירטשאַפט פאַלט אויס 1,6 מילכקי.

בדרך כלל פילנעווען די יִדישע לאַנדווירטן גוט זייערע קי, זוכן צו פיטערן זיי וואָס בעסער און צו האַלטן זיי וואָס ריינער. גוטע, ליכטיקע און לופטיקע שטאַלן טרעפט מען גאָר זעלטן אין די יִדישע בעלי-בתישקייטן, זייערע בעלי-בתים זיינען צו אָרעם, בכדי צו בויען בעסערע שטאַלן, און האָבן צום טייל אויך ניט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך.

די זומער-פיטערונג שטיצט זיך דער עיקר אויף פאַשע. ווי אַ צוגאָב באַקומען נאָך די קי שוין אין שטאַל גרינע לוצערנע, קאָניטשינע, אַ „פאָילע" אד"גל. אין די דערפער, ווו עס זיינען פאַראַן ווינציק פאַשעפעלדער, ווערן די קי געהאַלטן אַ גאַנץ יאָר אין שטאַל. די ווירטשאַפטן זייען אין אַזאַ פאַל מער אַ"ג גרינע פאַשע. אין אייניקע דערפער אַזעלכע לאָזן די לאַנדווירטן איבער אַ טייל פעלדער ניט פאַרזייט, צווייענדיק אָפט מאָל ווייסע קאָניטשינע אד"גל,

און פּאַשען אויף זיי די קי. נאָך עטלעכע יאָר פֿון אַזאַ באַנוץ ווערן די פֿעלדער ווידער פֿאַראַקערט און פֿאַרזייט, און אַנדערע פֿעלדער ווערן איבערגעלאָזן אויף פּאַשע. די ווינטער־פֿיטערונג באַשטייט דער עיקר פֿון קאַרטאָפֿל, פּאַשע־בוריקעס, וועלכע ווערן געזייט אַלץ מער, און סעטשקע. פֿון גרונטיקן פֿוטער ווערט גענוצט קלײַען, זעלטענער — אויך מאַקוכעס.

וועגן אינדיווידועלער פֿיטערונג פֿון די קי ווייסן נאָך דערווײַל די ייִדישע לאַנדווירטן ניט, הגם זיי פֿאַרשטייען, אַז אַ קו וואָס גיט מער מילך דאַרף ווערן בעסער געפֿיטערט.

פֿון די 608 שטיק רינדער, וועלכע מיר האָבן געטראָפֿן אין די אויסגעפֿאָרשטע ווירטשאַפֿטן, זײַנען געווען 317 (52,1 פּראָצ׳) פֿון אייגענער האָדעוואַניע. די איבעריקע זײַנען געקויפֿט בײַ שכנים אָדער אויף די מערק. קיין איינהייטלעכן אופֿן פֿון האָדעווען קעלבלעך האָבן מיר ניט געטראָפֿן בײַ די ייִדישע לאַנדווירטן. טייל לאָזן די קעלבלעך נאָך זייער געבורט פֿון 2 ביז 10 וואָכן בײַ דער קו, איבערגייענדיק שפּעטער צו מאָגערמילך געמישט מיט מאַקוכעס, קוקורוזע־מעל אד״גל; אַנדערע ווידער שיידן די קעלבער גלײַך אָפּ פֿון דער מוטער און גיבן זיי צו טרינקען אַ געוויסע צײַט — פֿון 4 ביז 12 וואָכן — פֿולע מילך, שפּעטער — מאָגערמילך, געמישט צו ערשט מיט פֿולע מילך, מאַקוכעס, קוקורוזע־מעל אד״גל.

טייל אויסגעפֿאָרשטע ווירטשאַפֿטן האָבן געהאַט אייגענע בײַקן; די איבעריקע, דער גרעסטער טייל, פֿירן די קי צו פֿרעמדע. עס איז לעצטנס פֿאַרבאָטן צו פֿירן קי צו ניט קיין ליצענצירטן בוהאַי. וועגן דעם זאָרגט די מאַכט. די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן זוכן אויך צו העלפֿן די ייִד׳ לאַנדווירטן אין דעם פּרט. אין דאָרף זשאַביע — קאָסעווער פּאָוויאַט, וואָס איז אַ צענטער פֿאַר בהמות־האָדעוואַניע, האָט דער ייִדישער „צוכט־ און מילכיקערײַ־פֿאַרבאַנד" אײַנגעשאַפֿט זיך, מיט דער הילף פֿון ייִקאַ און אויך מיט אַ סובווענץ פֿון דער לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער, אַ בוהאַי פֿון דער סימענטאַלער ראַסע.

קיין אָקסן האַלטן די לאַנדווירטן ניט. די בהמות צו דער אַרבעט נוצן זיי ניט.

בכלל איז אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאַרשפּרייט די סימענטאַלער ראַסע פֿון קי. עכט ראַסישע קי זײַנען אמת זעלטן בײַ קליינע לאַנדווירטן; קי זײַנען דאָס רובֿ פֿון איין קאָליר, הײַנו: ווײַס מיט רויטע פֿלעקן אָדער העל געל, און פֿאַרמאָגן בכל אופֿן אַ שטאַרקן צופֿלוס פֿון סימענטאַלער בלוט. אַזעלכע קי געפֿינען מיר אויך בײַ די ייִדישע לאַנדווירטן.

בכלל פֿאַרנעמען זיך די ייִדישע לאַנדווירטן גערן מיט האָדעווען בהמות. פֿאַר אַ בײַשפּיל קענען מיר ברענגען דאָס דאָרף קאָמענע, נאַדווערנער פּאָוויאַט, פֿון וואַנען די ייִדישע קי, וואָס געהערן צום דאָרטיקן אַלגעמיינעם „קאָנטראָל־קרײַז פֿאַר קושטאַלן", זײַנען בשעתו אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער

אויסשטעלונג פאַר בהמות־האָדעוואַניע אין לעמבערג. טייל פון ייִדישע לאַנד־ווירטן פאַרנעמען זיך אויך מיט מעסטן בהמות ווינטערצײַט, איבערהויפט — מיט קאַרטאָפל. זיי באַקומען אויף דעם אופן: מזומן פאַר די פאַרנוצטע קאַרטאָפל פון דער אייגענער פּראָדוקציע, מיסט פון אַ גוטער קוואַליטעט און אַ פאַרדינסט פון דעם מעסטן.

## טאַבעלע XXXVII

### די פאַרזאָרגונג פון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפטן מיט פערד

| | צאָל ווירטשאַפטן: אַבס׳ | צאָל ווירטשאַפטן: % |
|---|---|---|
| אָן פערד . . . . . . . . | 114 | 40,3 |
| 1 פערד . . . . . . . . | 93 | 32,8 |
| 2 פערד . . . . . . . . | 67 | 23,7 |
| מער ווי 2 פערד . . . . | 9 | 3,2 |
| צוזאַמען . . . . | 283 | 100,0 |

40,3 פּראָצ׳ פון אַלע אויסגעפאָרשטע ווירטשאַפטן האָבן ניט קיין פערד. דאָס איז אַ פועל־יוצא פון דער פעלערדיקער אַגראַרער סטרוקטור פון די ייִדישע ווירטשאַפטן. קליינע ווירטשאַפטן זײַנען ניט ביכולת אויסצוהאַלטן אַן אייגן פערד.

## טאַבעלע XXXVIII

### די ייִדישע ווירטשאַפטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט לויט דער צאָל פערד אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס ווירטשאַפטן

| ווירטשאַפטן | 0,5—2,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 0,5—2,0 הא: ווירטשאַפטן % | 0,5—2,0 הא: צאָל פערד | 2,0—5,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 2,0—5,0 הא: ווירטשאַפטן % | 2,0—5,0 הא: צאָל פערד | 5,0—20,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 5,0—20,0 הא: ווירטשאַפטן % | 5,0—20,0 הא: צאָל פערד | 20,0—50,0 הא: ווירטשאַפטן אַבס׳ | 20,0—50,0 הא: ווירטשאַפטן % | 20,0—50,0 הא: צאָל פערד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אָן פערד . . . . . | 53 | 73,6 | — | 42 | 40,4 | — | 18 | 18,2 | — | 1 | 12,5 | — |
| מיט 1 פערד . . . . | 12 | 16,7 | 12 | 50 | 48,1 | 50 | 30 | 30,3 | 30 | 1 | 12,5 | 1 |
| „ 2 „ . . . . | 7 | 9,7 | 14 | 12 | 11,5 | 24 | 44 | 44,4 | 88 | 4 | 50,0 | 8 |
| מער ווי 2 פערד . | — | — | — | — | — | — | 7 | 7,1 | 23 | 2 | 25,0 | 10 |
| צוזאַמען . . | 72 | 100,0 | 26 | 104 | 100,0 | 74 | 99 | 100,0 | 141 | 8 | 100,0 | 19 |
| % פון אַלע ווירטשאַפטן | 25,4 | × | × | 36,8 | × | × | 35,0 | × | × | 2,8 | × | × |
| „ „ דער אַלגעמיינער צאָל פערד . | × | × | 10,0 | × | × | 28,5 | × | × | 54,2 | × | × | 7,3 |

טאַבעלע XXXVIII ווײַזט די אָפּהענגיקייט פֿון דער צאָל פֿערד אין אַ ווירטשאַפֿט פֿון איר גרייס. דער פּראָצענט ווירטשאַפֿטן אָן פֿערד איז אַלץ קלענער, וואָס גרעסער עס איז די ווירטשאַפֿט. איבער 60 פּראָצ׳ פֿון אַלע פֿערד געפֿינען זיך אין די ווירטשאַפֿטן פֿון איבער 5 העקטאַר. אויף איין פֿערד פֿאַלט אויס 5,1 העקטאַר אייגן פֿעלד און 6,0 העקטאַר אייגנס מיט אַרענדירטס. דער לפּי ערך גרויסער פּראָצענט ווירטשאַפֿטן מיט פֿערד אין די נידעריקסטע קאַטעגאָריעס נעמט זיך דערפֿון, וואָס טייל בעלי־בתּים פֿון די דאָזיקע ווירטשאַפֿטן פֿאַרנעמען זיך אויך מיט פֿורמאַנערײַ.

**עופֿות.** וועגן האָדעווען ראַסן־עופֿות איז נאָך אין די ייִדישע קליינע ווירטשאַפֿטן ניטאָ קיין רייד. די עופֿות ווערן געהאָדעוועט אויף אַ פּרימיטיוון, שטוביקן אופֿן. אין דער ערשטער ריי ווערן געהאָדעוועט הינער. אין טייל ייִדישע ווירטשאַפֿטן ווערן ווינטערצײַט געשטאָפּט גענדז. עס פֿאַרנעמען זיך דערמיט דער עיקר די פֿרויען. אויסער דעם מזומן פֿאַרדינסט, בלײַבן נאָך אין דעם פֿאַל ווי אַ צוגאָב די פֿעדערן, וועלכע מען נוצט צו קישנס, פּערענעס אד״גל.

## קרעדיט

ביז 1931 האָט די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע בכלל און אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט בפֿרט ניט באַקומען כּמעט קיין קרעדיטן פֿון ספּעציעלע ייִדישע אינסטיטוציעס. ערשט אין דעם יאָר איז געעפֿנט געוואָרן אין לעמבערג אַן אָפּטיילונג פֿון דער ייִקאַ, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די דאָזיקע אויפֿגאַבע.

די ייִקאַ־אָפּטיילונג אין לעמבערג גיט קרעדיטן די ייִדישע לאַנדווירטן פּרינציפּיעל דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון אָדער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון. דאָרטן וווּ אַזעלכע זײַנען ניטאָ באַקומען קרעדיט די לאַנדווירטן אַליין. די באַדינגונגען זײַנען אָפּהענגיק פֿון ציל אויף וועלכן דער קרעדיט איז באַשטימט. געווי שטעלט זיך פֿאָר די זאַך אַזוי:[1]

1) קרעדיט אויף אײַנקויפֿן זריעה, קינסטלעכע מיסט אד״גל ווערט געגעבן אויף 1 יאָר. די פֿאַרצינזונג באַטרעפֿט 4 פּראָצ׳ יערלעך, ווען דער קרעדיט ווערט געגעבן דירעקט לאַנדווירטן גופֿא, און 5 פּראָצ׳—בײַ דער פֿאַרמיטלונג פֿון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע צאָלן פֿון זייער זײַט בלויז 3 פּראָצ׳.

2) קרעדיט אויף אײַנקויפֿן לעבעדיקן אינווענטאַר ווערט געגעבן אויף 2 יאָר, אויף ראַטעס־אויסצאָלונגען, וועלכע ווערן באַשטימט אינדיווידועל. די פֿאַרצינזונג די זעלבע ווי אין 1).

3) קרעדיט אויף אײַנקויפֿן טויטן אינווענטאַר ווערט געגעבן אויף 2 — 3 יאָר, אָפּהענגיק פֿון זײַן גרייס. די פֿאַרצינזונג די זעלבע ווי אין 1) און 2).

4) בוי־קרעדיט ווערט געגעבן אויף 3 יאָר. די פֿאַרצינזונג באַטרעפֿט, ווען געגעבן דירעקט—3 פּראָצ׳ יערלעך, בײַ דער פֿאַרמיטלונג פֿון די קאָאָפּעראַטיוון—ווי אין די פֿריִערדיקע פֿאַלן.

[1] לויט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון דער ייִקאַ־אָפּטיילונג אין לעמבערג.

5) קרעדיט אויף פאַרפלאַנצן סעדער ווערט געגעבן אויף 3 — 5 יאָר, אָפּהענגיק פון דעם פאַרפלאַנצטן שטח. די פאַרצינזונג—ווי אין 4).

6) קרעדיט אויף צו קויפן ערד ווערט געגעבן אויף 5 יאָר. די פאַרצינזונג — ווי אין 4) און 5).

מער פון אַלץ ווערט געגעבן קרעדיט אויף אײַנצוקויפן לעבעדיקן אינווענטאַר (בערך 50 פראָצ׳ פון אַלע קרעדיטן). די יִק״אַ גיט אויך קרעדיטן אין נאַטור (זריעה, קינסטלעכע מיסטן אד״גל).

צי האָבן די געלטקרעדיטן, וואָס די יִקאַ האָט אַרויסגעגעבן במשך די לעצטע 5 יאָר, געבראַכט די געווונטשענע נוצן? ווי עס איז שוין אָנגעוויזן אין אַרײַנפיר, האָבן מיר בײַ אונדזער אַנקעטע ניט באַקומען קיין גענויע באַגלייבטע ענטפערס אויף פינאַנציעלע פראַגעס. פון די פיל שמועסן האָבן מיר אָבער אַרויסגעטראָגן דעם אײַנדרוק, אַז די קרעדיט-אַקציע פון דער יִקאַ האָט להיפך צו אירע אַנדערע אַרבעטן אין דער געגנט ניט געבראַכט די רעזולטאַטן, וועלכע זי האָט געקענט און געדאַרפט ברענגען. עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכע פאַקטאָרן האָבן מיטגעווירקט דערצו. די לאַנדווירטן זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג שטאַרק פאַרשולדיקט בײַ דער יִקאַ.

די לעצטע יאָרן, אין צוזאַמענהאַנג מיט די געזעצן וועגן פאַרגרינגערן חובות פון די לאַנדווירטן, האָט די יִקאַ שטאַרק באַגרענעצט איר קרעדיטטעטיקייט. טייל פון די חובות פון די לאַנדווירטן בײַ דער יִקאַ, וואָס שטאַמען פון פאַר דעם 1932/VII/1, זײַנען אויפן סמך פון די געזעצן קאָנווערסירט געוואָרן.

# VII

# לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג

**די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שול אין סלאָבידקע לעסנע.** פֿאַר דעם קריג האָט עקסיסטירט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שול פֿון דער ייִקאַ אין איר הויף סלאָבידקע לעסנע בײַ קאָלאָמיי. די מלחמה האָט זי חרובֿ געמאַכט. בעת דער קורצער אוקראַיִנישער הערשאַפֿט האָט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַט אין סטאַניסלאָוו געמאַכט באַמיִונגען די שול צו עפֿענען, אָבער אָן הצלחה. שפּעטער האָט געמאַכט שטאַרקע באַמיִונגען אין דער זעלבער ריכטונג במשך פֿון לאַנגע יאָרן אַ גרופּע ייִדישע כּלל-טוער אין גאַליציע און האָבן אויך גאָר נישט געפּועלט.[1]

**די פֿערמע אין סטאַניסלאָוו.** האַרבסט 1918 האָט דער פֿרויען-פֿאַראיין „רחל" אין סטאַניסלאָוו אָנגענומען אַ באַשלוס צו גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿערמע פֿאַר ייִדישע מלחמה-יתומות אין עלטער 14—18 יאָר.[2] דער ציל פֿון דער פֿערמע האָט געזאָלט זײַן — ניט דערלאָזן פֿאַלן די ייִדישע יתומות מאָראַליש און דערציִען זיי פֿאַר צוקונפֿטיקע פּויערים-פֿרויען

---

[1] זע אויך אויבן ז' 53. די דאָזיקע אַרבעט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן סוף 1936. זינט דעמאָלט איז אין דעם ענין פֿון דער לאַנדוו' שול פֿאָרגעקומען אַ שינוי צום בעסערן. נאָך לאַנגע יאָרן מיפּולער אַרבעט האָבן די פֿאַראינטערעסירטע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס געפּועלט בײַ דער ייִקאַ, זי זאָל אָפּגעבן דעם מאַיאָנטעק פֿון סלאָבידקע לעסנע אין אַרענדע (פֿאַר אַ סימבאָלישן אײן גילדן) אויף ווידער צו עפֿענען די שול. עס ווערן שוין געמאַכט די נייטיקע הכנות, עס ווערן אײַנגעשריבן תּלמידים, און אין די נאָענטסטע חדשים וועט די שול זיך עפֿענען. די שול ווערט פֿינאַנסירט און געפֿירט דורך דער באַראָן-הירש-פֿונדאַציע, וואָס איז זינט דער מלחמה ניט געווען אַקטיוו און האָט איצט באַנײַט איר טעטיקייט. דער קורס פֿון דער שול איז אַ צוויי-יעריקער; עס דאַרפֿן אויסגעבילדעט ווערן זעלבשטענדיקע ייִדישע לאַנדווירטן און אַ ציאַליסטן פֿאַר ייִדישע הויפֿן. זי פֿאַרמאָגט צוליב דעם צוועק אַ גרויסן בנין, מאָדערן אײַנגעאָרדנט מיט עלעקטרישן ליכט, צענטראַלער הייצונג אאַז"וו, אַלע נייטיקע לערן-כּשירים, אַ גוט אײַנגעאָרדנטן פֿאָלוואַרק. בקיצור: זי האָט אַלע אָביעקטיווע מיגלעכקייטן צו ווערן אַ צענטער צו פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעך וויסן צווישן דער ייִדישער יוגנט.

[2] די ידיעות וועגן דער פֿערמע אין סטאַניסלאָוו גענומען פֿון 1) געדרוקטן דין-וחשבון פֿון דעם פֿאַראיין „בית-יתומים—פֿאַרם פֿאַר ייִדישע מיידלעך" אין סטאַניסלאָוו פֿאַרן ערשטן יאָר, ד"ה 1918/IV — 1920/II/29. סטאַניסלאָוו 1920. 2) פּראָטאָקאָלן-בוך פֿון די פֿאַרוואַלטונג-זיצונגען און אַנדערע שריפֿטלעכע מאַטעריאַלן, וועלכע עס האָבן פֿרײַנדלעך געשטעלט אין אונדזער רשות די פּפּ' ד"ר א. ריטערמאַן און פֿרוי.

אין ארץ-ישׂראל. פֿרילינג 1919 האָט מען אַרענדירט אַ הויז מיט 5 יאָך פֿעלד ניט ווײַט פֿון דער שטאָט און עס זײַנען אָנגענומען געוואָרן די ערשטע 20 יתומות. אין זעלבן יאָר איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נײַער פֿאַראיין א״נ „בית יתומים — פֿאַרם פֿאַר ייִדישע מיידלעך״, וועלכער האָט געקויפֿט אַ שטוב מיט 24 צימערן, מיט אַ גאָרטן פֿון $8^1/_2$ יאָך אין צענטער שטאָט. עס איז אויך צוגעאַרענדירט געוואָרן פֿעלד. דער אַנשטאַלט האָט זיך גוט אַנטוויקלט. מען האָט געקראָגן סובווענצן פֿון די רעטונגס-קאָמיטעטן אין לעמבערג און סטאַניסלאָוו, „אַליאַנס איזראַעליט״ אין ווין, סטאַניסלאָווער רעליף אין אַמעריקע אאַז״וו. אויך פּריוואַטע פּערזאָנען האָבן זיך אָפּגערופֿן מיט געלט-צושטײַערס. אַ דאַנק דעם איז אײַנגעשאַפֿט געוואָרן אַן אינווענטאַר און מען האָט אויסגעבויט ווירטשאַפֿטלעכע געבײַדעס. אין 1921 זײַנען אָפּגעפֿאָרן די ערשטע 5 חניכות פֿון דער פֿערמע קיין ארץ-ישׂראל. צו ערשט האָט די פֿערמע געטראָגן אַ דורכויס ציוניסטישן כאַראַקטער, אָבער שוין אין 1923 איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוציען צו איר פֿאַרוואַלטונג אויך ניט-ציוניסטן. אין משך פֿון דער צײַט האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנצונעמען אין דער פֿערמע אויך ניט-יתומות. ביז 1926 זײַנען דורך איר דורכגעגאַנגען 138 מיידלעך, וואָס 40 פֿון זיי זײַנען אָפּגעפֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל. דאָס יאָר איז אָבער אויך געווען אַן איבערבראָך-יאָר אין דער טעטיקייט פֿון דער פֿערמע. איר דעפֿיציט האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און זי איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרבינדן זיך מיט דער געזעלשאַפֿט פֿאַר חלוצים-הילף „עזרה״ אין לעמבערג א״אַ. אין דער זעלביקער צײַט האָט מען געמאַכט אַ פּרוּוו איבערצומאַכן די פֿערמע פֿאַר אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול פֿון דער אונטערשטער מדרגה. אין יענער צײַט איז אויך אויפֿגעקומען אַ חילוק-הדעות מכּוח דעם, צי די פֿערמע דאַרף אויסבילדן אויסשליסלעך ערד-אַרבעטערינס פֿאַר ארץ-ישׂראל אָדער אויך פֿאַרן גלות. איר מצבֿ אָבער האָט זיך כּסדר פֿאַרערגערט.

זינט 1933 געפֿינען זיך אין דער פֿערמע גרופּעס פֿון אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מאַכן דורך דאָ זייער הכשרה. אַזוי ווי די פֿערמע האָט ניט איצט קיין פֿאַכמענישע השגחה, איז זי שטאַרק חרובֿ געוואָרן.

אָרגאַניזאַציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג. צוליב דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויסבילדונג, ספּעציעל פֿאַר די קינדער פֿון ייִדישע לאַנדווירטן, ווענדן אָן די געזעלשאַפֿטן יִקאַ און יִלאַג מיט גרויס הצלחה די סיסטעם פֿון דער אַ״ג לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, וועלכע איז לעצטנס זייער פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנץ פּוילן.

די דאָזיקע סיסטעם פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג פֿון דער יוגנט איז פֿאַרשפּרייט אין אַמעריקע זינט בערך אַ 30 יאָר. די אָרגאַניזאַציע טראָגט דאָרט דעם נאָמען Boys and Girls Agricultural Clubs. לויט דער איניציאַטיווע פֿון פֿאַרשטאָרבענעם פּראָפֿעסאָר י. מיקולאָווסקי-פּאָמאָרסקי איז זינט 1926 אָט די סיסטעם, אין פֿאַרענדערטער געשטאַלט, צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע

תּנאים, אײַנגעפֿירט געוואָרן אין פּוילן אונטערן נאָמען Przysposobienie Rolnicze (לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צוגרייטונג). אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָט די אָרגאַניזאַציע זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און אָנגענומען אַ מאַסן-כאַראַקטער.

די סיסטעם איז אײַנגעשטעלט אויף צו פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג צווישן דער יוגנט, ייִנגלעך און מיידלעך, דורך העלפֿן זייער אַליין-בילדונג און סטימולירן זייער חשק דורך קאָנקורסן און קאָלעקטיווע פֿאַרמעסטונגען.

די יוגנט ווערט אײַנגעטיילט אין קאָנקורס-גרופּעס, וועלכע באַקומען אַ געוויסע פּראַקטישע אויפֿגאַבע צום אויספֿירן, למשל אויסקולטיווירן אויף אַ שטח פֿון 100 קוו׳ מעטער פּאַשע-בוריקעס, קאַרטאָפֿל אד״גל, אויסהאָדעווען שטוביקע בעלי-חיים, אײַנאָרדענען אַ גרינסגערטנדל אאַז״וו. יעדער גרופּע האָט איר אָנפֿירער, וואָס ווערט אויסגעקליבן פֿון די מיטגלידער. ער פֿירט די אַרבעט לויט אָנווײַזונגען פֿון ספּעציאַליסטן. מיט די קאָנקורסן איז מען אויסן צו דערגרייכן די העכסטע רעזולטאַטן בײַם אָנווענדן מאָדערנע אַרבעט-מעטאָדן. עס פֿאַרמעסטן זיך צווישן זיך די איינציקע מיטגלידער פֿון יעדער גרופּע, און אויך גאַנצע גרופּעס אין אַ פּאָוויאַט, וואָס זיי איז אויפֿגעגעבן איינע און די זעלביקע טעמע. די רעזולטאַטן פֿון דער אַרבעט ווערן דערנאָך אָפּגעשאַצט, עס ווערן באַשטימט און אויסגעטיילט פּרעמיעס, און די פּראָדוקטן ווערן אויסגעשטעלט אויף ספּעציעלע אויסשטעלונגען.

לויט דעם איצטיקן רעגלאַמענט פֿון דער אָרגאַניזאַציע זײַנען פֿאַראַן 3 מדרגות פֿון צוגרייטונג, וועלכע ווערן דורכגעמאַכט אין משך פֿון 4—3 יאָר. מיט יעדן יאָר שפּעטער באַקומען די קאָנקורס-גרופּעס אַלץ גרעסערע אויפֿגאַבעס. אַ גרופּע, וועלכע פֿירט אויס איר אויפֿגאַבע מיט הצלחה, גייט אַריבער צו דער צווייטער מדרגה, און דערנאָך צו דער דריטער. נאָכן דורכגיין די מדרגות גיבן די אָנטיילנעמער אָפּ אַן אַלגעמיינעם עקזאַמען. יעדער אָנטיילנעמער מוז די גאַנצע צײַט פֿירן אַ ספּעציעל העפֿט, ווו ער פֿאַרצייכנט די דורכגעמאַכטע פּראַקטישע און טעאָרעטישע אַרבעטן, אייגענע אָבסערוואַציעס אד״גל. יעדע גרופּע מוז אַבאָנירן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿטן. חוץ דער אינדיווידועלער אַרבעט פֿון יעדערן באַזונדער, ווערט אין דער גרופּע אויך געפֿירט אַ קאָלעקטיווע אַרבעט, ווי דיסקוסיע-פֿאַרזאַמלונגען, עקסקורסיעס, אַ קעגנזײַטיקע אָפּשאַצונג פֿון דער אַרבעט אויף די פֿאַרצעלן אד״גל. אַזוי אַרום האָט די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צוגרייטונג דעם כאַראַקטער פֿון אויסערשולבילדונג. נאָכן אָפּגעבן דעם עקזאַמען באַקומט דער מיטגליד פֿון דער גרופּע אַן אַבסאָלוויר-שײַן פֿון אַ נידעריקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שול.

די גאַנצע אַקציע אין פּוילן פֿירט סיסטעמאַטיש, לויט אַן איינהייטלעכן פּלאַן, דער „צענטראַלער קאָמיטעט פֿאַר די ענינים פֿון דאָרפֿסיוגנט בײַם פֿאַרבאַנד פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמערן און אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן״, מיטן זיצאָרט אין וואַרשע. דער צענטראַלער קאָמיטעט שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט

די וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן פֿון זייער זײַט די השגחה איבער די אָרטיקע קאָמיטעטן, וואָס געפֿינען זיך אין יעדער פּאָוויאַטאָווער שטאָט. די קאָמיטעטן דאַרפֿן באַזאָרגן די קאָנקורס-גרופּעס מיט פֿאַכמענישער הילף, מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן (זריעה, קינסטלעכע מיסטן, העפֿטן, בראָשורן אד"גל), פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג צווישן דער דאָרפֿישער יוגנט אאַז"וו. חוץ די דאָזיקע קאָמיטעטן געפֿינט זיך אויך בײַ יעדער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער אַ קאָמיסיע פֿאַר די זעלביקע ענינים. פּראַקטיש פֿירן די אַרבעט ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, און דאָרטן ווו אַזעלכע זײַנען ניטאָ — די פּאָוויאַטאָווע אינסטרוקטאָרן פֿון דער זעלבסט-פֿאַרוואַלטונג. אין יעדער וואָיעוואָדשאַפֿט איז פֿאַראַן אַן אינספּעקטאָר, וועלכער קאָנטראָלירט די אַרבעט פֿון די אינסטרוקטאָרן און די קאָנקורס-גרופּעס.

די קינדער פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן האָבן ביז ניט לאַנג ניט באַקומען קיין שום לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג. די צאָל לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולן אין פּוילן בכלל איז ניט גענוג, און פֿאַר ייִדן בפֿרט זײַנען זיי ניט צוטריטלעך איבער פֿאַרשיידענע סיבות. חוץ דעם וואָס עס איז שווער פֿאַר אַ ייִדן אָנצוקומען אין אַזאַ שול, שטייט נאָך די פֿראַגע פֿון כשרות (די שולן פֿון נידעריקן טיפּ זײַנען אין פּוילן דאָס רובֿ פֿאַרבונדן מיט אינטערנאַטן). אויסבויען אייגענע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולן איז די אָרעמע ייִדישע געזעלשאַפֿט ניט ביכולת. דערפֿאַר האָט זייער ריכטיק געטאָן די לעמבערגער אָפּטיילונג פֿון דער יקאַ, ווען זי האָט אין 1932 אָנגעהויבן אָנצווענדן די אויבן געשילדערטע סיסטעם פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג פֿאַר דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער יוגנט אין דאָרף און אין שטעטל. דער ענין האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג צווישן דער יוגנט, וועלכע טרעט גערן אַרײַן אין די קאָנקורס-גרופּעס. די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צוגרייטונג האָט אַ ווירקונג ניט נאָר אויף דער יוגנט וואָס צווישן איר ווערט זי געפֿירט, נאָר אומדירעקט אויך אויפֿן עלטערן דור, וועלכער לערנט זיך אויס לויט דער אַרבעט פֿון די קינדער אָפּצושאַצן דעם נוצן פֿון די מאָדערנע אַרבעט-מעטאָדן.

אין 1935 זײַנען אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט געווען טעטיק 8 ייִדישע קאָנקורס-גרופּעס פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, מיט 88 אָנטיילנעמער. טייל פֿון די גרופּעס זײַנען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער אַלגעמיינער נעץ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, וועלכע געפֿינט זיך אונטער דער השגחה פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער. אַלע גרופּעס זײַנען געגרינדעט געוואָרן דורך די ייִדישע אַגראָנאָמישע אינסטרוקטאָרן און שטייען אונטער זייער השגחה. זיכער איז די צאָל פֿון די ייִדישע קאָנקורס-גרופּעס קליין און נישט גענוג. צום טייל איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל עס פֿעלן אויס ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אינסטרוקטאָרן, און צום טייל דערפֿאַר, ווײַל די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ייִשובֿים זײַנען צעוואָרפֿן.

די ייִדישע קאָנקורס־גרופּעס זײַנען טאַקע שוואַך אין כּמות, אָבער דערפאַר שטאַרק אין איכות. זייערע עקספּאָנאַטן צייכענען זיך אויס אויף די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען, זיי באַקומען אַ סך פּרעמיעס און געניסן צוטרוי פון די פּאָוויאַטאָווע אַגראָנאָמען. אַזוי למשל איז בשעתה דער עלטסטער ייִדישער קאָנקורס־גרופּע (אין דאָרף טשערניעוו ביי סטאַניסלאַוו) איבערגעגעבן געוואָרן די אָרגאַניזירונג פון דער יערלעכער אויסשטעלונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָנקורס־גרופּעס פון דער גאַנצער געגנט, ווײַל זי האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין פּאָוויאַט.

צום סוף דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע צוגרייטונג האָט אויך די באַדײַטונג, וואָס זי דערנענטערט אין אַ געוויסער מאָס די ייִדישע מיט דער ניט־ייִדישער יוגנט דורך שותּפישע אויסשטעלונגען, עקסקורסיעס אד"גל.

„דער ייִדישער לאַנדווירט". אַ זייער וויכטיקער און ווירקעוודיקער מיטל צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער בילדונג צווישן די ייִדישע לאַנדווירטן איז די חודש־שריפט „דער ייִדישער לאַנדווירט", וואָס עס גיט אַרויס די צענטראַלע פון דער ייִלאַג אין לעמבערג. די העכער פיריעריקע עקסיסטענץ פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער צײַטשריפט אין דער ייִדישער שפּראַך אין פּוילן איז שוין אַליין פאַר זיך אַ גרויסער אויפטו. די פריִערדיקע פּרוּוון אַרויסצוגעבן אַזאַ צײַטשריפט האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן.

VIII

# קולטורעלער מצב

דער קולטורעלער מצב פֿון די ייִדישע דאָרפֿסלײַט אין גאַליציע בכלל און לאַנדווירטן בפֿרט פֿאָדערט אַ באַזונדערע גרונטיקע אויספֿאָרשונג.

דער „ייִשובֿניק" איז שטענדיק געווען און איז נאָך לײַדער עד היום אַ טעמע נאָר פֿאַר וויצן וכדומה. און דאָס איז אַ שאָד. דער דאָרפֿסייִד, ניט געקוקט אויף זײַן שלעכטער לאַגע, איז אפֿשר דער געטרײַסטער מיטגליד פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. כמעט אָן שום קאָנטאַקט מיט ייִדן האָט ער דאָך שטענדיק מיט שטאָלץ געהיט זײַן ייִדישקייט אויף דעם אופֿן, ווי ער האָט עס באַנומען: אין פֿאָרם פֿון אַ ביסל דאַווענען, אַ רבי פֿאַר קינדער, אָפּהיטן מנהגים אד"גל. און ניט-באַוווּסטזיניק — אויך אין אַן אַנדער פֿאָרם: געפֿינענדיק זיך אַפֿילו איינער אַליין אין אַ דאָרף, האָט דער דאָרפֿסייִד קיין מאָל ניט פֿאַרביטן זײַן אייגענע מוטערשפּראַך אויף דער שפּראַך פֿון דער סבֿיבֿה.

ווינענדיק צעזייט און צעשפּרייט צווישן אַ ים ניט-ייִדן, וועלכע שטייען נאָך אויף אַ זייער נידעריקער קולטורעלער מדרגה און מיט וועלכע ער קומט כמעט בכלל ניט אין באַריר, אויסער אויפֿן עקאָנאָמישן געביט, איז דער דאָרפֿסייִד שטאַרק אָפּגעשטאַנען קולטורעל. רחל קאָרן, אין איר באַנד דערציילונגען „ערד",[1] כאַראַקטעריזירט די דאָרפֿסייִדן אויף אַזאַ אופֿן: „... דאָס „פֿאָלק" זײַנען געווען די עטלעכע דאָרפֿסייִדן, וואָס קריגן זיך צווישן זיך אַ גאַנצע וואָך, בעטן זיך איבער בײַם פֿרײַטאָגדיקן מאַרקטאָג, כדי מען זאָל פֿאָרט צונויפֿנעמען אַ מנין, און צעקריגן זיך אויפֿס נײַ שבת בײַם דאַווענען, צוליב אַן אויסגעקויפֿט קעלבל, אָדער צוליב אַן עליה..." לײַדער שטימט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק מיט דער ווירקלעכקייט אין דעם רובֿ פֿאַלן.

בעת אונדזערע רײַזעס איבער די דערפֿער פֿון סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט זײַנען מיר ניט געווען אין שטאַנד אויסצופֿאָרשן גרונטיק אויך דעם קולטורעלן מצב פֿון דעם דאָרטיקן ייִדישן לאַנדווירט. מיר מוזן זיך דעריבער באַנוגענען מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק אויפֿן סמך פֿון אונדזער אַנקעטע און באַשיידענע אָבסערוואַציעס.

ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר נ י וו אָ. די בילדונגס-פֿאַרהעלטענישן פֿון די אויסגעפֿאָרשטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע משפּחות שטעלט פֿאָר טאַבעלע XXXIX. זי נעמט אַרום די ראָשי-משפּחות, צוזאַמען מיט די משפּחה-גלידער.

---

1 רחל קאָרן, ערד. וואַרשע 1936.

## טאַבעלע XXXIX

### די בילדונגס-פאַרהעלטענישן פון די אויסגעפאָרשטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפט-לעכע משפחות*

| עלטער | אַנאַלפאַבעטן | | | היימישע בילדונג | | | ביז 4 קל' פאָלקשול | | | ביז 7 קל' פאָלקשול | | | סך-הכל | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | מ | פ | צ | מ | פ | צ | מ | פ | צ | מ | פ | צ | מ | פ | צ |
| 10 — 14 . . . . | 1 | 1 | 2 | — | — | — | 29 | 31 | 60 | 33 | 38 | 71 | 63 | 70 | 133 |
| 15 — 19 . . . . | 1 | — | 1 | 2 | 1 | 3 | 5 | 5 | 10 | 16 | 38 | 54 | 24 | 44 | 68 |
| 20 — 29 . . . . | — | 3 | 3 | 19 | 13 | 32 | 37 | 40 | 77 | 70 | 75 | 145 | 126 | 131 | 257 |
| 30 — 39 . . . . | 2 | 1 | 3 | 9 | 15 | 24 | 40 | 34 | 74 | 35 | 53 | 88 | 86 | 103 | 189 |
| 40 — 49 . . . . | 3 | 5 | 8 | 21 | 20 | 41 | 27 | 14 | 41 | 13 | 10 | 23 | 64 | 49 | 113 |
| 50 — און העכער . | 5 | 28 | 33 | 89 | 83 | 172 | 26 | 21 | 47 | 9 | 6 | 15 | 129 | 138 | 267 |
| סך-הכל . . | 12 | 38 | 50 | 140 | 132 | 272 | 164 | 145 | 309 | 176 | 220 | 396 | 492 | 535 | 1027 |
| % | 2,4 | 7,1 | 4,9 | 28,5 | 24,7 | 26,5 | 33,3 | 27,1 | 30,1 | 35,8 | 41,1 | 38,5 | 100,0 | 100,0 | 100,9 |

די צאָל לאַנדווירטן מיט גימנאַזיע-בילדונג איז נישטיק—ס"ה האָבן מיר אָנגעציילט 10 נפשות (7 מענער, 3 פרויען), וואָס האָבן דורכגעמאַכט ביז 4 קל' גימנאַזיע, און 6 נפשות (3 מענער און 3 פרויען) מער ווי 4 קל' גימנאַזיע. פון דער טאַבעלע זעען מיר אויך, אַז: 1) די ייִנגערע פון 19 יאָר האָבן כמעט אַלע באַזוכט אַ פאָלקשול. מען דאַרף באַמערקן, אַז די צאָל געענדיקטע קלאַסן איז אין רובֿ פאַלן געווענדט אָן דער מדרגה פון דער פאָלקשול אין געגעבענעם דאָרף. 2) דאָס רובֿ פערזאָנען מיט היימישער בילדונג געפינען זיך אין די העכערע עלטער-קאַטעגאָריעס. בכלל איז אָבער דער באַגריף „היימישע בילדונג“ זייער אַ ברייטער: עס ווערן דאָ אַריינגערעכנט אַלע, וועלכע האָבן ניט אָנגעהויבן אַפילו צו באַזוכן אַ שול, זיינען אָבער ניט קיין פולע אַנאַלפאַבעטן. 3) די צאָל אַנאַלפאַבעטן באַטרעפט 50, ד"ה 4,9 פראָצ' פון דער באַפעלקערונג. פון די 50 אַנאַלפאַבעטן זיינען געווען 12 מאַנצביל, ד"ה 2,4 פראָצ' פון אַלע מאַנצביל, און 38 פרויען, ד"ה 7,1 פראָצ' פון אַלע פרויען. 41 פון די 50 אַנאַלפאַבעטן זיינען געווען עלטער פון 40 יאָר. דער פראָצענט אַנאַלפאַבעטן איז אַ גאַנץ הויכער, בפרט אַז מיר האָבן צו דער קאַטעגאָריע צוגערעכנט נאָר אַזעלכע וואָס קענען זיך ניט חתמען אויף ייִדיש און קענען ניט דאַווענען.

* מ=מענער, פ=פרויען, צ=צוזאַמען. די פראָצענטן אין דער טאַבעלע זיינען אויסגערעכנט אויף אַזאַ אופן: אין די רובריקן „מענער“—לגבי דער אַלגעמיינער צאָל מענער; „פרויען“ — לגבי דער אַלגעמיינער צאָל פרויען, און „צוזאַמען“ — לגבי דער אַלגעמיינער צאָל מענער און פרויען צוזאַמען גערעכנט.

אַזוי אַרום איז בכלל דער מצב פון בילדונג בײַ די יידישע לאַנדווירטן גאָר ניט קיין געהויבענער. די קינדער באַזוכן שוין אַפילו יאָ פאָלקשולן (די אַלגעמיינע), אָבער די נוצן פון דעם זײַנען ניט קיין גרויסע. ווי פיל זיי טראָגן אַרויס פון דער שול, בײַ דעם בלײַבט עס. די שול לערנט זיי ניט אויס אַזוי פיל, אַז זיי זאָלן קאָנען ווײַטער אַליין זיך בילדן. אַ ביכל איז אַ יקר-המציאות אין דאָרף און די תורה פון דער פאָלקשול ווערט אויך גיך פאַרגעסן. דאָס איז בנוגע אַלגעמיינער שולבילדונג, מיט דער יידישער דערציִונג האַלט עס נאָך ערגער. דער דאָרפישער ייִד פאַרשטייט אַפילו, ווי שלעכט עס איז דער מצב, און ער וואָלט אַוודאי וועלן געפינען צו אים אַ תרופה, אָבער ער איז ניט בכוח צו העלפן. אין די דערפער, ווו עס וווינען מער יידן, דינגען זיי בשותפות אַ רבין פאַר די קינדער. אַזאַ דאָרפישער רבי, על פי רוב אַ קליין-שטעטלשער בחור, קריגט פאַר זײַן „קנעלן" עטלעכע גילדן און קעסט און דירה, וואָס בײַט זיך פעריאָדיש, אַ שטייגער יעדע וואָך, בײַ די איינצלנע בעלי-בתים. דער חדר טראָגט זיך אַריבער צוזאַמען מיטן רבין. לערנען לערנט מען אויפן אַלטן שטייגער, אין ענגע, ניט אַלע מאָל ריינע צימערלעך. מיר האָבן אַזאַ חדר אויך געטראָפן אין אַ שײַער. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ „גוט באַצאָלטער" רבי איז אַליין אויך ניט שטאַרק בקי אין דעם וואָס ער לערנט; דאָס גאַנצע לערנען באַשטייט אין אַ ביסל עבֿרי, דאַוונען, ברכות וכדו׳. וועגן אַ וועלטלעכער יידישער דערציִונג בײַ די דאָרפישע יידן איז בכלל קיין רייד ניטאָ.

דער „קלוב" פון עלטערן דור איז דער „מנין", ווו מען קומט זיך צונויף יעדן שבת. די יוגנט קען דאָס ניט באַפרידיקן. אין די דערפער, ווו עס וווינען מער יידן, טרעפן מיר שוין לעצטנס יוגנט-אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען אין ציוניזם, וואָס דער צופאַל באַשטימט וואָסערע פון זיי ווערט אויסגעקליבן. ווערט געגרינדעט אַ יוגנט-אָרגאַניזאַציע, אַלץ איינס פון וועלכער גרופּירונג, שליסט זיך אָן איר אָן די גאַנצע יוגנט פון דאָרף. די יוגנט בענקט פשוט נאָך אַן אייגענער סבֿיבֿה.

דער נידעריקער קולטורעלער מצב פון די יידישע לאַנדווירטן איז אַ גרויסער שטער פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכער בילדונג צווישן זיי, און ממילא אַ שטער אויך פאַר דער אויסבעסערונג פון זייערע אַרבעט-מעטאָדן און פאַר דער העכערונג פון זייער לעבנס-ניוואָ.

וווינהײַזער. די צאָל וווינהײַזער פון די אויסגעפאָרשטע לאַנדווירט-שאַפטלעכע משפחות און צוגלײַך זייער גרייס און אַנדערע אייגנשאַפטן ווײַזט די טאַבעלע XL (ז׳ 113).

די גרעסטע צאָל וווינהײַזער (96,2 פּראָצ׳) אין די אויסגעפאָרשטע יידישע לאַנדווירטשאַפטן זײַנען געבויט פון האָלץ און אַ $1/3$ בערך פון זיי איז געדעקט מיט שטרוי, בערך אַ $1/4$ איז געדעקט מיט האָלץ, די איבע-ריקע מיט פײַער-זיכערן מאַטעריאַל. לפי ערך גרויס איז דער פּראָצענט וווינונגען, וואָס באַשטייען נאָר פון אַ קיכשטוב (11,5 פּראָצ׳), איבער אַ העלפט וווינונגען

באַשטייען פֿון 1 צימער, אַ $^1/_4$ פֿון 2 און נאָר 7,7 פּראָצ׳ פֿון מער ווי 2 צימערן. 28,7 פּראָצ׳ פֿון די וווינהײַזער האָבן נִיט קיין הילצערנע דילן, נאָר ליימענע. די געבראַכטע ציפֿערן ריידן פֿאַר זיך גאַנץ קלאָר, אָבער נאָך ערגער שטעלט זיך פֿאָר די לאַגע, ווען מען זעט עס מיט די אייגענע אויגן. אַ גרויסער טייל פֿון די יִדישע לאַנדווירטן וווינען אין פּרימיטיווע פּויערשע כאַלופּעס, גענוי ווי זייערע נִיט־יִדישע שכנים.

## XL טאַבעלע

גרייס און איכות פֿון די אויסגעפֿאָרשטע וווינהייזער פֿון די יִדישע לאַנדווירטן

| | הײַזער בכלל | צאָל הײַזער: געמויערטע | הילצערנע | געדעקט מיט: פֿײַערזיכערן מאַטעריאַל | האָלץ | שטרוי | וואָס האָבן: נאָר אַ קיכ־שטוב | אויסער דער קיכשטוב: 1 צימער | 2 צימערן | מער ווי 2 צימערן | מיט אַ פּאָדלאָגע: אַ הילצערנע | נישט קיין הילצ׳ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבס׳ | 261 | 10 | 251 | 114 | 61 | 86 | 30 | 145 | 66 | 20 | 186 | 75 |
| % | 100,0 | 3,8 | 96,2 | 43,7 | 23,4 | 32,9 | 11,5 | 55,5 | 25,3 | 7,7 | 71,3 | 28,7 |

דער מצבֿ איז נאָך ערגער דערמיט, וואָס טייל יִדישע לאַנדווירטן האָבן נִיט קיין חוש פֿאַר היגיענע און ווילן נִיט וויסן דערפֿון, אַז אַ דירה מוז מען רייניקן און לופֿטערן. דאָך האָבן מיר געטראָפֿן אַ סך וווינהײַזער פֿון יִדישע לאַנדווירטן געהאַלטן ריין און אין בעסטער אָרדענונג. כּדאַי צו באַמערקן, אַז מכּוח די וווינהײַזער אין די יִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס לייפּון און „יצחקס קאָלאָניע“, וואָס געפֿינען זיך אין די צפֿון־מזרחדיקע קרײַזן, האָבן די אויספֿאָרשער פֿעסטגעשטעלט, אַז זיי ווערן געהאַלטן געגנוג היגיעניש.[1]

די מעבלירונג פֿון די וווינצימערן איז זייער אַ באַשיידענע, בײַ די אָרע־מערע באַשטייט זי נאָר פֿון אַ טיש, בענק, בעטן (אָפֿט מאָל שלאָפֿט מען בכלל אויף ברייטע בענק), אַ קופֿערט; בײַ די רײַכערע טרעפֿט מען נאָך אַ שאַפֿע, שטולן.

אין דעם אָנטון זיך שיידט זיך דער יִדישער לאַנדווירט בכלל נִיט אונטער פֿון אַ קליינשטעטלשן יִדן. די יִדישע לאַנדווירטן גייען על פּי רובֿ נִיט באָרוועס, אַנדערע האַלטן עס אַפֿילו פֿאַר אַ שאַנד. פֿאַראַן אָבער אַזעלכע וואָס שעמען זיך נִיט צו גיין באָרוועס.

**דאָס עסן.** די יִדישע לאַנדווירטן, וועלכע איך האָב באַזוכט, האָבן נִיט געוואָלט אויסזאָגן דעם „סוד“ פֿון זייער עסן. איך האָב זיך געמיט צו דערגיין דאָס דרך־אַגבֿ אויפֿן וועג פֿון אָבסערוואַציעס. אָבער דאָס איז מיר

---

[1] פֿאַרגלײַך: L. Babicki, Lejpuny. W-wa 1931. S. Salit, Kolonja Izaaka. W-wa 1934.

גערעאָטן גאָר אין אַ קליינער מאָס. איך פלעג למשל לענגער בלייבן אין אַ שטוב, כדי צו דערוואַרטן זיך, ביז די משפחה וועט זיך זעצן צו מיטאָג. איך פלעג זיך אָבער אויף דעם ניט קענען דערוואַרטן, ווײַל מײַן בײַזײַן האָט קענטיק געשטערט. איין אַלגעמיינע באַמערקונג מעג מען מאַכן: די ייִדישע לאַנדווירטן עסן דער עיקר מילכיקס און גרינסן פון אייגענער פּראָדוקציע. פלייש קומט געוויינטלעך איין מאָל אין וואָך — שבת. ווינטערצײַט עסט מען מער פלייש. ווי אַ בײַשפּיל וועל איך אויסרעכענען די מאכלים וואָס איך פלעג קריגן בײַ די ייִדישע לאַנדווירטן בעת מײַנע רײַזעס: אַרבעסזופּ, „פּיראָגן״ (אין דער ליטע רופט מען עס קרעפּלעך), קאַרטאָפל מיט זויערמילך, אייער, ברויט מיט פּוטער, געקאָכטע באָבעס מיט קוקורוזע־קאַשאַנעס. דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס מען האָט געקענט קריגן. די שבתדיקע מאכלים זײַנען די טראַדיציאָנעלע. זייער פאַרשפּרייט און באַליבט איז דער קאַרטאָפל־טייגעכץ, באַקאַנט דאָ אונטערן נאָמען „מאַנדעבורטשיק״, וועלכן מען טרעפט יעדן שבת בײַ אָרעם און רײַך.

ווי נידעריק עס איז, וועדליג מיר זעען, דער לעבנס־ניוואָ פון דעם ייִדישן לאַנדווירט, איז ער דאָך אָפט מאָל העכער פאַרן לעבנס־ניוואָ פון זײַן שכן — דעם אוקראַיִנישן פּויער. אָבער עס זײַנען אויך פאַראַן פאַלן, ווו עס איז קיין אונטערשייד נישטאָ. למשל אַ טייל ייִדישע לאַנדווירטן באַנוצן פאַר דער אייגענער קיך, פּונקט ווי די ניט־ייִדישע פּויערים, די וואַסערזאַלץ, וועלכע מען באַקומט פון די אַ״ג „באַניעס״ (זאַלצקוואַלן) פאַר אַ מינימאַלן פּרײַז צו פיטערן די בהמות.

IX

# ייִדישער גרויסער ערד־אייגנטום

אין די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם י״ה איז, ווי שוין דערמאָנט, אויפֿגעקומען אין גאַליציע אַ לפּי ערך אַ היפּשער שיכט פֿון ייִדישע בעלי־בתּים פֿון גרויסע מאַיאָנטקעס. עס איז אָנגענומען, אַז די ערשטע האָבן זיך גענומען אײַנקויפֿן הויפֿן גרויסע סוחרים און אינדוסטריעלער, וואָס האָבן דאָס געטאָן ניט אַזוי צוליב געשעפֿט, ווי כּדי אײַנצוקויפֿן זיך אין יחוס—צו געהערן צו דעם פּריווילעגירטן פּריצים־קלאַס. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָבן זיך די ייִדישע פּריצים אַרויסגעוויזן פֿאַר גוטע בעלי־בתּים. פּראָפֿ׳ בוּיאַק שרײַבט וועגן זיי אַזוי:[1] „ייִדן הייבן געוויינטלעך אָן צו ווירטשאַפֿטן, ניט פֿאַרמאָגנדיק קיין פֿאַכמענישע אויסבילדונג און אויך שפּעטער שטייט בײַ זיי אויפֿן ערשטן פּלאַן אַ געשיקטע געשעפֿטס־פֿירונג און די האַנדלזײַט פֿון דער ווירטשאַפֿט. צו ביסלעך אָבער שאַפֿן זיי זיך אײַן די נייטיקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ידיעות פֿון ביכער און אָבסערוואַציע. צווישן די וואָס ווענדן זיך נאָך עצות צו דער אויס־פֿאָרש־סטאַציע אין דובלאַני, בילדן די ייִדן קענטיק ביז 80 פּראָצ׳. דאָס ווײַזט, אַז זיי באַהאַנדלען ראַציאָנאַל זייער פֿאַך״. אויך דער פֿאַרשטאָרבענער פּראָפֿעסאָר י. מיקולאָווסקי־פּאָמאָרסקי, וועלכער האָט אין 1929 באַזוכט אַ ריי ייִדישע הויפֿן אין גאַליציע ווי אַ גאַסט פֿון „קליינפּוילישן פֿאַרבאַנד פֿון לאַנד־ווירטן״, האָט אַרויסגעזאָגט אַ גוטע מיינונג וועגן זייער ווירטשאַפֿטלעכן צושטאַנד.

ליידער איז ניטאָ קיין באַגלייבטע סטאַטיסטיק וועגן ייִדישן גרויסן ערד־אייגנטום אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט. מיר פֿאַרמאָגן אמת ציפֿערן פֿון 3 מקורים וועגן דעם. זיי זײַנען זיך אָבער שטאַרק סותר איינע די אַנדערע, — אמת איז, אַז זיי געהערן צו פֿאַרשיידענע יאָרן. די ציפֿערן שטאַמען פֿון:

1) די דאַטעס פֿון דער ציילונג פֿון גרויסן ערד־אייגנטום (איבער 50 האַ) אין פּוילן, וואָס עס האָט דורכגעפֿירט דער סטאַטיסטישער הויפּטאַמט אין 1921. לויט די דאַטעס האָבן זיך אין דעם יאָר געפֿונען אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט אין אירע הײַנטיקע אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן 17 ייִדישע מאַיאָנטקעס (רעכענענדיק פֿאַר אַן איינס שטחים, וועלכע געהערן צו איין בעל־הבית, ניט יעדער פֿאָלוואַרעק באַזונדער) אויף דער אַלגעמיינער צאָל 387 פּריוואַטע מאַיאָנטקעס, וואָס באַטרעפֿט 4,4 פּראָצ׳. די 17 מאַיאָנטקעס

[1] Fr. Bujak, Galicja. Lwów-Warszawa 1908.

האָבן געהאַלטן 6192 האַ, דאָס האָט באַטראָפֿן 2,1 פּראָצ׳ פֿון דעם אַלגעמיינעם שטח פֿון דעם גרויסן ערד-אייגנטום אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט (289.239 האַ).[1]

2) די דאַטעס פֿון דער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 וועגן דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, באַאַרבעט דורך י. באָרנשטיינען. לויט אים זײַנען אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט געווען 176 ייִדישע ווירטשאַפֿטן איבער 50 האַ די גרייס מיט אַ שטח פֿון 31.999.76 האַ.

3) די דאַטעס וואָס מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט לויט די „ביכער פֿאַר באָדן-רעזערוו“ פֿון דעם סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אַמט וועגן די מאַיאָנטקעס איבער 180 האַ. לויט אָט די דאַטעס זײַנען אין 1934 יאָר געווען אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט 17 ייִדישע מאַיאָנטקעס פֿון איבער 180 האַ די גרייס, רעכענענדיק פֿאַר אַן איינס די שטחים, וועלכע געהערן צו איין בעל-הבית אויף דער אַלגעמיינער צאָל 154, וואָס באַטרעפֿט 11 פּראָצ׳. די 17 מאַיאָנטקעס האָבן געהאַלטן 16.373,2 האַ וואָס באַטרעפֿט 7,3 פּראָצ׳ פֿון דעם אַלגעמיינעם שטח פֿון די מאַיאָנטקעס איבער 180 האַ אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט (224.557,5 האַ).

די דאַטעס פֿון דעם ערשטן מקור נעמען אַרום מאַיאָנטקעס אין פֿולן זינען פֿון וואָרט, ניט גלאַט ווירטשאַפֿטן איבער 50 האַ, אָבער זיי זעען אונדז אויס ווײַט ניט קיין פֿולע. מיר נעמען דאָס אָן אויפֿן סמך פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט מיט דער געגנט, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיי פֿאַרגליכן מיט דער רשימה פֿון ייִדישע הויפֿן, וועלכע מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט לויט די פּרעגבויגנס פֿון דער סטאַטיסטישער אַקציע אין 1928, וואָס עס האָבן אויסגעפֿילט די וואָיטן, און מיט די סטאַטיסטישע ביכער וועגן פּאַרצעלאַציע פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אַמט.

די דאַטעס פֿון דעם צווייטן מקור גיבן בכלל ניט קיין השגה וועגן דער צאָל ייִדישע מאַיאָנטקעס אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט. די גרויסע צאָל 176 נעמט מן הסתם אַרײַן אויך די אַרענדירטע הויפֿן, פּאָלאָנינעס און בכלל ערד-שטחים איבער 50 האַ, אַפֿילו אַזעלכע וואָס זײַנען גאָרניט קיין הויפֿן (אַזעלכע זײַנען דער עיקר פֿאַראַן אין באַרגיקן ראַיאָן).

מער באַגלייבט זײַנען די ציפֿערן פֿון דעם דריטן מקור, עס איז אָבער נייטיק די באַוואָרעניש, אַז אייניקע פֿון די הויפֿן, וועלכע די דאָזיקע סטאַטיסטיק נעמט אַרום, זײַנען שוין אין גאַנצן אָדער טיילווײַז פּאַרצעלירט געוואָרן. די דאָזיקע ענדערונגען זײַנען אָבער איבער נאָך איבער פֿאָרמעלע טעמים ניט פֿאַרנאָטירט געוואָרן אין די ביכער.

די אײַנטיילונג פֿון דער ערד לויט איר באַנוץ אין די ייִדישע מאַיאָנטקעס איבער 180 האַ די גרייס, לויט די „ביכער פֿאַר באָדן-רעזערוו“ פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדישן אַמט שטעלט פֿאָר די טאַבעלע XLI (ז׳ 117).

---

1 פֿאַרגלײַך: Wielka własność rolna. Statystyka Polski G. U. S. T. V. W-wa 1925.

# טאבעלע XLI

## די ערד לויט איר באנוץ אין יידישע מאיאנטקעס איבער 180 הא

| | אלגעמיינער שטח אין הא | לאנדווירטשאפטלעך באנוצטע ערד: צוזאמען | פון דעם: אקער-פעלד | לאנקעס | פאשע-ערד | סעדער און גערטנער | וועלדער | ערד ניט צום נוצן און אנדערע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אבס׳ | 16 373,2 | 6 009,1 | 4060,9 | 927,9 | 969,9 | 50,4 | 100 91,8 | 272,3 |
| % | 100,0 | 36,7 | 24,8 | 5,7 | 5,9 | 0,3 | 61,6 | 1,7 |

איבער $^{3}/_{5}$ פון דער ערד אין די יידישע מאיאנטקעס פון איבער 180 הא באשטייען פון וועלדער. נאר איבער א $^{1}/_{3}$ פון אלגעמיינעם שטח ערד ווערט לאנדווירטשאפטלעך באנוצט.

א באזונדער מין פון גרויסן ערד-אייגנטום זיינען די פאלאניעס.[1] א טייל פון זיי געהערן שוין פון לאנגע יארן צו יידן, וועלכע ציען פון זיי זייער חיונה. די יידישע פאלאניעס זיינען אבער שטענדיק אויסגעשטעלט אויפן גוטן אדער בייזן ווילן פון פארשיידענע פאקטארן. ניט איין מאל האט מען שוין געהערט שטימען וועגן אפנעמען ביי די יידן די פאלאניעס. תירוצים פעלן דערביי ניט. קיין גענויע סטאטיסטיק פון די פאלאניעס זיינען נאך עד היום ניטא. די הויפט-שוועריקייט ביים צונויפשטעלן זי איז די ניט-פינקטלעכקייט פון די קאטאסטער-פארשרייבונגען און אויך דאס וואס עס פעלן מעסטונגען פון די פאלאניעס-שטחים, ווייל זיי זיינען שוין ניט געמאכט געווארן פון כמה יארן.

---

[1] פארגלייך אויבן ז׳ 38 א״ו.

# X

# ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס

ביז נאָך דער מלחמה האָט די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח-גאַליציע ניט אַרויסגעוויזן דעם ווילן צו שאַפֿן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. די קליינע לאַנדווירטשאַפֿט האָט בכלל ניט פֿאַרשטאַנען די וויכטיקייט פֿון דעם; די גרויסע ערד-אייגנטימער האָבן געהערט צו דער אַלגעמיינער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען פֿאַר דער מלחמה טעטיק אין מזרח-גאַליציע.

דער דאָזיקער מצבֿ האָט זיך געביטן נאָך דער מלחמה, ווען די אַלגעמיינע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע Towarzystwo Gospodarskie wschodniej Małopolskiej האָט אויסגעשלאָסן די ייִדישע לאַנדווירטן דורך אַ געהעריקן פּונקט אין סטאַטוט. נאָך דער מלחמה האָבן די ייִדישע גרויסע ערד-אייגנטימער אָנגעהויבן שרעקן זיך, אַז מען זאָל זייערע מאַיאָנטקעס ניט פֿאַרצעלירן. די ביידע מאָמענטן האָבן מיטגעווירקט דערצו, אַז די ייִדישע ערד-אייגנטימער זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַן אייגענעם פֿאַרבאַנד. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר-קאָמיטעט, וועלכער האָט דעם 1924/III/8 אַרויסגעלאָזן אַן „אויפֿרוף צו די ייִדישע לאַנדווירטן"[1] (געמיינט די גרויסע אייגנטימער) צו קומען אויף אַ „גענעראַלן צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישע לאַנדווירטן". דער צוזאַמענפֿאָר איז דעם 1924/III/24 פֿאָרגעקומען אין לעמבערג און האָט געשאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע ערד-אייגנטימער און אַרענדאַטאָרן אין דער פֿאָרם פֿון אַ קאָאָפּעראַטיוו Małopolski związek rolników („קליינפּוילישער פֿאַרבאַנד פֿון לאַנדווירטן"), מיטן זיצאָרט אין לעמבערג. דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער עקסיסטירט ביזן הײַנטיקן טאָג, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער ריין קאָמערציעלער זײַט, נאָר האָט אויך געשטרעבט צו זײַן די רעפּרעזענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן אין מזרח-גאַליציע. דער פֿאַרבאַנד האָט שטענדיק באַטאָנט, אַז ער איז אויפֿגעקומען נאָר דערפֿאַר, וואָס מען האָט די ייִדן ניט אַרײַנגענומען אין דער אַלגעמיינער פּריצישער אָרגאַניזאַציע, האָט אויך שטענדיק געשטרעבט צו אַ מיטאַרבעט מיט דער לעצטער. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אַזוי ווי אויסבאַהאַלטן זײַן ייִדישקייט, לויט דעם נאָמען זײַנעם קאָן מען ניט דערקענען, אַז ער איז אַ ייִדישע אָרגאַניזאַציע.

---

1 געפֿינט זיך אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ.

פֿאַקטיש אָבער האָט ער פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט בכלל. איין וויכטיקע אויפֿגאַבע האָט דער פֿאַרבאַנד אויסגעפֿירט דערמיט וואָס ער האָט פֿון די ערשטע טעג פֿון זיין עקסיסטענץ געמאַכט באַמיִונגען, מען זאָל אָנהייבן אין מזרח-גאַליציע אַן אַרבעט לטובת די קליינע ייִדישע לאַנדווירטן. אונטער זיין פֿירמע און ביי זיין מיטהילף איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין 1928 די סטאַטיסטישע אַקציע וועגן דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע, וועלכע איז געווען דער אָנהייב פֿון אַן אָרגאַניזיר-אַקציע פֿון די קליינע ייִדישע לאַנדווירטן אין דער געגנט.

אין 1928 האָבן די ייִדישע גרויסע ערד-אייגנטימער, געשאַפֿן נאָך אַן אייגענע אַלגעמיין לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע א״נ Związek mało-polskich rolników.

די אַרבעט פֿון ייִקאָ לטובֿת דער ייִדישער קליינער לאַנדווירטשאַפֿט אין מזרח-גאַליציע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין יאַנואַר 1931, ווען די ייִקאָ האָט אונטער דער ווירקונג פֿון אַ גרופּע אָרטיקע כּלל-טוער געעפֿנט אַן אָפּטיילונג אין לעמבערג פֿאַר דער סטאַניסלאַווער, לעמבערגער און טאַרנאָפּאָלער וואָיעוואָדשאַפֿט.

די אַרבעט פֿון דער לעמבערגער אָפּטיילונג פֿון ייִקאָ באַשטייט אין אַזעלכע צווייגן:

1) אויספֿאָרשונג. איר הויפּטציל איז צו באַקענען זיך מיטן מצבֿ פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן, קודם כּל אין די פּונקטן, ווו עס געפֿינען זיך גרעסערע קיבוצים זייערע. די אויספֿאָרשונג פֿירן אַגראָנאָמען אָנגעשטעלט פֿון ייִקאָ לויט ספּעציעלע פֿרעגבויגנס. ביזן סוף 1934 האָט די אָפּטיילונג אויסגעפֿאָרשט אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט (אָן טורקער פּאָוויאַט) 1644 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן מיט אַ פֿאַרמעגן פֿון 9769 האַ אייגענע ערד.

2) אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן. אין אַ ריי פּונקטן, ווו עס געפֿינען זיך אַ גרעסערע צאָל ייִדישע לאַנדווירטן, האָט די ייִקאָ זיי אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיווע פֿאַרבאַנדן א״נ „Związek rolniczy“ די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן חוץ דעם ווירטשאַפֿטלעכן ציל (איינקויפֿן בשותּפֿות די נייטיקע סחורות, פֿאַרקויף פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן אד״גל), אויך אַ געזעלשאַפֿטלעך-דערציִערישע באַדייטונג. זיי דאַרפֿן אויך דינען דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער בילדונג. נאָך לויט אונדזער איינדרוק האָבן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרנומען זיך מער פֿון אַלץ מיט קרעדיט-טעטיקייט, וואָס זיי פֿירן דאָס מיט דער הילף פֿון דער ייִקאָ. אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוו׳ עקסיסטירן ביי היינטיקן טאָג 4 אַזעלכע פֿאַרבאַנדן אין די דערפֿער: טשערניעוו (סטאַניסלאַוו׳ פּאָוויאַט), טשאָרטאָוויעץ (האָראָדענקער פּאָוויאַט), ראָזשנוו (קאָסאָווער פּאָוויאַט) און אין דעם שטעטל זאַבלאָטאָוו (שניאַטינער פּאָוויאַט). אַלע צוזאַמען האָבן זיי געהאַט (1935/XII/31) 497 מיטגלידער (זיי נעמען אַריין מיטגלידער אויך פֿון דער

געגנט אַרום). חוץ דעם עקסיסטירט אין דאָרף זשעביע (קאָסאָווער פּאָוויאַט) אַ קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרבאַנד א"נ Związek hodowlano-mleczarski פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן פֿון יענער געגנט, וואָס זייער בעלי-בתּישקייט האַלט זיך דער עיקר אויף האָדעווען בהמות. דעם 1935/XII/31 האָבן זיי געהאַט 101 מיטגלידער. ביַי אַט די פֿאַרבאַנדן (אויסער דעם טשאָרטאָווצער) האָט די ייִקאַ אָרגאַניזירט מילכיקערײַ-קאָאָפּעראַטיוון.

די ייִקאַ האָט אויך געמאַכט פּרוּוון צו שאַפֿן ייִדישע „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך", וועלכע האָבן געדאַרפֿט דער עיקר מיטהעלפֿן צו פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג און אויך דינען פֿאַר אָרגאַנען וואָס דאַרפֿן אַרויסגעבן מיינונגען אין קרעדיט-פֿראַגעס. די דאָזיקע קרײַזלעך זײַנען ניט געווען קיין יורידישע פּערזאָנען, נאָר צוגעגלידערט צו די ייִדישע קרעדיט-פֿאַרבאַנדן. נאָך דעם ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן די „ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט" (ייִלאַג), האָט די ייִקאַ אויפֿגעהערט צו גרינדן אייגענע „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך", נאָר זי העלפֿט מיט צו אָרגאַניזירן אַזעלכע קרײַזלעך ביַי דער געזעלשאַפֿט.

3) לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג. אין דעם פּרט פֿירט די ייִקאַ איר אַרבעט דורך די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און קרײַזלעך. זינט 1932 איז איַינגעפֿירט געוואָרן די סיסטעם פֿון קרײַז-אינסטרוקטאָרן, וועלכע עס האָבן אַנגאַזשירט עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון אַ דאַנק דער ספּעציעלער סובווענץ פֿון דער ייִקאַ אויף דעם צוועק. די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ זייער גוטן מיטל צו פֿאַרשפּרייטן פֿאַכבילדונג צווישן די ייִדישע לאַנדווירטן. דער אינסטרוקטאָר האָט אַ באַשטימטן ראַיאָן, וואָס ער באַקענט זיך גרונטיק מיט זײַנע תּנאָים און אויך מיט די מענטשן, וואָס צווישן זיי דאַרף ער פֿירן די אַרבעט, און ער איז שטענדיק פֿאַרבונדן מיט זיי. לײַדער איז די צאָל קרײַז-אינסטרוקטאָרן זייער אַ קליינע. דער ווערט פֿון זייער אַרבעט ווערט נאָך פֿאַרקלענערט דערפֿון, וואָס מען בײַט זייער זיצאָרט. אין 1932 און 1933 זײַנען אויפֿן שטח פֿון סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט געווען טעטיק צוויי קרײַז-אינסטרוקטאָרן — ביַי די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרבאַנדן אין די דערפֿער מיט דער גרעסטער קאָנצענטראַציע פֿון ייִדישע לאַנדווירטן אין דער געגנט: טשערניעוו (סטאַניסלאַווער פּאָוויאַט) און טשאָרטאָוויעץ (האָראָדענקער פּאָוויאַט). אין 1935 זײַנען געווען אינסטרוקטאָרן ביַי די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרבאַנדן אין טשערניעוו (נאָר ביז סעפּטעמבער) און זאַבלאָטאָוו (שניַטינער פּאָוויאַט).

אין 1936 זײַנען טעטיק אויפֿן שטח פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט אַ גערטנערײַ-אינסטרוקטאָר מיטן זיצאָרט אין קאָסעוו און אַ אינסטרוקטאָר פֿאַר האָדעווען בינען. חוץ דעם באַשעפֿטיקט דער מילך-קאָאָפּעראַטיוו אין זאַבלאָטאָוו אַן אינזשיניער-אַגראָנאָם. אין די איבעריקע טיילן פֿון דער וואָיעוואָדשאַפֿט ווערט די אַרבעט געפֿירט דורך די 2 אַגראָנאָמען פֿון לעמבערגער אָפּטיילונג.

חוץ דער אַקציע פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, וואָס מיר האָבן גערעדט וועגן דעם אויבן, פֿאַרשפּרייטונג פֿון בעסערע גאַטונגען פֿון זריעה און האָדעוואַניע-מאַטעריאַל, פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער קולטיווירונג פֿון נײַע געוויקסן, ווי היילקרײַטעכצער, סאָיע וכדומה, — ווערט לעצטנס געווענדט אַ גרעסערער אויפֿמערק דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון סעדערײַ און בינען-האָדעוואַניע. עס ווערן אַנגאַזשירט דערויף ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן. די סעדערײַ-אַקציע ווערט דער עיקר געפֿירט אין דער געגנט פֿון קאָסעוו און קוטי, וועלכע האָט גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר דעם.

ייִלאַג. אין 1932 איז צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפֿן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן אין פּוילן. עס איז געגרינדעט געוואָרן די „ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿט" (ייִלאַג) מיטן זיצאָרט פֿון דער צענטראַלע אין לעמבערג.

די אָרגאַניזאַציע איז אַן אַלפּוילישע און איז אָנערקענט ווי די רעפּרעזענטאַנץ פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן אין פּוילן, אָבער דערווײַל פֿירט זי איר אַרבעט דער עיקר אין גאַליציע. די גרינדונג אַליין פֿון אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט אַ גרויסע באַדײַטונג, אָבער אויך פּראַקטיש האָט די געזעלשאַפֿט אויפֿצוווײַזן אַ סך אויפֿטוען. הגם עס פֿעלן די געהעריקע מאַטעריעלע מיטלען, האָט די ייִלאַג באַוויזן במשך פֿון דער קורצער צײַט פֿון איר עקזיסטענץ צו אַנטוויקלען אַ וויכטיקע טעטיקייט. די אַרבעט פֿון ייִלאַג באַשטייט פֿון אַזעלכע פּונקטן:

1) רעפּרעזענטאַציע פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן און פֿאַרטיידיקונג פֿון זייערע אינטערעסן. די טענדענץ פֿון דער מאַכט אין פּוילן איז מיטצואַרבעטן אויפֿןווירטשאַפֿטלעכן געביט מיט פּראָפֿעסיאָנעלע קאָרפּאָראַציעס. אויפֿן געביט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט איז די אָפֿיציעלע קאָרפּאָראַציע די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער. דעריבער איז פֿאַר דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט געווען וויכטיק ביז גאָר צו זײַן רעפּרעזענטירט אין די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמערן, בפֿרט אין דער לעמבערגער, וואָס ווירקט אין 3 וואָיעוואָדשאַפֿטן פֿון מזרח-גאַליציע, אין וועלכע עס לעבן טויזנטער ייִדישע לאַנדווירטן. און דער ייִלאַג איז טאַקע אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאַמער ווי די אָפֿיציעלע פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטן. חוץ דעם פֿאָרשטייער פֿון ייִלאַג גייען אַרײַן נאָך צוויי ייִדישע מיטגלידער אין דער קאַמער: איינער אַ פֿאָרשטייער פֿון „Związek małopolskich rolników", דער צווייטער נאָמינירט פֿון אַגראַר-מיניסטער ווי דער פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָאָפּעראַציע. אַ דאַנק דעם איז די ייִלאַג שטענדיק אינפֿאָרמירט וועגן יעדן פּראָיעקטירטן געזעץ, און אין פֿאַל ווען ער איז געווענדט קעגן די אינטערעסן פֿון ייִדישן לאַנדווירט, קען זי באַצײַטנס צוגרייטן אַ פֿאַרטיידיקונגס-אַקציע. עס איז כּדאַי אונטערצושטרײַכן, אַז די לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער איז די איינציקע אין גאַנץ פּוילן, וועלכע האָט ייִדישע ראַטמענער.

2) אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט. די ייִלאַג איז געבויט לויטן מוסטער פֿון די פּוילישע און אוקראַיִנישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דאָס נידעריקסטע קעמערל פֿון דער אָרגאַניזאַציע בילדעט דאָס אַ״ג „ווירטשאַפֿטלעכע קרײַזל״. עס קען ווערן געגרינדעט אין יעדן ייִשובֿ, ווו עס געפֿינען זיך לכל-הפּחות 10 ייִדישע לאַנדווירטן, וואָס ווילן אַזאַ קרײַזל שאַפֿן. די איינציקע קרײַזלעך אין אַ באַשטימטער געגנט ווערן פֿאַראייניקט אין אַ״ג „ווירטשאַפֿטלעכע קרײַז-געזעלשאַפֿטן״, וועלכע שטייען אונטער דער צענטראַלע אין לעמבערג. צו דער ייִלאַג געהערן אויך קרובֿישע אינסטיטוציעס, ווי די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון וכדומה.

אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט האָט די ייִלאַג — לויט דעם צושטאַנד פֿון 36/III/1 — 4 צײַטווײַליקע (אַ״ג דעלעגאַטורן) און 2 שטענדיקע „ווירטשאַפֿטלעכע קרײַז-געזעלשאַפֿטן״, וועלכע פֿאַראייניקן בס״ה 24 „ווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך״, מיט דער אַלגעמיינער צאָל 379 מיטגלידער. חוץ דעם זײַנען צו דער ייִלאַג אָנגעשלאָסן אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט 8 ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, מיט דער אַלגעמיינער צאָל 954 מיטגלידער (לויט דעם צושטאַנד פֿון 1935/XII/31).

אָרגאַניזירן די ייִדישע לאַנדווירטן אין „ווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך״ וואָלט געווען אַ גרויסער אויפֿטו. צום באַדויערן גייט די אַרבעט נאָך שוואַך, ווײַל עס פֿעלן די געהעריקע אָרגאַניזאַטאָרישע כּוחות.

3) לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג. די אַרבעט אין דעם פּרט ווערט דער עיקר געפֿירט דורך „דעם ייִדישן לאַנדווירט״. ייִלאַג נעמט אויך אַן אָנטייל אין דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, אָרגאַניזירט פֿון צײַט צו צײַט פֿליקורסן, רעפֿעראַטן וכדומה. לעצטנס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער „פֿאָנד פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קולטור א״נ פֿון אינזש׳ אַגר׳ ש. לאַנדע ז״ל״, וועלכער וועט באַנוצט ווערן אויף פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קולטור צווישן ייִדן.

כּדי צו פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג, קודם כּל צווישן דער שטאָטישער ייִדישער יוגנט, האָט די סטאַניסלאַווער דעלעגאַטור פֿון ייִלאַג געגרינדעט זומער 1935 אין צענטער שטאָט „קליינע גערטנדלעך״ (Ogródki działkowe). אָט די „קליינע גערטנדלעך״ זײַנען בײַ דעם הײַנטיקן טאָג געוואָרן אַ שטאַרקע און ברייטע באַוועגונג, ניט בלויז אין אויסלאַנד, נאָר אויך אין פּוילן. זיי ווערן געשאַפֿן, אין אַלגעמיין גענומען, פֿאַר דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג — פֿאַר די וועלכע זײַנען דערווײַטערט פֿון דער נאַטור. באַאַמטע, אַרבעטער און בכלל שטאָטמענטשן האָבן די מעגלעכקייט, אַ דאַנק די „קליינע גערטנדלעך״, צו פֿאַרברענגען אַ געוויסע צײַט פֿון טאָג אין אַרבעט אויף פֿרישער לופֿט און קענען באַזאָרגן זייערע משפּחות מיט די נייטיקסטע גרינסן. די גערטנדלעך געפֿינען זיך אין שטאָט. די אַרבעט אין זיי איז ניט קיין שווערע און דערפֿאַר קענען זיי דינען ווי אַן ערשטער עטאַפּ אין דער

לאַנדווירטשאַפֿטלעכער הכשרה פֿון דער ייִדישער יוגנט. דער פּרוּוו וואָס די סטאַניסלאַווער דעלעגאַטור פֿון ייִלאַג האָט געמאַכט מיט די „קליינע גערטנדלעך“ האָט בכלל גערעדט געוויזן, אַז בײַ אַ געהעריקער אָרגאַניזאַציע זײַנען זיי אַ גוטער מיטל אויסצולערנען די ייִדישע יוגנט (דער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן מיט יוגנט-אָרגאַניזאַציעס) דעם א״ב פֿון גערטנערײַ און אַפֿילו פֿון לאַנדווירטשאַפֿט.

4) **די באַזאָרגונג פֿון ייִדישע סטודענטן-אַגראָנאָמען** מיט ערטער צו פּראַקטיקירן. די לעצטע יאָרן האָט אין פּוילן זיך פֿאַרגרעסערט די צאָל סטודענטן-אַגראָנאָמען, און פֿאַר זיי איז די פֿראַגע וועגן לאַנדווירטשאַפֿטלעכער פּראַקטיק שטענדיק זייער אַ האַרבע. פֿון די ערטער אויף פּראַקטיק, וואָס די אוניווערסיטעטן גופֿא האָבן אין זייער רשות, קאָנען די ייִד׳ סטודענטן ניט געניסן. די ייִד׳ סטודענטן-אָרגאַניזאַציעס האָבן געפּרוּווט עפּעס טון אין דעם פּרט, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געפּועלט. דעריבער טוט די ייִלאַג זייער אַ גרויסע זאַך דערמיט, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו באַזאָרגן די ייִדישע סטודענטן-אַגראָנאָמען מיט ערטער אויף פּראַקטיק, און זי פֿירט דאָס דורך מיט הצלחה.

**די לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער און די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט.** די לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער איז די איינציקע אין פּוילן, וואָס האָט, ווי געזאָגט, פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין איר ראַט (3 מיטגלידער). דער קאָנטאַקט צווישן דער קאַמער און דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט ווערט אָנגעהאַלטן דורך דער ייִלאַג, וואָס אירע פֿאָרשטייער נעמען אָנטייל אין די פֿיל קאָנפֿערענצן פֿון דער קאַמער. די ייִלאַג באַקומט אויך די צירקולאַרן פֿון דער קאַמער, ענטפֿערט אויף אירע אַנקעטעס אד״גל. דער קאָנטאַקט ווערט אָנגעהאַלטן אין אַ געוויסער מאָס אויך אין דער געגנט. די אינסטרוקטאָרן פֿון דער קאַמער פֿון אייניקע ערטער האָבן מיטגעאַרבעט מיט די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס בײַם אָרגאַניזירן פֿליקורסן פֿאַר די קאָנקורס-גרופּעס פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג, בײַם אײַנאָרדענען אויסשטעלונגען וכדומה. די לעמבערגער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמער האָט לעצטנס געגעבן דער ייִלאַג אויך אַ סובווענץ פֿון 500 גילדן פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג. די דאָזיקע קליינע סומע האָט פֿאַרשטייט זיך מער אַ מאָראַלישן ווי פּראַקטישן באַטײַט.

## די ייִדישע מילך-קאָאָפּעראַציע

זינט דעם ערשטן טאָג פֿון איר עקסיסטענץ גיט די לעמבערגער אָפּטיילונג פֿון ייִקאָ אָפּ איר אויפֿמערק דער מילכווירטשאַפֿט אין די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעלי-בתּישקייטן: קודם כּל האָט זי געגרינדעט 11 מילך-קאָאָפּעראַטיוון, פֿון זיי זײַנען 7 אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט. די דאָזיקע 7 מילך-קאָאָפּעראַטיוון פֿאַראייניקן (לויטן צושטאַנד פֿון 31/XII/1935) 841 ייִדישע לאַנדווירטן, וועלכע האָבן דעקלאַרירט פּײַען אויף סך-הכּל 46.145 גילדן.

דער אייגענער קאַפּיטאַל פֿון די קאָאָפּעראַטיוון (דעקלאַרירטער און רעזערוו) האָט צו דער דערמאָנטער צייַט באַטראָפֿן 33.232,85 גל. אויף איין מיטגליד פֿאַלט אויס אין דורכשניט 39,52 גל אייגענער קאַפּיטאַל. חוץ דעם געניסן די קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט פֿון י״קאָ.

די פּראָדוקציע און די אויסצאָלונגען פֿון די 7 קאָאָפּעראַטיוון פֿאַר 2 יאָר באַווייַזן אונדז די ווייַטערדיקע ציפֿערן:

| | 1934 | 1935 |
|---|---|---|
| צוגעשטעלט פֿעטס-איינסן . . . . . . . | 13 746 159 | 10 917 408 |
| אויסגעצאָלט די צושטעלער (אין גילדנס) . | 371,633,72 | 278 060,52 |
| פּראָדוצירט: פּוטער (אין קג) . . . . . . . | 137 764 | 107 161 |
| קאָנסומציע-מילך (ליטער) . . . . | 202 765 | 143 079 |
| קעפֿיר (ליטער) . . . . . . . | 2 574 | 3 857 |
| סמעטענע „ . . . . . . . | 15 428 | 13 066 |
| צוואָרעך (פֿעטע און מאָגערע) (קג) | 96 388 | [1]83 588 |
| האַרטע קעזן (קג) . . . . . . . | 31 207 | 32 034 |

פֿאַר די פֿריִערדיקע יאָרן ברענגען מיר ניט די דאַטעס, ווייַל ניט אַלע קאָאָפּעראַטיוון זייַנען שוין דעמאָלט געווען טעטיק. פֿון די 7 קאָאָפּעראַטיוון איז איינער (אין דאָרף ראָזשנוו—קאָסעווער פּאָוויאַט) געגרינדעט געוואָרן סוף 1931, 4 (אין די שטעטלעך: אָבערטין און האָראָדענקע — האָראָדענקער פּאָוויאַט, זאַבלאָטאָוו — שניטינער פּאָוויאַט און אין דאָרף זשעביע — קאָסעווער פּאָוויאַט) במשך פֿון 1932, און 2 (אין דאָרף טשערניעוו—סטאַניסלאָווער פּאָוויאַט און אין שטעטל אָטיניע — טאָלמעטשער פּאָוויאַט) במשך פֿון 1933. די אַלגעמיינע פּראָדוקציע פֿון די קאָאָפּעראַטיוון איז געפֿאַלן אין 1935 אין פֿאַרגלייַך מיטן 1934 בערך אויף 20 פּראָצ׳. פֿון די באַזונדערע פּראָדוקטן איז אויסגעוואַקסן נאָר די אויסאַרבעטונג פֿון קעפֿיר, און אין אַ שוואַכער מאָס אויך פֿון די האַרטע קעזן.

וואָס שייך די אויסצאָלונגען, דאַרף מען באַמערקן, אַז ווען מען פֿאַרגלייַכט זיי מיט דעם סכום פּראָדוקציע אין די באַזונדערע קאָאָפּעראַטיוון, ווייַזט זיך אַרויס, אַז לויט ערך די גרעסטע אויסצאָלונגען האָבן געמאַכט די קאָאָפּעראַטיוון אין שטעטלעך אָדער אין זייער סביבֿה (טשערניעוו).

דער הויפּטפּראָדוקט, וואָס די קאָאָפּעראַטיוון גיבן אַרויס, איז פּוטער. אַן אויסנאַם אין דעם פּרט זייַנען נאָר די קאָאָפּעראַטיוון אין טשערניעוו און זשעביע. אין ערשטן אַרבעט מען כמעט אין גאַנצן ניט אויס קיין פּוטער, ווייַל מען פֿאַרקויפֿט די מילך אין שכנותדיקן סטאַניסלאָוו, אין צווייטן ווידער ווערן

1 אַרייַנגערעכנט אויך די פּראָדוקציע פֿון קאַזעין.

חוץ פוטער אין לפּי ערך גרויסע סכומים אויסגעאַרבעט האַרטע קעזן. קעזן ווערן אויך פּראָדוצירט אין נאָך 4 קאָאָפּעראַטיוון, אָבער שוין אין אַ סך אַ קלע־נערער מאָס (אין 1934 זײַנען כּמעט 80 פּראָצ׳, אין 1935 כּמעט 70 פּראָצ׳ פֿון די קעזן אויסגעאַרבעט געוואָרן אין זשעביע). די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטן אויס פֿאַרשיידענע מינים האַרטע קעז: טראַפּיסטן, עדאַמער, ליטווישן, טילזיטער אד״גל. דער מילך־קאָאָפּעראַטיוו אין זשעביע פּראָדוצירט אין אַ גרויסער מאָס אויך גראָיער קעז. די דאָזיקע קעזן פֿון דעם מין שווייצער קעז ווערן אין זשעביע אויסגעאַרבעט פֿון דעם פּאָלאָנינעס־מילך. זיי האָבן נאָך אייניקע פֿעלערן, וועלכע ווערן אָבער ביסלעכווײַז באַזײַטיקט.

זינט 1933 האָט דער מילך־קאָאָפּעראַטיוו אין טשערניעוו אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן קעפיר, וועלכן ער פֿאַרקויפֿט אין סטאַניסלאַוו און אין די שכנות־דיקע קורערטער. דעם דאָזיקן בײַשפּיל האָבן נאָכגעמאַכט, אין אַ סך אַ קלע־נערער מאָס, אויך אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון.

די פּראָדוקציע פֿון סמעטענע שפּילט אַ געוויסע ראָלע אין די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, ווי: טשערניעוו, האָראָדענקע, אָטיניע.

די פּראָדוקציע פֿון צוואָרעך איז ניט קיין הכנסה־צווײַג. גיכער ווערט זי פּראָדוצירט על־פּי נויט. די מילכיקערײַען, וואָס קאָנען ניט אומקערן זייערע צושטעלער די מאָגערע מילך, וועלכע בלײַבט נאָכן סעפּאַרירן די פֿולע מילך (די ייִדישע לאַנדווירטן האָדעווען ניט קיין חזירים), זײַנען געצוווּנגען איבער־צואַרבעטן די מאָגערע מילך אויף צוואָרעך, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער קאַלקולאַציע. בלויז אין אָטיניער מילך־קאָאָפּעראַטיוו ווערט די מאָגערע מילך אויסגענוצט פּראָדוקטיוו, ווײַל דאָרט איז פֿאַראַן אַ קאַזעין־פֿאַבריק, וועלכע איז סוף 1934 — אַ דאַנק דער הילף פֿון ייִקאָ — אַריבער אין רשות פֿון קאָאָפּעראַטיוו.

קאָנסומציע־מילך פֿאַרקויפֿן נאָר די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון, אין דער ערשטער ריי — טשערניעוו, וועלכע האָט זייער אַ גינציקן אָפּזאַצמאַרק אין סטאַניסלאַוו.

מיטן וווּקס פֿון דער צאָל ייִדישע מילך־קאָאָפּעראַטיוון אין מזרח־גאַליציע איז צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן דאָרט אַ צענטראַלע, וועלכע זאָל קודם כּל אָרגאַניזירן ווי געהעריק דעם פֿאַרקויף פֿון די אויסגעאַרבעטע פּראָ־דוקטן און אײַנקויף פֿון די נייטיקע מכשירים און מאַטעריאַלן. אַזאַ צענטראַלע איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די דעלעגאַטן פֿון די מילך־קאָאָפּעראַטיוון אין ראָזשנעוו, אָבערטין און זשעביע, פֿאַרשטייער פֿון ייִקאָ און דער עקספּאָזיטור פֿאַר קליינפּוילן פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע קאָאָפּע־ראַטיווע געזעלשאַפֿטן אין פּוילן״, וועלכע איז פֿאָרגעקומען דעם 1932/VI/29 אין קאָלאָמיי. די צענטראַלע טראָגט דעם נאָמען „פֿאַראייניקטע ייִדישע מילכערײַ־און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרבאַנדן „חמאה״—קאָאָפּעראַטיוו מיט באַגרענעצטער אַחריות״. בײַ הײַנטיקן טאָג געהערן צו דער „חמאה״ די 11 ייִדישע מילך־

קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע עקסיסטירן אין מזרח-גאַליציע, און אויך ייִלאַג. די עיקר אַרבעט פֿון „חמאה" באַגרענעצט זיך דערוויַיל אין אָרגאַניזירן דעם פֿאַרקויף פֿון די פּראָדוקטן פֿון אירע מיטגלידער אין די אייגענע געשעפֿטן, וועלכע זי האָט געעפֿנט. איר קונדשאַפֿט איז דער עיקר אַ ייִדישע. אויפֿן שטח פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאַרמאָגט „חמאה" 2 שטענדיקע געשעפֿטן: אין סטאַניסלאַוו (הורט און לאַחדים) און קאָלאָמיי (נאָר לאַחדים) און 1 סעזאָן-געשעפֿט (זומערציַיט) אין קוראָרט יאַרעמטשע. די ייִדישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט שטעלן צו זייערע פּראָדוקטן טיילוויַיז אין די אויסגערעכנטע געשעפֿטן, טיילוויַיז דער צענטראַלע אין לעמבערג. די טאַב' XLII וויַיזט, וועלכע פּראָדוקטן און אין וואָס פֿאַר אַ צאָל האָבן צוגעשטעלט דער „חמאה" די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט במשך פֿון די יאָרן 1934 און 1935.

## טאַבעלע XLII

פּראָדוקטן וואָס די ייִדישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון פֿון סטאַניסל' וואָיעוו' האָבן צוגעשטעלט דער „חמאה" אין די יאָרן 1934 און 1935

| צוגעשטעלטער פּראָדוקט | 1934 | | 1935 | |
|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוטע צאָל | % לגבי דער פּראָדוקציע פֿון די קאָאָפּעראַטיוון | אבסאָלוטע צאָל | % לגבי דער פּראָדוקציע פֿון די קאָאָפּעראַטיוון |
| פּוטער קג . . . . . . . . | 91 961 15 | 66,8 | 69 619 85 | 65,0 |
| סמעטענע ליטער . . . . . | 4 691 15 | 30,4 | 4 554 35 | 34,8 |
| צוואָרעך קג . . . . . . . . | 27 814 30 | 28,9 | 24 137 | —[1] |
| מילך ליטער . . . . . . . . | 19 321 | 9,5 | 9 792 50 | 6,8 |
| קעפֿיר ליטער . . . . . . . | 1 830 50 | 71,1 | 2 401 75 | 62,3 |
| האַרטע קעז קג . . . . . . | 9 204 21 | 29,5 | 15,894 65 | 49,6 |

אין 1935 האָט די „חמאה" אויסגעצאָלט די 7 ייִדישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון פֿון דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט פֿאַר צוגעשטעלטע פּראָדוקטן 191.289,81 גל.

די טאַבעלע XLII ברענגט אַרויס אויף דער שיַין איינעם פֿון די שוואַכסטע פּונקטן פֿון דער „חמאה", הײַנו וואָס די מילך-קאָאָפּעראַטיוון שטעלן איר ניט צו דעם גאַנצן סכום פֿון זייער אויסאַרבעטונג. דערצו זײַנען גורם צוויי סיבות:

1 ניט באַרעכנט די %, וויַיל די דאַטעס וועגן דער פּראָדוקציע נעמען אַרום צוואָרעך מיט קאַזעין צוזאַמען.

1) האָט די „חמאה“ ניט גענוג אויסקער-קאַפּיטאַל, און דערפֿאַר קאָן זי ניט רעגולער אויסצאָלן; 2) באַקומען די קאָאָפּעראַטיוון אין געוויסע צײַטאָפּשניטן העכערע פּרײַזן בײַם פֿאַרקויפֿן אויפֿן אָרט.

חוץ די פּראָדוקטן וואָס די קאָאָפּעראַטיוון שטעלן צו פֿאַרקויפֿט „חמאה“ אין אירע געשעפֿטן אויך אַנדערע מינים שפּײַז, ווי: האָניק, אייער, קאָנסערוון אד"גל, וועלכע ווערן געוויינטלעך פֿאַרקויפֿט אין אַלע ענלעכע געשעפֿטן.

פֿון דער קורצער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער ייִדישער מילך-קאָאָפּעראַציע זעען מיר, אַז זי איז אי זייער קליין, אי זייער גרויס. קליין אין פֿאַרגלײַך מיט דער מילך-קאָאָפּעראַציע פֿון די שכנותדיקע פֿעלקער, קודם כל פֿון די אוקראַינער; גרויס לגבי דער קורצער צײַט פֿון איר עקסיסטענץ, דער לפּי ערך קליינער צאָל פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן און זייער צעוואָרפֿנקייט, דאָס פֿעלן פֿון אונטער-שטיצונג מצד די שײַכותדיקע מאַכטאָרגאַנען וכדומה.

אַ גרויסן קלאַפּ האָט לעצטנס געליטן די יונגע ייִדישע מילך-קאָאָפּעראַציע, און דורך דעם די גאַנצע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט, וואָס זי איז סוף 1934 אָפּגעטיילט געוואָרן פֿון דעם ייִדישן רעוויזיאָנס-פֿאַרבאַנד און פֿאַראייניקט אָנהייב 1935 מיט דעם נײַ געשאַפֿענעם אַלגעמיין-מלוכישן פֿאַרבאַנד פֿון די לאַנד-ווירטשאַפֿטלעכע קאָאָפּעראַטיוון.[1] עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז די אוקראַינישע און דײַטשע קאָאָפּעראַטיוון זײַנען געבליבן בײַ זייערע פֿאַרבאַנדן. דאָס איז געשען לויט אַ באַשלוס פֿון דעם מלוכישן קאָאָפּעראַטיוון ראַט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פּוילן. דורך דעם זײַנען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטאַרקער סכּנה די ביזאיצטיקע דערגריי-כונגען פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אויף דעם געביט. עס איז אויך אַ ספֿק, צי עס וועלן קאָנען ווערן געגרינדעט נײַע ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון. די אָרגאַ-ניזירטע ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט האָט אויפֿגענומען די דערמאָנטע פֿאַראָר-דענונג ווי אַ גזרה און האָט זיך שטאַרק אַקעגנגעשטעלט. דעם 8טן יאַנואַר 1935 איז אין סטאַניסלאַוו פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון די ייִדישע לאַנד-ווירטן און קאָאָפּעראַטיווע טוער, צוזאַמענגערופֿן דורך דער ייִלאַג, וועלכע האָט אויסגעדריקט די שטעלונג פֿון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין אַזעלכע רעזאָלוציעס:[2] 1) די אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט באַזירט זיך אויף אַ געזונטער און שטאַרקער קאָאָפּעראַציע און דעריבער קען אויך די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אָן דעם דאָזיקן יסוד ניט עקסיסטירן. 2) דער ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט מיט דער קולטורעל דערצי-ערישער, די אונטערשיידן אין שפּראַך, רעליגיע, לעבן-שטייגער, די ספּעציפֿישע

---

[1] Związek spółdzielń rolniczych i zarobkowo-gospodarczych Rzeczypospolitej Polskiej.

[2] ציטירט לויט „דעם ייִדישן לאַנדווירט“, יאַנואַר 1935, נומ׳ 1 (22). (מיט די געהעריקע סטיליסטישע אויסבעסערונגען).

ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור, די באַזונדערע צעוואָרפנקייט פון די יידישע לאַנד-ווירטשאַפטלעכע וואַרשטאַטן, די נייטיקייט צו אָרגאַניזירן הילף פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט פאַר דער יידישער לאַנדווירטשאַפט—ווירקן מיט, אַז אַן עיקר-דיקער באַדינג פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע איז די האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט און שותּפישע אונטערשטיצונג פון אַלע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס עס קען געשען נאָר דורך פאַראייניקן זיי אין אַ יידישן רעווידיר-פאַרבאַנד. 3) די פאָדערונג פון זעלבשטענדיקער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט צווישן די יידישע לאַנדווירטן, וועלכע באַזירט זיך אויף געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע מאָמענטן, שטייט ניט אין קיין סתירה מיטן אַלגעמיינעם מלוכה-אינטערעס, נאָר פונקט פאַרקערט עס דעקט זיך מיט אים אין דער גאַנצער ברייט. 4) ביי אַזאַ צושטאַנד מוז דאָס אויסטיילן ספּעציעל די יידישע קאָאָפּעראַטיוון פון יידישן רעווידיר-פאַרבאַנד אומבאַדינגט ניט בלויז פאַרהאַמעווען די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן קאָאָפּעראַציע-צווייַג, נאָר עס שטעלט בכלל אין סכנה די עקסיסטענץ פון דער גאַנצער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע".

ליידער האָבן אַלע באַמיִונגען פון דער אָרגאַניזירטער יידישער לאַנד-ווירטשאַפט געהאָלפן נאָר אויף אַזוי פיל, אַז די 2 יידישע לאַנדווירטשאַפט-לעכע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון אין טשאָרטאָוויעץ (סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט) און באָרינצע (לעמבערגער וואָיעוואָדשאַפט) זײַנען געבליבן ביי זייער יידישן רעווידיר-פאַרבאַנד. אַקעגן אַלע יידישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון, צוזאַמען מיט דער „חמאה" זײַנען פון אים אויסגעטיילט געוואָרן. עס האָט קיין סך צײַט ניט גענומען, ביז די רעזולטאַטן האָבן זיך געוויזן בחוש: דער נײַער רעווידיר-פאַרבאַנד האָט באַלד גענומען מאַכן פּרוּוון צו קאָמאַסירן די יידישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון מיט די פּוילישע, אונטער דעם אויסרייד, אַז נאָר גרויסע קאָאָפּעראַטיוון קענען ווי געהעריק אַנטוויקלען זייער פּראָדוקציע. ביז סוף 1935 האָט ער אָבער, איבער פאַרשיידענע סיבות, אין דעם פּרט גאָרנישט אויס-געפירט, חוץ וואָס איין קליינער יידישער מילך-קאָאָפּעראַטיוו אין וויסאָצקאָ-ניזשנע (לעמבערגער וואָיעוו׳) איז קאָמאַסירט געוואָרן מיט אַ פּוילישן מילך-קאָאָפּעראַטיוו און געוואָרן אויך זײַן פיליע פאַר סמעטענע. האָט דער רעווידיר-פאַרבאַנד געפּרוּווט פונאַנדערגרענעצן די טעטיקייט-געביטן פון די שכנותדיקע פּוילישע און יידישע מילך-קאָאָפּעראַטיוון, כדי אָפּצושאַפן די קאָנקורענץ צווישן זיי. אָבער אויך אָט די פּרוּוון האָבן אין 1935 צו גאָרנישט ניט געבראַכט.

XI

# סך-הכּלען

די הויפּטפֿראַגע וואָס מיר האָבן געוואָלט פֿאַרענטפֿערן דורך אונדזער אַרבעט איז געווען, ווי עס איז אָנגעוויזן אין דעם אַרײַנפֿיר: צי עס עקסיסטירט אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט אַ ייִדישע פּויערישע לאַנדווירטשאַפֿט? לכתּחילה האָבן מיר געהאַלטן מיט די סקעפּטיקער, און האָבן אַפֿילו ניט געוואָלט אָננעמען פֿאַר ריכטיק די ידיעות פֿון דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק, אַז 15,2 פּראָצ׳ פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין סטאַניסלאָווער וואָיעוואָדשאַפֿט האָבן אין יאָר 1921 געלעבט פֿון לאַנדווירטשאַפֿט. נאָך דעם ווי מיר האָבן דורכגעפֿירט אונדזער אויספֿאָרשונג, קאָנען מיר קאָנסטאַטירן אָט וואָס:

פֿאַר דער מלחמה האָט דער גרעסטער טייל פֿון דער דאָרפֿישער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין דער וואָיעוואָדשאַפֿט געלעבט פֿון האָלץ-אינדוסטריע, גרובן און דאָרפֿישן האַנדל. אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָבן געהאַט אויך פֿעלד, אָבער עס אַליין ניט באַאַרבעט. בײַ הײַנטיקן טאָג אָבער הערשט אין דער האָלץ-אינדוסטריע און אין די גרובן אַ שטילשטאַנד. זיי זײַנען דעריבער ניט אין שטאַנד צו באַשעפֿטיקן אַ גרעסערע צאָל מענטשן. פֿון דעם דאָרפֿישן האַנדל ווערט ווידער דער ייִד בכלל אַרויסגעשטויסן. די צאָל ייִדישע דאָרפֿישע קראָמען ווערט קלענער פֿון טאָג צו טאָג. זייער אָרט פֿאַרנעמט דער אוקראַיִנישער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס אין אים קויפֿן אויך די ייִדישע אײַנוווינער פֿון דאָרף. חוץ די קאָאָפּעראַטיוון טרעפֿט מען שוין אויך אָפֿט פּריוואַטע ניט-ייִדישע קראָמען.

בײַ אַזעלכע אומשטאַנדן נעמט זיך דער דאָרפֿישער ייִד צו ערדאַרבעט. די צאָל ייִדישע לאַנדווירטן וואַקסט דעריבער פֿון טאָג צו טאָג. דער האַנדל פֿאַרבלײַבט נאָר ווי „אַ פּאַנצער אויפֿן דלות" לויט אַן אויסדרוק פֿון די דאָרפֿישע ייִדן. אויב דער איצטיקער מצבֿ זאָל לענגער אָנהאַלטן, וועלן אַלע דאָרפֿישע ייִדן מוזן ווערן לאַנדווירטן אין פֿולן זינען פֿון וואָרט, ווײַל די קליינע שטיקלעך פֿעלד, וואָס זיי פֿאַרמאָגן, קענען זיי נאָר דעמאָלט עפּעס געבן, ווען זיי וועלן אַליין אַרבעטן און אָפּגעבן זיך אין גאַנצן דער ווירטשאַפֿט, וועלכע ווערט זייער אײנציקער פּרנסה-מקור. יענע דאָרפֿישע ייִדן ווידער וואָס האָבן גאָר קיין ערד ניט — זייער מצבֿ איז גאָר אָן אַן אויסוועג.

אין אונדזער אויספֿאָרשונג האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אין 20 פּונקטן 81 ייִדן אָן ערד. פֿון זיי האָבן 22 (27,3 פּראָצ׳) געלעבט פֿון האַנדל, 27 (33,3 פּראָצ׳)

פֿון מלאָכה, 13 (16,8 פּראָצ') — פֿון פֿאַרשיידענע פּרנסות (בעלי־עגלות, טאָגאַרבעט וכדו'), 5 (1,2 פּראָצ') זײַנען געווען כּלי־קודש, 14 (17,3 פּראָצ') אָן אַרבעט צי אָן אַ באַשטימטער פּרנסה. דערבײַ דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין אַ סך דאָרפֿישע קרעמלעך זעט מען שוין לאַנג קיין מזומן גראָשן ניט אָן, און דער גאַנצער מסחר גייט אויף חילוף; אַז פֿאַר אויפֿנייען אַ גאַרניטער נעמט אַ דאָרפֿישער שנײַדער 5 גילדן, כּדי דער מצבֿ זאָל זײַן קלאָר אָן ווײַטערדיקע פּירושים.

פֿאַר אַ לאַנדווירט קאָנען מיר פֿאַררעכענען נאָר יענעם, וואָס אַרבעט אַליין פֿיזיש אין זײַן ווירטשאַפֿט (דאָס איז נוגע נאָר קליינע ווירטשאַפֿטן; אין גרויסע נאַטירלעך ווערט די אָנפֿירער־אַרבעט אויך פֿאַררעכנט). אונדז האָט באַזונדערס שטאַרק אינטערעסירט די פֿראַגע, ווי ווײַט די ייִדישע ערד־אייגנטימער באַאַרבעטן פּערזענלעך זייער ערד. למען האמת מוז מען מודה זײַן, אַז אַ גרויסער טייל פֿון זיי אַרבעט נאָך מיט פֿרעמדע הענט. זיי דערקלערן דאָס פּשוט: פֿאַר 60—80 גר', מאַקסימום — 1 גילדן אַ טאָג קריגט מען אַן אַרבעטער, דערפֿאַר לוינט ניט צו אַרבעטן אַליין אויף דער ערד, ווײַל אַפֿילו בײַ דער הײַנטיקער שווערער צײַט קען מען פֿאַרדינען מער און לײַכטער פֿון אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג. פֿון דעסט וועגן טוען ייִדן אַליין טייל אַרבעטן, דער עיקר די גרינגערע, למשל די אַרבעטן מיט פֿערד. די קי מעלקן די ייִדישע פֿרויען אַליין, אויסער שבת. דערפֿאַר אָבער סאַפּען, שנײַדן, דרעשן מיטן דרעשפֿלאָקן — דאָס האַלטן אַ סך דאָרפֿישע ייִדן פֿאַר „גוייִשע אַרבעטן". אַפֿילו בײַ אָרעמע ייִדישע פֿאַמיליעס, וואָס יעדער ביסל תּבֿואה אָדער יעדער קילאָ קאַרטאָפֿל איז בײַ זיי אַ יש, טרעפֿט מען אויך ליידער אָפֿט מאָל אַזאַ מין קוק. מיר האָבן אָבער אויך געטראָפֿן פֿיל האָרעפּאַשנע ייִדישע פֿאַמיליעס, וועלכע שטייען ניט אָפּ פֿון די ניט־ייִדישע לאַנדווירטן אין פּרט פֿון פֿיזישער אַרבעט. אין דעם דאָרף טשערניעוו בײַ סטאַניסלאַוו און אין זײַן סבֿיבֿה, למשל, קען מען אַ זומערטאָג טרעפֿן פֿיל ייִדישע פֿאַמיליעס בײַ דער אַרבעט במשך אַ גאַנצן טאָג אין פֿעלד. קיין אַלגעמיינעם סך־הכּל קאָן מען בכן ניט מאַכן בנוגע דער פֿראַגע. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז אייגענע אַרבעט פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מער.

אַזוי אַרום קאָנען מיר ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, צי עס איז פֿאַראַן אַ ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט, פּאָזיטיוו מיט אַזוינע צוויי באַוואָרענישן.

1) די צאָל ייִדישע לאַנדווירטן אין פֿולן זינען פֿון וואָרט איז קלענער פֿון דער צאָל וואָס איז אָנגעגעבן אין דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק, וועלכע איז מסתּמא שייך צו די ייִדישע ערד־אייגנטימער.

2) עס זײַנען פֿאַראַן באַדײַטיקע אונטערשיידן צווישן דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן לאַנדווירט, און די ייִדישע דאָרפֿסלײַט גיבן זיך אַליין אָפּ וועגן דעם אַ דין־וחשבון.

אַלע יידישע קליינע ערד-אייגנטימער אין דער וואָיעוואָדשאַפט קען מען אין אַלגעמיין איינטיילן אין 3 קאַטעגאָריעס:

1) אַזוינע וואָס אַרבעטן אייגנהענטיק כמעט הונדערט פּראָצענט (אויסער דרעשן מיטן דרעשמאַשין, וואָס טרעפט זייער זעלטן). דעם טיפּ טרעפט מען פיל אין דאָרף טשערניעוו און אין זיין סביבה, איינצלנע — אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט.

2) אַזוינע וואָס אַרבעטן אייגנהענטיק אין אַ קלענער מאָס (על פּי רוב נאָר מיט די פערד), אָבער ווירטשאַפטן אַליין. די לאַנדווירטשאַפט איז זייער הויפּט-באַשעפטיקונג און זיי פאַרנעמען זיך מיט איר אַ סך. דאָס שטערט זיי ניט אונטערצוהאַנדלען אויך אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. „אַ דאַנק דעם האַנדל זיינען מיר אין שטאַנד צו פירן בעסער די לאַנדווירטשאַפט און האָבן פון איר מער נוצן", האָט מיר דערקלערט איינער פון זיי. דער טיפּ ערד-אייגנטימער פאַרמאָגט געוויינטלעך מער פעלד, ווי אַ דורכשניטלעכער: 10,5 און מער העקטאַר. דעם טיפּ האָבן מיר געטראָפן אין די דערפער טשאָר-טאָוויעץ, סטעצאָווע, סערניק, קליין-קאַמענקע א"אַ.

3) אַזוינע וואָס גיבן אַוועק זייער ערד „אויף אַ טייל": דער פויער אַרבעט אויפן יידישן פעלד און גיט דעם יידן אַ טייל פון דער גערעטעניש.

די ערשטע און צווייטע קאַטעגאָריע יידישע ערד-אייגנטימער פאַררע-כענען מיר פאַר לאַנדווירטן. מיר האָבן אויך געטראָפן אין דער וואָיעוואָד-שאַפט אָנערדיקע דאָרפישע יידן, וועלכע אַרענדירן אָדער „נעמען אויף אַ טייל" פרעמדע פעלדער און באַאַרבעטן זיי אייגנהענטיק. אויך דעם טיפּ, פאַרשטייט זיך, דאַרף מען צורעכענען צו די לאַנדווירטן.

איצט לאָמיר זען, וואָס עס לערנט די סטאַטיסטיק מכּוח דער פאַקטישער צאָל ייד' לאַנדווירטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוו'. טאַב' XLIII ווייזט די צאָל יידישע ערד-אייגנטימער, וואָס האָבן אין דער פאָלקסציילונג 1931 אָנגעוויזן לאַנדווירטשאַפט ווי זייער הויפּט-פּרנסה.

## טאַבעלע XLIII

### דער הויפּטפאַך פון די יידישע ערד-אייגנטימער אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

| הויפּטפאַך | אַבסאָלוטע צאָל | % |
|---|---|---|
| לאַנדווירטן | 2 535 | 51,2 |
| סוחרים | 1 375 | 27,8 |
| אַרבעטער און בעלי-מלאָכות | 433 | 8,8 |
| באַאַמטע | 167 | 3,4 |
| אינדוסטריע-אונטערנעמער | 118 | 2,4 |
| שענקערס | 115 | 2,3 |
| אַנדערע | 204 | 4,1 |
| צוזאַמען | 4 947 | 100,0 |

מיר זעען בכן, אַז בערך אַ העלפט (51,2 פראָצ׳) פון די יידישע ערד-אייגנטימער האָבן אָנגעגעבן פאַר זייער הויפט-פרנסה לאַנדווירטשאַפט. פאַרשטייט זיך, אַז לאַנדווירטשאַפט קען זיין אַ הויפטפאַך אין די גרעסערע ווירטשאַפטן. חוץ דעם איז דאָס אָפהענגיק פון די לאָקאַלע תּנאים: אָפשטאַנד פון אַ גרעסערן מאַרק, די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אַנדערשוווּ אאַז״וו.

פון די 2535 יידישע ערד-אייגנטימער אין דער וואָיעוואָדשאַפט, וועלכע, האָבן אָנגעגעבן לאַנדווירטשאַפט פאַר זייער הויפט-באַשעפטיקונג, האָבן 738 (29,0 פראָצ׳) אָנגעוויזן, אַז זיי האָבן געהאַט ביי-פרנסות, אָקעגן האָבן 1797 (71,0 פראָצ׳) אָנגעגעבן, אַז זיי האָבן ניט געהאַט בכלל קיין ביי-פרנסות. פון די 738 יידישע לאַנדווירטשאַפטן מיט ביי-פרנסות האָבן 464 (63,0 פראָצ׳) אָנגעגעבן פאַר אַ ביי-פרנסה — האַנדל, 48 (6,5 פראָצ׳) אינדוסטריע, 101 (13,7 פראָצ׳) — לוינאַרבעט און מלאָכה. די איבעריקע — שענקעריי, עפנטלעכער דינסט א״אַ אַרבעטן. דאָס ווייזט די טאַבעלע XLIV.

## טאַבעלע XLIV

די ביי-פרנסות פון די יידישע לאַנדווירטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט

| ביי-פרנסות | אבס׳ | % |
|---|---|---|
| האַנדל . . . . . . . . . . . . | 464 | 63,0 |
| אינדוסטריע-אונטערנעמונג . . . . . . | 48 | 6,5 |
| אַרבעט און מלאָכה . . . . . . . . | 101 | 13,7 |
| עפנטלעכער דינסט . . . . . . . . | 10 | 1,3 |
| שענקעריי . . . . . . . . . . | 35 | 4,7 |
| אַנדערע . . . . . . . . . . . | 80 | 10,8 |
| צוזאַמען . . . . . . . | 738 | 100,0 |

מען דאַרף אין דעם אָרט באַמערקן, אַז די באַגריפן „הויפט-פרנסה" און „ביי-פרנסה" זיינען בכלל זייער פליסיק בנוגע די יידישע ערד-אייגנטימער. איבער די אויבן דערמאָנטע סיבות ווערט לאַנדווירטשאַפט די הויפט-באַשעפטיקונג פון אַ כּסדר וואַקסנדיקער צאָל דאָרפישע יידן, און די ביי-פרנסות פאַרשווינדן בהדרגה.

איינס דאַרף מען געדענקען: דער דאָזיקער היסטאָרישער פראָצעס פון אַגראַריזאַציע פון די דאָרפישע יידן לייגט אַרויף אויף די טעטיקע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן אַ טאָפּלטע אַחריות. זיי מוזן צו אַט דעם פראָצעס זיך צוקוקן און זיי מוזן האָבן אַ קלאָר אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם, ווי אַזוי אַט דער פראָצעס באַוווּסטזיניק צו פאַרשטאַרקן. דורך דעם ווערט געגעבן קאָנקרעטע, ממשותדיקע הילף דער יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג.

דער שוואַכסטער פּונקט פֿון דער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט אין גאַליציע בכלל און אין דער סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט בפֿרט איז, ווי געזאָגט, די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פֿון די ייִדישע לאַנדווירטן. קיין שום ראַציאָנעלע הילפֿאַרבעט קען מחמת דעם ניט דורכגעפֿירט ווערן און די רעזולטאַטן קענען בשום אופֿן ניט זײַן אין הסכם מיט די אַרײַנגעלייגטע הוצאות. דער ענין איז אָבער זייער אַ האַרבער. יעטווידער פּרוּוו, וואָס ייִדן מאַכן אין דער ריכטונג פֿון אָרגאַניזאַציע, רופֿט אַרויס אַ קעגן-אַקציע פֿון דעם ניט-ייִדישן צד, וועלכער טענעט, אַז אין פּוילן הערשט אַ געוואַלדיקער באָדן-הונגער. מען דאַרף אָבער קלאָר מאַכן, אַז אין אונדזער פֿאַל גייט ניט וועגן באַזעצן נײַע מענטשן אויף ערד. עס גייט נאָר וועגן קאָנצענטרירן שוין פֿאַראַנענע לאַנדווירטן, וועלכע זײַנען צעוואָרפֿן אין אַ סך דערפֿער, אין איין אָרט. דאָס וואָלט למשל געקענט געשען אויף ערד פֿון פּאַרצעלירטע ייִדישע הויפֿן אָדער אין דערפֿער, ווו עס וווינען שוין מער ייִדישע משפּחות. אין לעצטן פֿאַל וואָלט מען געמוזט דורכפֿירן אַ בײַט פֿון די ווירטשאַפֿטן מיט ניט-ייִדישע לאַנדווירטן אויף גינציקע באַדינגונגען. און קודם כּל דאַרף מען דעם ענין גענוי אויספֿאָרשן.

די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בעלי-בתּישקייטן אין סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפֿט האָבן, ווי מיר ווייסן פֿון די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען, היפּש חסרונות: 1) אַ פֿעלערדיקע אַגראַרע סטרוקטור, 2) צעוואָרפֿנקייט אין אַ שאַכברעט, 3) ניט גענוגע צאָל געבײַדעס, און אין אַ שלעכטן צושטאַנד, 4) ווייניק טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר, אאַז"וו. די ערשטע 2 חסרונות זײַנען אַ מכּת-מדינה אין פּוילן און קענען באַזײַטיקט ווערן נאָר אין די ראַמען פֿון די אַלגעמיין-מלוכישע אַקציעס אויף דעם געביט (פּאַרצעלאַציע, קאָמאַסאַציע אד"גל). די אויפֿגאַבע פֿון די ייִדישע געזעלשאַפֿטן אין דער פּרט איז צו שטיין אויף דער וואַך, אַז די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט זאָל געניסן פֿון אָט די אַקציעס אין אַ געהעריקער מאָס. די איבעריקע חסרונות קען באַזייטיקן אַ ראַציאָנעל געפֿירטע קרעדיט-אַקציע. אין דער ערשטער ריי דאַרף געגעבן ווערן קרעדיט אין נאַטור (זריעה, קינסטלעכע מיסטן, מכשירים אאַז"וו). אין דעם פֿאַל קען מען זיכער זײַן, אַז דער קרעדיט וועט ברענגען דעם געוווּנטשענעם נוצן.

נאָך אַ וויכטיקערע אויפֿגאַבע ווי די קרעדיט-אַקציע איז די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַלגעמיינער און פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג צווישן די ייִדישע לאַנדווירטן. עס קאָן אפֿשר אויסדוכטן, אַז די פֿאַרשפּרייטונג פֿון אַלגעמיינער בילדונג דאַרף ניט אַרײַנגיין אין דער קאָמפּעטענץ פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן. דאָס איז אָבער ניט אַזוי, ווײַל נאָר אין אַ סביבֿה, וועלכע שטייט אויף אַ געהעריקן קולטורעלן ניווֹאָ, קען די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג ברענגען די געוווּנטשענע רעזולטאַטן. כּדי צו פֿאַרשפּרייטן אַלגעמיינע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע בילדונג אין דאַרף האָט די וועלט געשאַפֿן אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס, ווי פֿאָלקס-אוניווערסיטעטן, פֿאַרשיידענע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך אד"גל. די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט, וועלכע איז

לפֿי ערך קליין אין צאָל און דערצו צעזייט און צעשפּרייט, קען ניט האָבן אַלע אַזעלכע אינסטיטוציעס, און מוז זיך באַנוגענען נאָר מיט איינע פֿון זיי. און דאָס איז דאָס לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזל, וואָס לעצטנס האָט די ייִלאַג גענומען זיך צו גרינדן אַזעלכע. כּדי אָבער די קרײַזלעך זאָלן אַרויסווײַזן די געהעריקע אַקטיוויטעט, איז נייטיק אַ ספּעציעלער אינסטרוקטאָר, וואָס זאָל פֿירן און קאָנטראָלירן די אַרבעט פֿון די קרײַזלעך. זײַן אויפֿגאַבע דאַרף אויך זײַן אויפֿצוּוועקן דעם געזעלשאַפֿטלעכן חוש בײַ די קליינע לאַנדווירטן גופֿא און וואָס מער פֿון זיי אַרײַנציִען אין אַקטיווער אַרבעט. כּדי די קרײַזלעך זאָלן האָבן אַ געהעריקע צוציקראַפֿט, דאַרפֿן זיי אויספֿירן אויך געוויסע ווירטשאַפֿטלעכע פֿונקציעס, ווי פֿאַרקויף פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן און אײַנקויף פֿון די נייטיקע מכשירים און מאַטעריאַלן אד"גל; דאָס קרײַזל דאַרף אויך ווערן דער פֿאַרמיטלער אין קרעדיט. בכלל דאַרף עס ווערן דער צענטער פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין דאָרף. מיר ווייסן אַגבֿ פֿון דער פּראַקטיק פֿון די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פֿאַר אַ שוועריקייטן זיי טרעפֿן אָן בײַם גרינדן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך. אין גרויספּוילן האָט מען במשך פֿון לאַנגע יאָרן באַנוצט ווי צוצי-מיטל לאָטערייעס פֿון פֿאַרשיידענע קלייניקייטן, אין גאַליציע זײַנען צוליב דעם צוועק געשאַפֿן געוואָרן בײַ די קרײַזלעך קרעמלעך אאַז"וו.

די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קרײַזלעך קענען דינען ווי אַ גוטער אינסטרומענט צו פֿאַרשפּרייטן לאַנדווירטשאַפֿטלעכע און אַלגעמיינע בילדונג צווישן עלטערן דור. פֿאַר דער יוגנט איז צום בעסטן צוגעפּאַסט די „לאַנדווירטשאַפֿטלעכע צוגרייטונג“, וועלכע דאַרף נאָך מער פֿאַרשפּרייט ווערן צווישן דער דאָרפֿישער און שטעטלשער ייִדישער יוגנט. יעדער קאָנקורס-גרופּע דאַרף זיך באַמיִען צו האָבן אַן אייגענעם לאָקאַל, ווו די יוגנט זאָל זיך קענען אָפֿט צונויפֿזאַמלען, מאַכן רעפֿעראַטן, דיסקוסיע-אָוונטן אויף אַלגעמיינע און פֿאַך-טעמעס, פֿאַרווײַלונגען אד"גל. דער לאָקאַל פֿון דער „לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג“ דאַרף ווערן דער קלוב פֿון דער ייִדישער דאָרפֿישער יוגנט. אַ דאַנק דער אַזוי רעפֿאָרמירטער „לאַנדווירטשאַפֿטלעכער צוגרייטונג“ וועט די די יוגנט ניט פֿילן אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך דער שטאָט און זי וועט שפּילן די ראָלע פֿון חלוץ בײַ יעטווידער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, וועלכע וועט אונטערגענומען ווערן לטובֿת דעם ייִדישן דאָרף.

די לאַנדווירטשאַפֿט אין פּוילן שטייט אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. זי איז ביכולת צו באַפֿרידיקן נאָר די פּרימיטיווסטע באַדערפֿעניש פֿון די לאַנדווירטן. „די איינציקע געלט-הוצאה פֿון לאַנדווירט איז דער גרונדשטײַער“,[1] און ענלעכע אויסדרוקן זײַנען ניט סתּם אַ פֿראַזע. ניט קיין חידוש דעריבער, וואָס די לאַנדווירטשאַפֿט האָט ניט געהאַט קיין צוציקראַפֿט פֿאַר דעם דאָרפֿישן

1 פֿאַרגלײַך: Jerzy Michałowski, Wieś bez pracy. W-wa 1935

ייִדן, און ביז ניט לאַנג איז זי בײַ אים געווען נאָר אַ בײַ-פּרנסה. דער שטייגער לעבן פֿון פּוילישן און אוקראַיִנישן פּויער קען אַרויסרופֿן נאָר מיטגעפֿיל און רחמנות, ער קען אָבער ניט דינען פֿאַר אַ אידעאַל. כּדי דער ייִדישער לאַנדווירט, וועמען די נויט צווינגט איצט צו פֿאַרנעמען זיך נאָר מיט ערדאַרבעט, זאָל בײַ איר בלײַבן מיט חשק און טאַקע קענען פֿון איר האָבן אַן עקסיסטענץ-מינימום, מוז מען טון אַלץ וואָס עס לאָזט זיך כּדי צו מאַכן רענטאַבל זײַן ווירטשאַפֿט. בײַ דער הײַנטיקער קאָניונקטור אין דער לאַנדווירטשאַפֿט קען דאָס נאָר געשען אויפֿן וועג פֿון אינטענסיפֿיקאַציע פֿון די ווירטשאַפֿטן (איבערהויפּט אין בײַשטאָטישע דערפֿער) און דורך אײַנפֿירן נײַע פּרנסה-צווײַגן. די ייִדישע געזעלשאַפֿטן האָבן לעצטנס געמאַכט פּרוּוון אין דער ריכטונג (פֿאַרשפּרייטונג פֿון בינען-האָדע-וואַניע, סעדערײַ, הייל-קרײַטעכצער, האָדעוואַניע פֿון קראָליקעס, קולטיווירונג פֿון זײַד אד"גל). דאָס איז געוויס דער בעסטער וועג צו סאַנירן די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿט.

עס בלײַבט נאָך צו באַקלערן די פֿראַגע, צי איז מעגלעך, אַז עס זאָלן צוקומען נײַע ייִדישע לאַנדווירטן. דער גרעסטער שטער דערצו איז די אָנגע-נומענע מיינונג, אַז אין פּוילן הערשט באָדן-הונגער און אַן איבערבאַפֿעלקערונג אין דאָרף. אַ פֿאַקט איז, אַז די אַגראַרע סטרוקטור אין פּוילן איז אַ שלעכטע. ריכטיק איז אויך, אַז איבער דעם נידעריקן ניוואָ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט אין לאַנד קען זי ניט שפּײַזן ווי געהעריק די וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט איר; און בײַ אַזאַ מצבֿ מעג מען ריידן וועגן אַן איבערבאַפֿעלקערונג אין דאָרף.

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער, ווען מען האָט אין זינען, אַז 1) די באָדן-רעפֿאָרם איז דורכגעפֿירט געוואָרן נאָר אין אַ קליינער מאָס; 2) אַז עס געפֿינען זיך אין פּוילן גרויסע שטחים ערד ניט צום נוצן, וועלכע וואָלטן געקענט, דורך אַ געהעריקער מעליאָראַציע, ווערן צו פּרוכפּעריקע פֿעלדער און לאָנקעס; 3) דורך דער אינטענסיפֿיקאַציע פֿון די ווירטשאַפֿטן וואָלטן זיי געקענט שפּײַזן אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענטשן ווי איצט, — מעג מען פֿעסט-שטעלן, אַז דער באַגריף „באָדן-הונגער" איז זייער אַ רעלאַטיווער. אַ ראיה דערפֿאַר איז דער פֿאַקט, וואָס די פֿיל וויסנשאַפֿטלער, וואָס באַמיִען זיך אויס-צודריקן אין ציפֿערן די איבערבאַפֿעלקערונג אין פּוילישן דאָרף, זײַנען זיך שטאַרק סותר איינער דעם אַנדערן.[1]

ווי דאָס זאָל אָבער ניט זײַן, קען מען בײַ הײַנטיקן טאָג ניט אויסרע-כענען אויף אַ מאַסן-אַגראַריזאַציע פֿון ייִדן אין פּוילן. חוץ דער דערמאָנטער סיבה שטערט דערצו דער אָרעמער לעבן-שטייגער פֿון לאַנדווירט, וואָס קען ניט צוציִען קיין שטאָטישע עלעמענטן.

די ייִדישע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע געזעלשאַפֿטן האָבן דעריבער נאָך איין אויפֿגאַבע: צו שטאַרקן די פּאָזיציעס פֿון דער שוין עקסיסטירנדיקער ייִדישער לאַנדווירטשאַפֿט.

[1] פֿאַרגלײַך: Józef Poniatowski, Pojęcie i rozmiary przeludnienia wsi W-wa 1936.